STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03938

VER GREYT POGROMEN AF IDN IN AMERIKE?

John Louis Spivak

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווער גרייט פּאַגראָמען
אַף אידן אין אַמעריקע?

אַנטיסעמיטיזם אויפגעדעקט!

ווער גרייט פּאָגראָמען אַף אידן אין אַמעריקע?

פון

דזשאַן ל. ספּיוואַק

פאַרלאַג איד-ביוראָ
ניו יאָרק
1934

PLOTTING POGROMS IN AMERICA

By JOHN L. SPIVAK

ווער גרייט פּאָגראָמען אַף אידן אין אמעריקע ?

פון דזשאָן ל. ספּיוואַק

טיראַזש 10,000

209

אינהאלט

זייט

די אָרגאַניזאַציע פון אַנטיסעמיטישער טעטיקייט אין אַמעריקע.......... 7

„די אידן מוזן פארניכטעט ווערן!”.......................... 20

אַן אַנטיסעמיטיזם אין די הויכע וואַשינגטאָנער קרייזן................ 33

רייכע אידן וואָס פינאַנסירן אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן................ 44

קאָנגרעסמאַן מעקפאַדען, אַנטיסעמיט און שווינדלער................. 56

אַן אַנטיסעמיטישער דועט: איזלי און וויערעק.................... 69

ווער האָט באַצאָלט וואַיאָלאַ אילמאַ'ס רייזע-קאָסטן?................ 83

אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין די אוניווערזיטעטן................ 94

אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פאַרמער.................... 107

נאָכוואָרט 117

I

די אָרגאַניזאַציע פון אַנטיסעמיטישער טעטיקייט אין אַמעריקע

אַ געוועב פון אַנטיסעמיטישן האַס איז די לעצטע פּאָר יאָר אויסגעשפּינט געוואָרן איבערן לאַנד און איבט אויס אַ טיפן און ווייטגרייכנדיקן איינפלוס אַף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַמעריקע. אין דער געשעפט־וועלט, צווישן די פּראָפעסיאָנאַלן און אין דער קולטור־וועלט איז דער אַנטיסעמיטיזם אויפגעשפּילט און אויפגעבורעט געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז דער איד ווערט דאָרט דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון איזאָלאַציע, ווי אין די געטאָ־טעג פון 18טן יאָרהונדערט. עס איז ניט קיין אומגעוויינטלעכע זאַך צו געפינען ליפלעטס אין ניו יאָרקער סאָבוועי וואַגאָנען, וואָס פּריידיקן האַס צו אידן. אין דער יאָרקוויל־געגנט פון ניו יאָרק, וואו עס וואוינען אַ סך דייטשן, מאַכט מען די אידן צו פילן זיך ווי פאַרשטויסענע. אידן וואָס קומען אַריין אין שול אַף דער 85טער גאַס, געפינען דאָרט אויסגעמאָלענע שוואַרצע סוואַסטיקאַס. אַף די שוי־פענצטער פון אידישע קראָמען ווערן אויסגעקריצט סוואַסטיקאַס. אַ „ליבעראַלער" גלח לאַדט איין נאַציס צו קומען אין זיין קירך אַף סעקאָנד עוועניו און דאָרט פּריידיקן האַס צו אידן.

אַ מאַב פון דייטשע נאַציס מאַכט אַן איבערפאַל אַף אַ זאָקן־קראָם אַף 86טער גאַס און לעקסינגטאָן עוועניו און פאָדערט מען זאָל איר ווייזן דייטשע סחורה. אין באָסטאָן טראָגט זיך אַ באַנדע אַמעריקאַנער כוליגאַנעס איבער די גאַסן מיט געשרייען: „הרג'עט די אידן!" פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק ווערט אָן אויפהער צעבלאָזן אַ גייסט פון אַנטיסעמיטיזם. אין דער וועסט דערציילט די שוועדישע צייטונג „וועסט קוסטען", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין סאַן פראַנציסקאָ, אירע לייענער, אַז דער שוועד איז דער העכערער טיפּ אימיגראַנט אין פאַרגלייך מיט אידן. די צייטונג שרייבט:

> „אַנדערע מענטשן גלויבן אָבער, אַז די אידן זיינען ניט מער ווי מיסטגראָז, וואָס דאַרף אויסגעוואָרצלט ווערן; אַז זייער אייגנטום דאַרף קאָנפיסקירט ווערן און אַז זיי דאַרפן אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד. ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט רעכט צו האַסן וועלכע ס'איז ראַסע... אָבער די אידן פּרואוון באַהערשן אַלע אייגוואוינער, און דעריבער טאָר מען זיי ניט אַריינלאָזן."

דער באַהאַלטענער און פּאָטענציעלער אַנטיסעמיטיזם פון פריערדיקע יאָרן איז איצט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט און וואַקסט שנעל אין דער

מאָס ווי די פאַשיסטישע כחות ווערן אַלץ דרייסטער. געוויינטלעך באַשול־
דיקט מען די נאַצי־אַגענטן אין פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן האָס, ווייל דער
אָפענער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך דאָ אַנטוויקלט זינט היטלער איז געקומען
צו דער מאַכט. אָבער אַפּילו די גרויסע מערהייט פון די וואָס פאַרשפּרייטן די
תורה פון „האָס די אידן”, ווייסן אַליין ניט פון וואַנען זי שטאַמט. געוויינט־
לעך ניכטערע אַמעריקאַנער, וועלכע זיינען פולשטענדיק צעטומלט געוואָרן
פון געשעענישן, וואָס זיי קאָנען זיי ניט פאַרשטיין, שטעלן אָן די אויערן,
ווען זיי הערן דעם געשריי, אַז דער איד איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע
צרות דאָ אין לאַנד און אַף דער גאַנצער וועלט.

עטלעכע הונדערט פונט פון דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטישן ליפלעט זיינען אַריינגעשמוגלט געוואָרן קיין ניו־יאָרק אַף דייטשע שיפן און צוגעשטעלט געוואָרן צו די „פריינט פון נייעם דייטשלאַנד”, אַ נאַצי־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרשפּרייט די ליפלעטס איבער אַמעריקע.

אין דער דאָזיקער אויספאָרשונג וועל איך אויפדעקן די שטוינענדע טעטיקייטן הינטער דער ווייט־פאַרשפּרייטער פּראָפּאַגאַנדע. איך וועל ווייזן, אַז די פּראָפּאַגאַנדע דערגרייכט ביז און שטאַמט פון די הויכע אַמטן אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג, גרויסע פירמעס, אוניווערסיטעטן, שטאַטישע און סטעיט־רעגירונגען. דאָס לאַנד ווערט פאַרפלייצט פון אַנטיסעמיטישער און פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, און הינטער דעם דאָזיקן מבול גייען אַרום מיסטעריעזע, כמעט פאַנטאַסטישע פאַרשוינען, אויסלענדישע און אַמעריקאַנער געהיים־אַגענטן, שפּיאָנען, דיפּלאָמאַטישע באַאַמטע, טעראָריסטן, באַנדיטקעס — כמעט אַן אומגלויבלעכע מחנה מענער און פרויען, וואָס מאַכן פאַרשווערונגען, שפּיאָנירן, שמוגלען און שפּינען אַ געוועב פון האַס קעגן אידן און גרייטן צו דאָס לאַנד פאַר פאַשיזם. איך וועל באַווייזן:

1) אַז אַמעריקאַנער, וואָס טרעטן אַרויס ווי נאַצי־אַגענטן, אייניקע פון זיי — אין הויכע רעגירונגס־אַמטן, זיינען צווישן די געהיימע אָנפירער פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

2) אַז אַמעריקאַנער „פּאַטריאָטישע" אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע רייכע אידן מאַכןביישטייערונגען, נוצן אויס די דאָזיקע געלדער פאַר אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

3) אַז אַ סך פון דעם אַנטיסעמיטישן און פאַשיסטישן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל ווערט אַריינגעשמוגלט אַהער אין לאַנד; איך וועל אָנווייזן ווי אַזוי עס ווערט אַריינגעשמוגלט און פאַרשפּרייט אין געהיים, און ווער עס טוט עס.

4) אַז נאַצי־מונדירן ווערן אַהער אַריינגעשמוגלט; אַז נאַציס אין אוניפאָרמס מושטירן דאָ און גרייטן זיך פאַר „דעם טאָג", ווען עס וועלן דורכגעפירט ווערן פּאָגראָמען קעגן אידן.

5) אַז ראַלף מ. איזלי, הויפּט פון דער נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן, וואו מעטיו וואָל, וויים־פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, איז אַ וויים־פּרעזידענט, האָט פאַרשפּרייט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אַהער אימפּאָרטירט געוואָרן דורך דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק, אַ באַצאָלטער נאַצי־אַגענט.

6) אַז ניט געקוקט אויף דער שטעלונג פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר פאַר דעם באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד, האָט איזלי אין געהיים געפּרואווט אָפּשטעלן דעם באָיקאָט.

7) אַז איזלי האָט וועגן דעם צוגעשטעלט געהיימע באַריכטן צו וויערעק'ן.

8) אַז הויכע באַאַמטע פון סטעיט־דעפּאַרטמענט האָבן געאַרבעט מיט איזלי'ן, בעת ער האָט אָפּגעגעבן באַריכטן וויערעק'ן, דעם באַצאָלטן נאַצי־אַגענט.

9) אַז אַ קאָנגרעסמאַן פון פענסילווייניע, וואָס האָט אַטאַקירט די אידן

אין קאָנגרעס, האָט געקראָגן 25 טויזנט דאָלאַר כאַבאַר און איז דעריבער א פּשוט'ער פאַרברעכער.

10) אַז די נאָרט־דזשערמאַן לאָיד און די האַמבורג־אַמעריקאַן לאַין (שיף־קאָמפּאַניעס) האָבן אָפט געגעבן פרייע רייזעס צו אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן.

11) אַז דייטשע אויסטויש־סטודענטן אין אַמעריקע אָרגאַניזירן נאַצי־קעמערלעך אין די אוניווערסיטעטן און פירן אָן אַן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

12) אַז די ווירקונג פון דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע האָט שוין דערגרייכט ביז צו גרויסע געשעפט־פירמעס און אַז צום ווינציקסטן איין אינשורענס קאָמפּאַניע האָט שוין אָנגעהויבן צוריקווייזן אינשורענס פאַר אידן.

די פעדים פון דעם אַנטיסעמיטישן געוועב שפּרייטן זיך אויס אין פיל ריכטונגען. איין אויסגאַנג־פּונקט איז קוירנעל עדווין עמערסאָן, אַן אוואַנטוריסט, א מיטלמעסיקער שרייבער און א גאַנץ קאָמפּעטענטער מלחמה־קאָרעספּאָנדענט. ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט עמערסאָן געוואוינט אף 215 איסט 15טע גאַס, ניו יאָרק, און האָט געהאַט אַן אָפּיס אין צימער 1923, אין דער געביידע פון 17 בעטערי פּלעיס, וואו עס געפינט זיך דער דייטשער קאָנסולאַט. די רענט איז געווען א נאָמינעל־קליינע און צום ווינציקסטן איינמאָל האָט היטלער'ס א באַאַמטער באַצאָלט די רענט אין מזומן. איידער ער האָט געדונגען דעם צימער האָט עמערסאָן זעקס וואָכן צייט געהאַט א דעסק אין דעם דייטשן קאָנסולאַט.

דעם 15טן מאַי, 1933, האָט „אַמעריקאַ'ס דוטשע פּאָסט”, א נאַצי־שריפט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דאָ אין לאַנד און וואָס אַנטהאַלט שאַרפע אַטאַקעס אף אידן, געדרוקט אַן אַדווערטייזמענט, וואָס דערקלערט, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג האָט איינגעאָרדנט זיין ביוראָ אין עמערסאָנ'ס צימער. דאָס איז געווען דער ערשטער סימן, נאָכדעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאכט, אַז עמערסאָן איז אָנגעקומען אהער מיט דער אויפגאַבע אָנצופירן אַנטיסעמיטשיע און פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די נאַצים.

פון זיין צימער, פאַר וועלכן דער דייטשור קאָנסול האָט באַצאָלט, האָט עמערסאָן געגרינדעט די „פרענדס אָוו דזשערמאַני”, וואָס מערסטע מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זיינען איצט אין דער נייער „פרענדס אָוו ניו דזשערמאַני”. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז צווישן די הויפּט־פאַרשפּרייטער פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע. ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט, האָט קוירנעל עמערסאָן געדאַרפט האָבן נעמען פון פּראָמינענטע פּערזאָנען, וואָס זאָלן שטיצן זיין פּראָפּאַגאַנדע־אונטערנעמונג. האָט ער אף זיינע בלאַנקען אוועקגעשטעלט די נעמען פון וויליאַם דזש. דאָנאָוואַן, געוועזענעם רעפּובליקאַנער גאָווערנאָר־קאַנדידאַט, דאָקטאָר ראָבערט מאָרס לאָוועט, א רעדאַקטאָר פון דער „ניו רעפּאָבליק”, און דעם געוועזענעם מעיאָר פון ניו יאָרק, דזשאָרדזש ב. מעקלעלאַן. ער האָט בלויז

„פּאַרגעסן" צו קריגן זייער צושטימונג. די דאָזיקע פּערזאָנען האָבן עפּנטלעך געלייקנט זייער פאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן אַוואַנטוריסט, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די „פרענדס אָוו די ניו דזשערמאַני" איז אַן אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע־צענטער.

קוירנעל עמערסאָן האָט אָנגעפירט זיין פּראָפּאַגאַנדע אַף אַ גאַנצן נאַרישן אופן.

די „פרענדס אָוו דזשערמאַני" האָט דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען מיט „שטורעם־טרופּן" אין פולע אוניפאָרמס; ביטערע אַטאַקעס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן אידן אַף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. באַאַמטע און מאַטראָסן פון דייטשע שיפן זיינען געקומען צו יענע מיטינגען און געפּריידיקט זייער אַנטיסעמיטישע תורה, ביז די אידישע און ניט־אידישע פּרעסע האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן מיט גלייכער ענערגיע. דעם טאָן פון די דאָזיקע רעדעס האָט אויסגעדריקט ל. סאָליוואַן פון באָסטאָן. אַף אַ מיטינג אין טורנהאַלע, לעקסינגטאָן עוועניו און 85טע גאַס, ניו יאָרק, דעם 5טן יוני, 1934, האָט סאָליוואַן עטלעכע מאָל גערעדט וועגן די אידן, ווי „די שמוציקע שטינקענדיקע קאַיקס".

דער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס אין בערלין האָט זיך דערפילט באַלעסטיקט און די גאַנצע אויסלענדישע פּראָפּאַגאַנדע איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן. עמערסאָן איז צוריקגערופן געוואָרן קיין דייטשלאַנד, אָבער איידער ער איז צוריקגעפאָרן צו קריגן באַשטימטע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי אָנצופירן זיין אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער אויסגעדריקט זיין האַס קעגן די אידן אַף אַ ריי פאַרזאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד און האָט אוועקגעשטעלט די פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אַף אַן אָרגאַניזירטן באַזיס.

אין אָקטאָבער 1933 האָט ראָיאַל סקאָט גולדען, אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע פון דעם „גאָרטשיצע קעניג" (גולדענס מאַסטאַרד), וועלכער איז געשטאַנען אין ענגער באַרירונג מיט עמערסאָנ'ען, געפּרואווט אָרגאַניזירן אַ שפּיאָנאַזש־סיסטעם אַף נאָכצושפּירן קאָמוניסטן. עמערסאָן האָט אים געלערנט, אַז אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן און אַלע קאָמוניסטן — אידן. גולדען האָט געהערט, אַז דער דעמאָלטיקער מעיאָר־קאַנדידאַט לאַ־גוואַרדיאַ האָט געהאַט אַ אידישע מאַמע און ער האָט דערפון געצויגן דעם שלוס, אַז לאַ־גוואַרדיאַ איז אַ קאָמוניסט. ער האָט באַשלאָסן אָנצושטעלן שפּיאָנען אַף צו נאָכשפּירן לאַ־גוואַרדיאַ'ן אין דער האָפענונג צו קריגן גענוג „באַווייזן" אַף אים אַראָפּצוזעצן, אויב ער וועט דערווילט ווערן. פאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט גולדען אָנגעשטעלט פּרעד ר. מאַרווינ'ען, אַ באַוואוסטן פּראָפעסיאָנעלן „פּאַטריאָט". דעם 17טן אָקטאָבער, 1933, האָט מאַרווין אַריינגעשיקט זיין רעפּאָרט וועגן לאַ־גוואַרדיאַ'ן. ס'איז אָבער באַלד געוואָרן קלאָר, אַז ניו יאָרק איז נאָך ניט גרייט אַראָפּצוזעצן דעם מעיאָר דערפאַר, וואָס זיין מאַמע איז געווען אַ אידישע טאָכטער.

צו יענער צייט האָט גולדען שוין געמאַכט פאַרבינדונגען מיט אַנדערע פּאַטריאָטן, וואָס זיינען געווען אַנטשלאָסן אויסצוראָטן די קאָמוניסטישע

און אידישע געפאר. דריי אַזייגער באַטאָג, דעם 10טן מערץ, 1934, האָט גולדען פאררופן א זייער געהיימע באַראַטונג אַף 139 איסט 57טע סטריט. עס זיינען אַנוועזנד געווען: גולדען, דזש. שמידט, ריטשאַרד ראָלינס און וויליאַם דאַדלי פּעלי, פירער פון די „זילבערנע העמדלעך" („סילווער שוירטס"). אַף דער באַראַטונג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן צו אַטאַקירן קאָמוניסטישע גרופּן וואו נאָר זיי וועלן זיך באַווייזן אַפן גאַס, ווייל „אַזוי אַרום וועלן סטעיט- און שטאַט-רעגירונגען באַוועגט ווערן צו אונטערדריקן די אידישע און קאָמוניסטישע באַוועגונג". די פּאַטריאָטן האָבן באַשלאָסן, אַז צו יעדער צייט מוז דער קאַמפּס-געשריי זיין: „הרג'עט דעם גאָענטסטן אידן!". עטלעכע ראַיאָטן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אַף גאַסן-מיטינגען אין ניו יאָרק די לעצטע צייט, זיינען געווען די אַרבעט פון גולדען'ס פּראָוואָקאַטאָרס. איך וועל מיט פאַרגעניגן צושטעלן איינצלהייטן וועגן דעם צו דער ניו יאָרקער פּאָליציי, אויב די זאַך אינטערעסירט זי.

אַף דער באַראַטונג איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו פּאַרשפּרייטן אַנטי-סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע ספּעציעל צווישן סאָלדאַטן, מאַטראָסן און פּאָליציי. מיט דער הילף פון זיינע נאָכפאָלגער האָט גולדען אויסגעאַרבעט אַ קאַרטל, וואָס האָט זיך געלייענט:

קריסטלעכע אַמעריקאַנער, אויפמערקזאַם!

איך שטים איין צו באַקעמפן ניט קריסטלעכע קאַנדידאַטן פאַר עפנטלעכע אַמטן.

איך שטים איין צו פּאַטראָניזירן קריסטלעך-אַמעריקאַנער פירמעס און קראָמען.

איך שטים איין צו קעמפן און פּראָטעסטירן קעגן אַלע ניט-אַמעריקאַנער פאָרמען פון רעגירונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מעלדונגען וועגן מיטינגען וועלן געשיקט ווערן.

נאָמען — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַדרעס — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געשיקט פון — — — — — — — — — — — — — — — —

בלאָק סענטינעל.

די קאַרטלעך זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין מאַסן אַרום וואָל סטריט און אויך אין דער דייטשער געגנט אין יאָרקוויל דורך מיטגלידער פון דעם „אָרדער אָוו 76'". פּעקלעך זיינען געשיקט געוואָרן קיין שיקאַגאָ, טאָלידאָ, סט. לואיס און לאָס אַנדזשעלעס.

די דאָזיקע פּאַטריאָטישע גרופּע האָט באַשטעלט אַ גרויסע צאָל פון די פולשטענדיק-דיסקרעדיטירטע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", וואָס האָבן געזאָלט פאַרשפּרייט ווערן אַף קריג-שיפן און אין מיליטערישע לאַגערן כדי אויפצורייצן די סאָלדאַטן און מאַטראָסן קעגן דער „אידישער געפאַר".

גולדען האָט געהאַט ברייטע פאַרבינדונגען מיט איינפלוסרייכע מענטשן.

זיינע אַגענטן זיינען געווען באַקאַנט מיט דזשעימס טריו, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַן „אינדאַסטריעל קאָנטראָל רעפּאָרט", אַ מין פּריוואַטע אינ־פאָרמאַציע־בלאַט. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע איז דורך דער דאָזיקער טריו־פירמע פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַ סך געשעפטסלייט (אַריינגערעכנט אידישע), וואָס האָבן אויסגעשריבן דעם „אינדאַסטריעל קאָנטראָל רעפּאָרט".

צום ביישפּיל, דעם 30טן יוני, 1934, האָט זיין רעפּאָרט געמאָלדן:

„העכער 500 מענער און פרויען, וואָס זיינען געגנער פון דער קריסט־לעכער רעליגיע, זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף וויכטיקע אַמטן. אַ סך מענער און פרויען וואָס זיינען באַקאַנט ווי קאָמוניסטישע ראַדיקאַלן, אָפענע אַטעאיסטן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין פּאָזיציעס פון מאַכט און האָבן געשריבן געזעצן, וואָס אַ געקויפטער קאָנגרעס האָט דורכגעפירט אָן שום פראַגן...

„אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטע אידן זעען די שריפט אויף דער וואַנט, פּראָטעסטירן קעגן דער געלעגנהייט וואָס די נאַצי־אָרגאַניזאַציעס קריגן, און זאָגן, אַז די גרויסע צאָל אידן אין דער רעגירונג דאַרף פאַרקלענערט ווערן... ניט־אידישע ראַדיקאַלן און קאָמוניסטן שעפּטשען, אַז אויב דער „נייער דיל" פּלאַן וועט דורכפאַלן, וועלן זיי מאַכן דעם אידן פאַר דעם כפּרה־הינדל. דער וועג זעט אויס פינצטער פאַר עטלעכע מיליאָן אַמעריקאַנער אידן, וואָס האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער סאָציאַלער און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד."

גולדען'ס טעטיקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט. בעלי האָט זיך פאַר־אינטערעסירט מיט דער דאָזיקער טעטיקייט, און דריי אַזעלכער באַטאַג, דעם 31טן מערץ, 1934, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן נאָך אַ באַראַטונג אויף דעם 57טע סטריט אַדרעס. אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט: קאָמאַנדיר משאַרלז ע. גילפּין, קוירנעל ס. וו. טראַקמאָרטאָן, גולדען, קוירנעל ע. ב. סאַנקטשוארי, קאַפּיטאַן מאַריארטי, דזש. ה. ראָיס, און וואָלטער דזשאַנסאָן.

דאָס לאַנד איז געווען אין פינפטן יאָר פון קריזיס. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געוואַקסן. און אַזעלכע ווי קאָמאַנדיר גילפּין, קוירנעל טראַק־מאָרטאָן, גולדען, קוירנעל סאַנקטשוארי, וואָלטער דזשאַנסאָן און ענלעכע רעאַקציאָנערן האָבן זיך געשראָקן, אַז די רעוואָלוציע וועט אין איין שיינעם פרימאָרגן אַריינגעשמוגלט ווערן פון מאָסקווע קיין אַמעריקע אויף אַ שיפל... און די אידן, אַלס אידן, האָבן זיי געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מאָסקווע, פאַר דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און פאַר דער מיסיסיפּי־פאַרפלייצונג...

עס קלינגט ווילד. אָבער פּונקט אַזוי ווילד האָט געקלונגען דאָס רעוועון פון היטלער'ן איידער ער איז אַריין אין מאַכט.

די דערמאָנטע גרופּע האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ שפּיאָנאַזש און פּראָפּאַגאַנדע סיסטעם קעגן אידן און קאָמוניסטן. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן דער „אָרדער אָוו 76'" (ד. ה. פּאַטריאָטן לויטן שניט פונם יאָר 1776). ראַיאַל סקאַט גולדען איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרע־טאַר און פירער פון דער אָרגאַניזאַציע.

באַלד האָבן באַאַמטע פון די שפּיאָנאַזש־דעפּאַרטמענטס פון דער אַמערי־

קאנער ארמיי און פונם פלאט געגומען אריינגטרעטן אלס מיטגלידער אין דער ארגאניזאציע. עס זיינען אויך אריינגעטראטן פראמינענטע ניו יארקער דעטעקטיווס, באנקירן און רייכע לייט. גולדען אליין האט ניט געוואוסט ווי מען דארף אנפירן שפיאנאזש־ארבעט, האט אים קוירנעל עמערסאן רע־קאמענדירט א פערזאן, וואס זאל די ארבעט טאן פאר אים. דער נאמען פון יענער פערזאן איז געהאלטן געווארן שטארק אין געהיים. אבער מיר ווייסן זיין נאמען. דאס איז קוירנעל פריץ דיוקען, וועלכער האט געדינט אלס דייטשער שפיאן אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה, און האט זיך בארימט, אז ער האט געזונקען די ענגלישע קריגשיף „העמפשיר" צוזאמען מיט לארד קיטשענער, וועלכער איז געפארן אף איר. דיוקען איז איצט אין ניו יארק אונטער אן אנדער נאמען, און אויב די רעגירונגס־באאמטע זיינען פאראינטערעסירט וועל איך זיי גערן געבן זיין נייעם נאמען און אדרעס. און אויב ער וועט זיי בייטן — נאכדעם ווי ער וועט איבערלייענען דעם ארטיקל — וועל איך זיי געבן זיין נייעם אדרעס.

די פארהאנדלונגען און דיסקוסיעס אין אט דער שפיאנאזש־ארגאני־זאציע האבן זיך כסדר געדרייט ארום אידן. איך וועל ציטירן א מוסטער פון א פראטאקאל פון איינעם פון זייערע געהיימע מיטינגען, וואס זיי האבן אפגעהאלטן אין קאלאניאל זאל פון האטעל „וועילין" אין ניו יארק:

„דער פארזיצער: איך וואלט וועלן פרעגן די גרופע: א קאלום־שרייבער (פעליעטאניסט) פון איינער פון אונזערע צייטונגען איז איצט ארויסגעקומען אלס קאמוניסט. ער איז פריער געווען א לינקער סאציאליסט. איך מיין העיוואוד ברון. איר האט פיליכט באמערקט, אז ער הויבט אן צו רעדן פון עפל און בארן און צום סוף קומט ער שטענדיק ארויף אף דער אלטער טעמע — קאמוניזם. אין זיין לעצטן ארטיקל האט ער פאקטיש פאראויסגעזאגט א רעוואלוציע. עס בלייבט צו זען וואס אמעריקע וועט טאן אין דער צוקונפט, צי אמעריקע וועט גיין דעם גאנצן וועג, צי אפן מיטעלן וועג, אדער עטוואס אזוינס. איך צי אייער אויפמערקזאמקייט צו אט־דעם קאלום און איך הייס אייך אכטונג געבן אף אים. די אייגנטימער פון יענער צייטונג זיינען מער ווי פריינטלעך צום סאוועטן־פארבאנד.

„פראגע: וועלכע צייטונג איז עס ?

„פארזיצער: די „װארלד־טעלעגראם". איך וועל בעטן קוירנעל סאנקטשוארי עפעס צו זאגן איידער מיר גייען זיך פאנאנדער.

„קוירנעל סאנקטשוארי: איך וועל עס מאכן זייער קורץ. געוויס, דאס וואס גייט אן דא אין צימער מוז זיין געהיים. אבער וויפנדיק די וויכטיקייט פון צושטעלן אינפארמאציע צו קאנגרעסמאן מעקפאדען האב איך געלאזט אפדרוקן א טייל פון דעם קאפיטל פון מיין קומענדיקן בוך, וואס הייסט „דער טערמיט ליטווינאוו". איך שיק אים דאס צו ווייזן עס צו געוויסע וויכטיקע פערזאנען אין וואשינגטאן. אויב מיר קאנען אט־די שפיל ניט שפילן צוזאמען וועל איך פון איר ארויספאלן. איך וועל אייך בלויז פארלייענען די אינהאלט־פארצייכעניש פון מיין בוך: „פארשווערנ־דיקע טערמיטן". איר ווייסט דאך וואס טערמיטן זיינען — זיי זייגען

ווייסע מוראַשקעס, וואָס גראָבן זיך אַריין אין האַלץ און גראָבן אונטער די געבײַדע. (ער לייענט די נעמען פון קאַפּיטלעך) : „טערמיטן פון דער יאַנג מענס קריסטשיען אַסאָסיעישאָן אין די קירכן", „פרידנס-אַפּמאַך טערמיטן", „אינטערנאַציאָנאַלע טערמיטן", „די טערמיטן ליטווינאָוו, בוליט, א. אַז. וו.", „דײַטשלאַנד און דער איד", „באַמערקונגען וועגן די פּראָטאָקאָלן", א. אַז. וו.

„פראַגע: זײַנען די פּראָטאָקאָלן נאָך אין קראַפט?

„קוירנעל סאַנקטשוארי: די פּראָטאָקאָלן זײַנען עכט און זיי אַרבעטן הײַנט-צו-טאָג.

„מר. אטהעי: ווייסט איר פאַרוואָס די געהיימניש פון לינדבערג'ס זון איז ניט געלייזט געוואָרן? האָט איר געהערט, אַז סענאַטאָר מאָראָו (לינדבערג'ס שווער) איז געווען באַ אַ אידישן באַנקעט און ער איז געשטאָרבן פון פאַרגיפטונג? לינדבערג'ס זון איז געטויטעט געוואָרן אין אַ ריטואַלן מאָרד."

דאָס אַלץ קלינגט ווילד און אומגלויבלעך, אָבער אַט-דער אָרדן ציילט אַלס מיטגלידער אײַנפלוסרײַכע מענער און פרויען, וואָס שטייען אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער מיליטערישער וועלט און מיט דער וועלט פון ביזנעס און פּאָליטיק.

באַ איינעם פון די לעצטע מיטינגען פון אָט דעם אָרדן האָט גולדען אַנאָנסירט, אַז ער האָט פאַרענדיקט די צוגרייטונגען צו פאַרשפרייטן די „פּראָטאָקאָלן פון ציון" אויף אַמעריקאַנער קריגשיפן און צווישן אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

דעם 22טן פעברואַר, 1934, האָבן זיך די רעפּובליקאַנישע קאַמפּיין-קאָמיטעטן פון סענאַט און פון קאָנגרעס פאַראייניקט אָנצופירן אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמפּיין פאַר די קומענדיקע קאָנגרעס-וואַלן. די צוויי קאָמיטעטן האָבן אָנגעשטעלט סידני ברוקס'ן, געוועזענעם הויפּט פון דער פאָרשונג-ביוראָ פון דער „אינטערנעשאָנאַל טעלעגראַף ענד טעלעפאָן קאָ"., וועלכער איז היימיש מיט די פירנדיקע רעפּובליקאַנישע סענאַטאָרן און קאָנגרעסלײַט און ווייסט וואָס עס טוט זיך הינטער די פּאָליטישע קוליסן.

דעם 4טן מערץ, 1934, איז אָט דער ברוקס געקומען צופאָרן אין האָטעל עדיסאָן, ניו יאָרק, וואו אַ געוויסער „וויליאַם ד. גודעילס פון לאָס אַנדזשעלעס" האָט אויף אים געוואַרט אין צימער 830. דער „מר. גודעילס" איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי וויליאַם דאַדלי פּעלי, דער אָנפירער פון די „סילווער שוירטס", וועלכער איז ספּעציעל געקומען קיין ניו יאָרק צו אַ קאָנפערענץ מיט ברוקס'ן און גולדען'ען! נאָך אַ קורצער באַראַטונג צווישן ברוקס'ן מיט „גודעילס"-פּעלי זײַנען זיי ביידע אַוועק צו גולדען'ען אין אָפיס. דאָרט, נאָך אַ געשפּרעך, וואָס האָט געדויערט אַ שעה, איז באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמענצושמעלצן דעם „אָרדער אָוו 76'" מיט די „סילווער שוירטס", כדי זיי זאָלן קאָנען מער עפעקטיוו אָנפירן זייער אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

שפעטער האט גולדען פאר דער קאנגרעס-קאמיסיע, וואס האט אונטער־זוכט נאצי־טעטיקייטן, געלייקנט, אז דער „ארדער און 76" האט זיך צו־זאמענגעגאסן מיט די „סילווער שוירטס". נו, ווער אפשר די קאנגרעס־קאמיסיע זיין פאראינטערעסירט צו באקענען זיך מיט א בריוו, וואס פאול א. טאול, אויסערלעכער אדיוטאנט פון די „סילווער שוירטס", האט דעם 6טן מערץ, 1934 — צוויי טעג נאך דעם געהיימען אפמאך בא גולדען'ען אין אפיס צוזאמענצוגיסן די צוויי פאשיסטישע ארגאניזאציעס — געשריבן צו גולדען'ען. דער בריוו זאגט:

„טייערער פריינט גולדען:

„חיינט האט מיר דער משיח (וויליאם ד. פעלי) איבערגעגעבן די גוטע נייעס, אז אייער ארגאניזאציע האט באשטימט צוזאמענגיסן איר מיטגלידער־שאפט מיט דעם „זילבער־לעגיאן".

„ס'איז איבעריק צו זאגן, אז עס פרייט מיך זייער צו וויסן, אז איר זייט איצט איינער פון אונז, ניט בלויז אין גייסט, ווי איר זייט תמיד געווען, נאר אויך אין „אקציע און עמבלעם". לאמיר מאן גוטע ארבעט צוזאמען.

„דער בריוו־אויסטויש, וואס איז אויפגעגעבן געווארן אף עטלעכע וואכן, וועט איצט ווידער אנגיין מיט נייעם לעבן און מוט.

„שטעלט זיך אין פארבינדונג מיט מיין פריינט, גענעראל ע. ס. אימ־נאדזע, 51 איסט 129טע גאס, ניו יארק. ער איז איינער פון אונזערע מיט־גלידער. ער איז א געוועזענער גענעראל פון דער צארישער אימפעריע, און איצט מאכט ער „קליינע דזשאבס" און ער איז פינאנציעל, קאן מען זאגן, פארקריפלט. אבער ער איז דער הויפט פון דער צוויטער נארט־אמעריקאנישער סעקציע פון די „אל־רוסישע קריגס־לייט" („אל־ראשיען קאמבאטאנטס"), וועלכע באשטייען פון געוועזענע צארישע רוסישע אפיצערן, און ער קאן זיין זייער באהילפיק אין אונזער ארבעט. ער שטעלט מיר צו ווערטפולע אינ־פארמאציע פון פאריז וועגן סאוועטישע אנטוויקלונגען.

„איר ווייסט מסתמא, אז פריינט מעלניקאוו איז איצט דער רעדאקטאר פון דער „רוסקאיא גאזעטא" און ער וואלט זייער וועלן דרוקן אן ענגלישע אויסגאבע אין זיין רוסישער דרוקעריי. עס וואלט אפשר געווען ראטזאם איר זאלט אויפנעמען זיין פארשלאג מיט אייערע מענטשן אין ניו יארק."

ברוקס אליין פלעגט יעדעס מאל ווען ער איז געקומען קיין ניו יארק אף זיינע געהיימע מיסיעס באזוכן 17 בעטערי פלעיס, וואו עס געפינט זיך דער אפיס פון דעם דייטשן גענעראל־קאנסול. דארט פלעגט ער באזוכן איינעם א דזשאן אי. קעלי. אין א בריוו צו קעלי'ן, דאטירט דעם 27טן דעצעמבער, 1933, האט ברוקס געשריבן: „איך וועל זיין אין ניו יארק פון פרייטיק ביז מאנטיק און מען קאן מיך קריגן אף דעם געוויינלעכן שטייגער — גראמערסי 5-9193 (נאכפרעגן עמערסאן)."

וויסן מיר שוין, אז ברוקס שטייט נאענט צו הויכע רעגירונגס־באאמטע, אז ער שטייט אין פארבינדונג מיט פערזאנען אין דער געביידע פון דייטשן קאנסולאט און אז ער גיט זיך אפ מיט פאראייניקן די טעטיקייט פון אנטי־סעמיטישע און פאשיסטישע ארגאניזאציעס. ווער־זשע איז אבער דער

עמערסאָן, בײַ וועמען ער הייסט נאָכפרעגן אויף זיך?

דאָס דערקלערט אונז די אַפּליקאַציע, וואָס ברוקס האָט אויסגעמאַכט בעת ער איז אַריינגעטראָטן אין דער געהיימער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, אין דעם „אָרדער אָוו 76′′. די אַפּליקאַציע ווייזט, אַז עמערסאָן — דאָס איז טאַקע ער, ברוקס, אַליין! פון דער אַפּליקאַציע ווייזט זיך אַרויס אַז ז י י ן פ אָ ט ע ר א י ז ק ו י ר ג ע ל ע ד ו ו י ן ע מ ע ר ס אָ ן, א ה י ט ל ע ר ־ אַ ג ע נ ט! דעם נאָמען ברוקס האָט ער גענומען פון זיין מאַמען, וועמעס מיידלשער נאָמען ס'איז געווען ברוקס.

און אָט איז נאָך אַ פאַקט וועגן דער אַנטיסעמיטישער טעטיקייט פון די הונדערט־פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער „פּאַטריאָטן":

דעם 3טן מערץ, 1934, בעת די פאַרהאַנדלונגען צו פאַראייניקן דעם שפּיאָנאַזש־אָרדן מיט די „זילבערנע העמדלעך" זיינען נאָך אָנגעגאַנגען, האָט עדוואַרד ה. האַנטער, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דער „אינדאַסטריעל דעפענס אַסאָסיעישאָן" פון נומער 7 וואָטער סטריט, באָסטאָן, געשריבן אַ בריוו צו די "פריינט פון דייטשלאַנד". אין דעם בריוו האָט דער „פּאַטריאָט" האַנטער געשריבן:

„מיר שיקן אייך 25 קאָפּיעס פון אונזער „שוואַנען־ליד פון האַס", ווי פאַרלאַנגט, און איר קאָנט באַקומען אַזויפיל וויפיל איר ווילט.

„עטלעכע מאָל האָב איך קאָנפערירט מיט דר. טיפּעלסקירך און איך האָב אים איינמאָל פאָרגעשלאָגן, אַז אויב ער וואָלט געקאָנט קריגן די פינאַנציעלע שטיצע פון דייטשלאַנד וואָלט איך געקאָנט אָנהויבן אַן אמת'ע קאַמפּאַניע, וואָס וואָלט געווען זייער עפעקטיוו.

„אַלץ וואָס איז נויטיק כדי אומצוקערן אַמעריקע צו די אַמעריקאַנער איז צו אָרגאַניזירן די פילע טויזנטער פּערזאָנען, וועלכע זיינען קרבנות פון יודאַאיזם, און איך בין גרייט דאָס צו טאָן צו יעדער צייט."

דער דר. טיפּעלסקירך, מיט וועמען האַנטער האָט פאַרהאַנדלט, איז דער דייטשער קאָנסול אין באָסטאָן!

אָט־דער הונדערט־פּראָצענטיקער „פּאַטריאָט", עדוואַרד האַנטער, איז גרייט צו אָרגאַניזירן אַ קאַמפּאַניע קעגן אידן און „אומצוקערן אַמעריקע צו די אַמעריקאַנער" — אויב היטלער וועט אים דערפאַר באַצאָלן!... אַז אַן אַמעריקאַנער „פּאַטריאָט" זאָל בעטן געלט בײַ היטלער'ן, איז קיין נייעס ניט, ווי איך וועל ווייזן אין אַנדערע קאַפּיטלען. דערווייל לאָמיר זען, וואָס פאַר אַ סאָרט פּראָפּאַגאַנדע קעגן אידן עס ווערט פאַרשפּרייט פון אָט־די נאַצי־אַגענטן.

די דייטשע רעגירונג אַליין שיקט אַרויס פון איר פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ מאַטעריאַלן דירעקט צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס. אייניקע פון די מאַטעריאַלן קומען פון בודאַפּעסט, און זיי זיינען כלומר'שט געשריבן פון אַמעריקאַנער, וואָס געפינען זיך אין אייראָפּע. אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן ווערן אָפן אימפּאָרטירט אין דער פאָרם פון ביכער, ליפלעטס און בראָשורן, וועלכע ווערן פאַנאַנדערגעטיילט אין אַמעריקע. אָט־די שריפטן פאַרנעמען זיך

דירעקט ניט מיט פארדאמען אידן, נאר מיט פארדאמען קאמוניסטן און אנדערע. אבער אינמיטן ווארפן זיי אריין די שענדלעכסטע אטאקעס קעגן אידן. נאך אנדערע מאטעריאלן ווערן אריינגעשמוגלט אף דייטשע שיפן. אזא מאטעריאל ווי „יודא'ס מאכט דייטשלאנד'ס טויט" איז אריינגעשמוגלט געווארן מיט דער „אייראפא" און ס'איז אנגעקומען צו גינטער ארגעל, הויפט

Der Stürmer

Deutsches Wochenblatt zum Kampfe um die Wahrheit

HERAUSGEBER: JULIUS STREICHER

Schriftleitung und Verlag: Nürnberg-A, Pfannenschmiedsgasse 19 • Schriftleitung: Telephon 21872 • Verlag: Telephon 21830
Sprechstunden: Jeden Dienstag und Donnerstag vormittags 11—12 Uhr • Postscheckkonto Nürnberg Nummer 105

Schriftleitung Nürnberg-A, 14. Juni 1936.
W./Schm. Pfannenschmiedsgasse 19

Dear Sir,

Your letter of the 24th ult. to hand and contents of same duly noted.- It is always healthy to hear criticism, but yours is of such a nature as to convince us that you are quite ignorant of the true state of affairs in our country.

Our object is to open the eyes of our countrymen to the real character of the Jews and their terrible, bloodthirsty ritualism and if our revelations are not quite palatable to your countrymen, then it is a sure sign that you and your countrymen do not yet realise what a danger the Jewish race is to human civilization.-

We do not seek you forgiveness but your understanding and whether it suits you or not, we will not abate one jot in our ruthless fight against Jewish crimers and lust for power.- It is my firm determination and highest ambition to cleanse not only my own country but every civilized nation of the Jewish pest. We have no fear that retribution will ultimately take its price in the right quarter.-

I extend you a hearty invitation to come over to Germany, where a warm welcome always awaits you and I have the sincere desire of explaining you the real motives of my action.- Awaiting the pleasure of making your personal acquaintance and assuring you of a safe conducts wherever you may go in Germany, I am, dear Sir,

Respectfully yours

Ohne Lösung der Judenfrage keine Erlösung des Deutschen Volkes!

דער בריוו, וואס איז געשיקט געווארן מיט יעדן נומער פון דעם אנטיסעמיטישן זשורנאל „דער שטירמער". דייטשע שיפן האבן אריינגעשמוגלט טויזנטער קאפיעס פון דעם זשורנאל און נאצי-אגענטן צוזאמען מיט אמעריקאנער אנטיסעמיטן האבן אים פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד.

פון די „פריינט פון דייטשלאנד", וועלכע האבן דאס פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד דורך זייערע אפטיילונגען.

דעם 9טן סעפטעמבער, 1933, האט אן אנדערע דייטשע שיף אריינגעשמוגלט 400 פונט פון דעם זשורנאל „דער שטורמער", רעדאקטירט פון דעם נאצישן בלוט-בלבול פארשפרייטער, דר. יוליוס שטרייכער. אין יעדן עקזעמפליאר פון דעם זשורנאל איז געלעגן א בריוו, וואס האט געזאגט:

„אונזער אויפגאבע איז צו עפענען די אויגן פון אונזערע לאנדסלייט אף דעם אמת'ן כאראקטער פון די אידן און אף זייער שרעקלעכן, בלוט-דורשטיקן ריטואליזם. און אויב אנדערע אויפדעקונגען שמעקן ניט אייערע לאנדסלייט, באווייזט עס, אז איר און אייערע לאנדסלייט זענען נאך ניט איין וואס פאר א געפאר די אידישע ראסע איז פאר דער מענטשלעכער ציוויליזאציע.

„מיר בעטן ניט אייער אנטשולדיקונג, נאר אייער פארשטענדעניש און צי עס געפעלט אייך אדער ניט וועלן מיר ניט אפטרעטן אף קיין האר פון אונזער אומדערבארימדיקן קאמף קעגן אידישע פארברעכנס און זייער דראנג צו מאכט. ס'איז מיין פעסטע אנטשלאסנקייט און העכסטע אמביציע אויסצורייניקן ניט נאר מיין אייגן לאנד, נאר אויך אלע אנדערע ציוויליזירטע לענדער פון דער אידישער מגפה."

אט-דער סארט פראפאגאנדע איז פאנאנדערגעטיילט געווארן פון די „פריינט פון דייטשלאנד", וועלכע איז ארגאניזירט געווארן אין אפיס פון דעם דייטשן גענעראל-קאנסול אין ניו יארק.

דורך אט-דער נאצישער פראפאגאנדע-ארגאניזאציע, וואס קוירנעל עמערסאן האט אנטוויקלט, איז די דאזיקע שענדלעכע פראפאגאנדע פארשפרייט געווארן און דער „ארדער אוו 76" העלפט איר דערין ארויס.

די פארשפרייטונג פון אט-דעם סארט פראפאגאנדע גייט נאך אן היינט-צו-טאג און עס לאזט אן איינדרוק אף געוויסע שיכטן פון אמעריקאנער פאלק. דאס איז א סך פאראנטווארטלעך פארן וואוקס פון אנטיסעמיטיזם אין אמעריקע.

II

„די אידן מוזן פאַרניכטעט ווערן!"

עס הערשט אַן אַטמאָספערע פון געהיימעניש אַף דעם זיבעטן שטאָק פון 139 איסט 57טע סטריט, ניו יאָרק. גוט-געקליידעטע מענער און פרויען גייען אַריין און קומען אַרויס פון צימער 703. אַמאָל טראָגן זיי פּאָרטפּעלן און זעען אויס קאָנצענטרירט און ערנסט. פאַר איינעם וואָס קומט צופעליק אַרויף אַף דעם דאָזיקן שטאָק, איז צימער 703, דער אַריינגאַנג צו אַ סוויטע צימערן, ניט מער ווי נאָך אַן אָפּיס אין אַן אָפּיס-געביידע, וואַרשיינלעך אַ פּריוואַטער אָפּיס, ווייל אַף דער גלעזענער טיר איז ניטאָ קיין נאָמען פון אַ פירמע אָדער אַ פּערזאָן. די וואָס באַטרייבן יענעם אָפּיס ווילן ניט האָבן קיין נאָמען אַף די טירן. זיי ווילן ניט, אַז צופיל מענטשן זאָלן וויסן, אַז דאָס איז די הויפּט-קוואַרטיר פון דער געהיימער געזעלשאַפט פאַר שפּיאָנאַזש קעגן „אידן און קאָמוניסטן", דער „אָרדער אָוו 76".

אין צימער 703 שטייט אַ הילצערנע באַנק און עטלעכע דעסקס. אַף דער רעכטער זייט, ווי איר קומט אַריין, זיינען דאָ נאָך צוויי צימערן, יעדערער מיט דעסקס, בא וועלכע מענער מיט ערנסטע פּנים'ער זיצן און שטודירן פּאַפּירן; און לינקס, אין צימער 704, איז נאָך אַן אָפּיס, וואו עס ווערן געהאַלטן די רעקאָרדס און וואו ראַיאַל סקאָט גולדען, פון דער פאַמיליע פון דעם גאָרטשיצע-קעניג, איז דער סעקרעטאַר פון דער שפּיאָנאַזש-געזעלשאַפט און אָנפירער פון דער אַרבעט צו פאַרשפּרייטן די אמונה וועגן „האַסן דעם אידן".

עס איז אַן עקסקלוסיווע אָרגאַניזאַציע, דאָרט אַף דעם זיבעטן שטאָק. זי נעמט אַריין פאַר מיטגלידער מענער און פרויען בלויז פון די „העכערע שיכטן" פון דער מיליטערישער, געשעפטלעכער און פּאָליטישער וועלט פון לאַנד. זיי ווילן „ראַטעווען אַמעריקע פון אַריינפאַלן אין די הענט פון די אידן און די קאָמוניסטן".

גולדען אַליין איז אַ נעט-געקליידעטער, מיטל-יאָריקער מאַן, מיט שיטערע האָר, וואָס ווערן גרוי בא די שלייפן און מיט אויסגעוואַשענע גרויע אויגן. ווען איך בין אַריינגעקומען איז ער געזעסן בא זיין דעסק, וואו עס זיינען געלעגן הויכע קופּעס בריוו און אויסשניטן. די צוויי מענער, מיט וועמען ער האָט געהאַלטן אין ריידן, האָבן זיך שנעל אויסגעדרייט און אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אַ מינע פון איבעררראַשונג. אומבאַקאַנטע מענטשן קומען ניט אַריין אַהער אין אָפּיס דורך אַ צופאַל. גולדען האָט אויפגעהויבן

די אויגן מיט א פרעגנדקיער מינע, און אף זיין בלייכן פנים האט זיך צע־שפרייט אן אנגענעמער שמייכל.

— מיין נאמען איז ספיוואק, דזשאן ל. ספיוואק פון די „ניו מעסעס".

די צוויי מענער מיט גולדענ'ען האבן מיך ארומגערינגלט כמעט אויטא־מאטיש.

— די „ניו מעסעס"! — האט גולדען אויסגעשריען. — די „ניו מעסעס"! ער איז פון די „ניו מעסעס"!

ער האט ניט גערעדט צו קיינעם באזונדער. ס'איז געווען בלויז אן אויסגעשריי פון א דערשטוינטן מענטשן, וועלכער רעדט צעטומלטע רייד און קאן ניט קומען צו זיך פון דערשטוינונג.

— מיר דרוקן א סעריע ארטיקלען וועגן דעם וואוקס פון אנטיסעמיטיזם אין לאנד. איך האב אויסגעפונען, אז אייער ארגאניזאציע האט געגרינדעט א שפיאנאזש־סיסטעם צווישן אידן און קאמוניסטן און פירט אן אנטי־סעמיטישע פראפאגאנדע.

— נו? — האט גולדען געזאגט מיט א קאלטן טאן.

— איך וואלט וועלן אייך אינטערוויואירן.

איינער פון די מענער לעבן מיר האט אנגעהויבן לאכן.

— זעט אויס, אז איר ווייסט אלצדינג וועגן דעם, — האט גולדען געענטפערט העפלעך און גלאטיק. — איר פארשפארט מיך אינטערוויואירן. — ער האט זיך אומגעקערט צו זיין דעסק.

— מיר וואלט זיך דאס אבער זייער געוואלט, — האב איך אים פאר־זיכערט מיט א זיסן טאן.

ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ און אף מיר געקוקט א ווייל.

— אל ראיט, — האט ער געזאגט אפגעהאקט. — וואס ווילט איר?

— אט די דזשענטלמענער? — איך האב זיך פארנויגט צו די צוויי מענער, וואס זיינען אלץ געשטאנען לעבן מיר.

— איר ווילט וויסן אלצדינג, וואס?

— איך קען איינעם פון זיי. אט דער מאן איז יודזשען דעניעלס, וואס מען זאגט וועגן אים, אז ער האט ארייגעווארפן די שטינק־באמבע אין סטאק־עקסטשעינדזש. א־יא דאס איז ער?

דעניעלס האט א שמייכל געטאן מיט א מינע פון פארלעגנהייט. דער אנפירער פון דער געהיימער שפיאנאזש־ארגאניזאציע האט זיך גראציעז פארנויגט.

— אנטשולדיקט מיר. מר. דעניעלס, דאס איז מר. ספיוואק. אט־דער דזשענטלמאן איז מר. העמפל. דזשאנאס העמפל. איצט לאמיר צוגיין צום ענין. איך בין זייער פארנומען. וואס ווילט איר?

— איך וויל בלויז וויסן, פארוואס איר גלויבט אין אנטיסעמיטיזם.

— איך גלויב ניט אין אנטיסעמיטיזם, — האט גולדען א שמייכל געטאן.

— איך גלויב אויך ניט אין מאזלען, אבער מיר האבן זיי. איך גלויב ניט אין סם, אבער מען גיט עס אייך איין. ס'איז דאס זעלבע מיט די אידן. מיר

האָבן זיי. אונזער הויפּט־אַרבעט איז אַ פּאַטריאָטישע, הויפּטזאַכלעך קעגן קאָמוניזם. און ווען מיר געפינען אויס, אַז קאָמוניזם און יודאאיזם זיינען איינס און דאָס זעלבע, דעמאָלט באַקעמפן מיר דעם יודאאיזם.

די אַנדערע צוויי מענער האָבן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. מר. דעניעלס האָט אָנגעהויבן אַ לאַנגע דרשה צו פאַרזיכערן מיך, אַז ער האָט גאָרנישט ניט צו די אידן. ענדלעך האָב איך געמוזט קלאָר מאַכן, אַז מיך אינטערעסירן מ ר. ג ו ל ד ע נ ׳ ס מיינונגען. מר. דעניעלס האָט פאַרלאָזט דעם צימער.

— ווי אַזוי האָט איר אויסגעפונען, אַז קאָמוניזם און יודאאיזם זיינען איינס און דאָס זעלבע? — האָב איך געפרעגט.

— אָ, מיר האָבן בערג מיט אויסשניטן...״

ער איז אויפגעשטאַנען ארויסצונעמען פּאַפּירן פון אַ קעסטל. איך האָב באַמערקט, אַז זיין הינטערשטע קעשענע איז געשוואָלן. איך בין אויפגעשטאַנען און זי איידל אַ גלעט געטאָן.

— וואָס איז דאָס — אַ שפּייער?

גולדען האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט אַ דערשטוינטער מינע. דער מיסטעריעזער און קרעפּטיקער מר. העמפּל האָט אַ שנעלן שפּאַן געטאָן צו מיר. גולדען האָט זיך אומגעקערט צו זיין דעסק אָן די פּאַפּירן.

— יאָ, אַ רעוואָלווער, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, און זיינע אויסגעוואַשענע אויגן האָבן זיך אריינגעשטאָכן אין מיר.

— פון וועלכן קאַליבער?

— 32, סמיט און וועסאָן.

ער האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער פון קעשענע און אים אוועקגעלייגט אַפן דעסק.

— איר דאַרפט קיין מורא ניט האָבן, — האָט ער מיך פאַרזיכערט מיט אַ שמייכל. — מיר טוען ניט ווי קיינעם — סיידן מע טוט אונז וויי, — האָט ער צוגעגעבן מיט באַטאָנונג.

— אפשר וואָלט איך דאָס בעסער געהאַלטן, אויב אַזוי, — האָב איך זיך צעלאַכט.

גולדען האָט אַ כמורנעם שמייכל געטאָן. — איך דענק מיר׳ן דאָס בעסער אריינלייגן אין דעסק. — ער האָט געעפנט אַ שופלאָד און אריינגעלייגט דעם רעוואָלווער.

— איר האָט אַ דערלויבעניש?

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר אין ערגערניש.

— ווער, צום טייוול —

— איר האָט אַ דערלויבעניש? — האָב איך נאָכאַמאָל געפרעגט.

— ווער, צום טייוול —

— לאָמיך זען אייער דערלויבעניש!

גולדען האָט אויסגעזען דערשטוינט. ניט ריידנדיק מער קיין וואָרט האָט ער ארויסגענומען אַ וואַלעט פון קעשענע און מיר דערלאַנגט זיין רעוואָלווער־דערלויבעניש: סי־32609.

איך ווייס ניט פארוואס אט־דער הויפט פון דער שפיאנאזש־געזעלשאפט האט געפאלגט מיין שארפן טאן, סיידן דערפאר וואס מענטשן מיט א שולדיקן געוויסן זוכן שטענדיק אויסצומיידן „טראבל". דער מענטש האט אויסגעזען צעטומלט, נאך דעם ווי ער האט מיר דערלאנגט די דערלויבעניש, און האט א שטיק צייט אף מיר געקוקט מיט פארשמעלערטע אויגן, אזוי ווי ער וואלט בא זיך געוואלט אפמאכן, צי זאל ער ענטפערן אף מייגע פראגן, אדער מיך ארויסווארפן פון אפיס. העמפל האט איבערגעריסן די שטילקייט.

— איידער מיר גייען ווייטער מיט דעם אינטערוויו, — האט ער געזאגט רואיק, — וואלט איך אייך וועלן שטעלן אייניקע פראגן וועגן די „ניו מעסעס". וואו נעמט דער זשורנאל דאס געלט אף ארויסצוגיין און אף צו באצאלן אייך ?

איך האב זיך אנגעבויגן מיט אן אנשטעל פון געהיימעניש.

— ריידן מיר איצטער קאנפידענציעל ?

ביידע האבן שנעל א שאקל געטאן מיטן קאפ.

— מאסקווער געלד, — האב איך אויסגעשעפטשעט. — ס'איז פאראן א ספעציעלע אסיגנירונג פון א מיליאן דאלאר א חודש פאר די „ניו מעסעס" אף צו באצאלן דעם גרויסן סטעף. איך באקום הונדערט טויזנט דאלאר א וואך פאר מיין ארבעט.

— א, הערט אויף מיט דער קאמעדיע ! — האט גולדען איבערגעריסן.— איך ווייס ניט פארוואס איך זאל ענטפערן אף אייערע פראגן, אבער כ'האב געזאגט אז כ'וועל ענטפערן, איז — לאמיר דאס אפפארטיקן. איך וויל איר זאלט מיך פארשטיין ריכטיק. מיר זיינען ניט קעגן אידן אלס אידן, נאר יעדער איד איז א פאטענציעלער קאמוניסט און ביידע צעשטערן זיי די געזעצן פון לאנד.

— פון וואנען ווייסט איר, אז אידן ברעכן די געזעצן מער ווי קריסטן ?

— די „פראטאקאלן פון ציון" באווייזן דאס.

— איך האב געמיינט, אז זיי זיינען דיסקרעדיטירט געווארן.

— מיך ארט ניט אויב זיי זיינען דיסקרעדיטירט אדער ניט. מיך ארט ניט אויב זיי זיינען עכט אדער ניט. אלץ וואס איך ווייס איז, אז זיי צייכענען אן א פראגראם פאר די אידן צו פארכאפן די וועלט און אז די פראגראם ווערט דורכגעפירט פינקטלעך און שנעל. אויב די פראטאקאלן זיינען פעלשונגען, ווי האבן זיי געקאנט טרעפן, וואס עס וועט איצט געשען ? איך גלויב, אז די פראטאקאלן זיינען עכט און אז די געשעענישן באווייזן זייער עכטקייט !

— דענקט איר, אז ס'איז פאראן א קאנספיראציע פון אידן צו פארכאפן די וועלט ?

— איך דענק דאס אבסאלוט !

— און אט־די אידן פינאנסירן עס די קאמוניסטן ?

— געוויס. זיי פינאנסירן דעם דריטן אינטערנאציאנאל און די סאוועטן.

ווי א באווייז גיב איך דעם סטייטמענט פון מר. שיף.

— װעלכער מר. שיף?

— דער פינאַנסיר, — האָט גולדען געזאָגט אומבאַשטימט. — אָט־דער מר. שיף האָט געגעבן אַ הלואה פון צוויי אָדער פיר מיליאָן דאָלאַר צו די באָלשעוויקעס. איך ווייס ניט די ריכטיקע סומע, אָבער ס׳איז געווען אין די מיליאָנען. ער האָט זיך בארימט וועגן דעם, ווי איך פאַרשטיי.

— האָט דען ניט דייטשלאַנד, וואָס איר רעגירונג האָט פיינט די אידן און קאָמוניסטן אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי איר, געליען מיליאָנען צו די באָלשעוויקעס אין דער פאָרם פון האַנדלס־קרעדיטן?

— יאָ, אָבער זיי האָבן דאָס געטאָן ווי אַ מלחמה־מיטל.

— זיי האָבן פאַרלענגערט די קרעדיטן זינט היטלער איז אריין אין מאַכט.

גולדען האָט זיך אַוועקגעדרייט פון מיר מיט פאַרדראָס.

— מיך אַרט ניט וואָס די דייטשן טוען! דאָס איז זייער געשעפט! איך בין פאַראינטערעסירט אין אַמעריקע.

— מיר וועלן קומען צו דעם, — האָב איך אים אָנגעהויבן פאַרזיכערן, נאָר מר. העמפּל האָט איבערגעריסן:

— די אידן מוזן פאַרניכטעט ווערן. אפילו דער אַלטער טעסטאַמענט זאָגט, אַז די אידן מוזן פאַרניכטעט ווערן. ירמיה, 34: „האָרכט, איך וועל באַפעלן, האָט געזאָגט גאָט, און איך וועל פאַרוואַנדלען די שטעט פון יהודה אין אַ וויסטעניש אָן איינוואוינער".

— דאָס זעט אויס צו זיין אַ זיכערער באַוויז, — האָב איך צוגעשטימט.

— אָבער וואָס טוט איר אַף צו מאַכן אַ לעבן?

— איך רויכער סיגאַרעטס און דריי זיך דאָ אַרום, — האָט ער געענטפערט מיט אַן אויסדרוק פון שטאַרקער אומצופרידנהייט.

איך האָב זיך געווענדט צו גולדענ׳ען.

— איך הויב אָן צו פאַרשטיין, אַז איר האָט ניט ליב די אידן. ס׳זיינען אָבער דאָ מיליאָנען אידן. וואָס דאַרף מען טאָן מיט זיי, לויט דער מיינונג פון אייער אָרגאַניזאַציע?

— מע דאַרף זיי צווינגען אויפהערן פאַרשפּרייטן זייער סעמיטיזם אין אונזערע פנים׳ער. ס׳איז נאָר אַ פראַגע ווי לאַנג אונזער געדולד וועט אויסהאַלטן. — ער האָט זיך געקווייטשלט אַ וויילע, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און צוגעגעבן: — איך מיין, אַז די געשיכטע וועט זיך ווידערהאָלן.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך מיין די גוטע אַלטע פּאָגראָמען!

— אייער אָרגאַניזאַציע איז פאַר פּאָגראָמען קעגן אידן?

— ווען איך וואָלט דאָס זאָגן, וואָלט מיר קומען אַרעסטירן, ווי איך פאַרשטיי, — האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם. — איך וועל אָבער זאָגן אָט־וואָס: מיר זוכן צו פאַרהיטן פּאָגראָמען דורך ניט דערלאָזן, אַז די אידן זאָלן טרייבן אונזער פאָלק אָנצוהויבן פּאָגראָמען קעגן זיי. מיר מוזן זיך פאַרטיידיקן. אויב די אידן וועלן זיך ניט אויפהערן שפּאַרן פאָראויס, וועלן מיר זיך

פּאַרטיידיקן. איר מעגט זיין זיכער וועגן איין זאַך: אויב פּאָגראָמען וועלן אויף אונז ארויפגעצוואונגען ווערן, וועלן מיר נישט אנטלויפן!

— ארויפגעצוואונגען אויף אייך! — איך האָב אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג. — מאַכן דען אידן פּאָגראָמען קעגן אייך?

— יאָ, — האָט ער געזאָגט צעהיצט. — די אידן מאַכן אויף אונז עקאָנאָמישע פּאָגראָמען. זיי נעמען אוועק אונזערע געשעפטן, אונזערע פּראָפעסיעס — און אויב דאָס וועט אַזוי ווייטער אָנגיין, וועלן זיך אָנהויבן פּאָגראָמען. און ווען די פּאָגראָמען וועלן זיך אָנהויבן, מעגט איר וועטן, אַז דער „אָרדער אָוו 76" וועט דאָרטן זיין! — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעגעבן: — און מיך אַרט נישט וואָס איר וועט זאָגן אין אייער קאָמוניסטישע „ניו מעסעס".

— איך וועל אייך ציטירן פּינקטלעך. אָבער זאָגט מיר: צי פאַרשטייט איר נישט, אַז ווען אַט־די מעשה וועט פאַרעפנטלעכט ווערן, וועלן די אידן עסן זייערע הייסע וואורשטלעך אָן גולדענס מאַסטאַרד?

גולדען האָט אַ ווייל אויסגעזען זייער ערנסט.

— אין אַזאַ צייט, — האָט ער געזאָגט זייער ערנסט, — מוזן מיר אַלע ברענגען קרבנות.

און דערנאָך איז דער אינטערוויו פאַרטגעזעצט געוואָרן:

— זייט איר אויף וועלכן ס'נישט איז אופן פאַרבונדן מיט דער אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די נאַציס פאַרשפּרייטן דאָ אין לאַנד? די נאַציס, ווי איר ווייסט, וואָלט זיך וועלן אָפּרעכענען זיך מיט די אַמעריקאַנער אידן פאַר זייער באָיקאָט און פּראָטעסטן קעגן דעם אופן ווי די אידן ווערן באַהאַנדלט אין דייטשלאַנד.

— מיר האָבן נישט קיינע פאַרבינדונגען מיט די נאַציס אָדער מיט די דייטשן אויף וועלכן ס'נישט איז אופן! — האָט ער אויסגערופן. — מיר זיינען אַ ריין־אַמעריקאַנישע אָרגאַניזאַציע ——

צו יענעם מאָמענט, מיט דער פּינקטלעכער אויסרעכענונג פון אַ דראַמאַטישן בינע־אויפטריט, האָט אַ גוט־געקליידעטער מאַן פון אַ יאָר 30, מיט אַ דייטשישן פּנים, געעפנט די אריינגאַנג־טיר, איז צוגעקומען צו דער מיר פון דעם פּריוואַטן אָפיס וואו מיר זיינען געזעסן, האָט צוריקגעצויגן זיינע אַקסלען, צונויפגעבראַכט זיינע פיס מיט אַ קנאַק און אויפגעהויבן זיין האַנט מיט דעם נאַצי־סאַלוט!

גולדען און העמפּל האָבן אויף מיר אַ קוק געטאָן. ביידע האָבן זיי געשמייכלט פון פאַרלעגנהייט. איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפן און האָב זיך הויך צעלאַכט. מיינע צוויי ווירטן האָבן זיך קיין ריר נישט געטאָן, האָב איך אויסגעצויגן מיין האַנט און געענטפערט אויף דעם סאַלוט.

— „הייל היטלער!" — האָב איך געזאָגט טרוקן.

— ער איז פון די „ניו מעסעס", — האָט גולדען שנעל דערקלערט.

דער פּנים פון דעם אריינגעקומענעם מאַן איז רויט געוואָרן. אין אַ וואָרט האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אוועק, אַזוי ווי ער וואָלט אַנטלאָפן

פון עפּעס אַ מגפה. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף גולדען׳ען און ווידער אָנ־געהויבן לאַכן.

— זאָגט מיר, — האָב איך געפרעגט, נאָך אַלץ לאַכנדיק, — איז דען ניט קורנעל עדווין עמערסאָן, דער נאַצי־אַגענט דאָ אין לאַנד, וואָס האָט דער ערשטער אָרגאַניזירט אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אַ מיטגליד פון אייער געהיימען אָרדן?

גולדען האָט זיך געקווייקלט אַ מאָמענט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און איר האָט אויך אַ מיטגליד וואָס הייסט סידני ברוקס, וועלכער איז מיט דער רעפּובליקאַנישער סענאַט און קאָנגרעס קאַמפּעין־קאָמיטע?

— איך האָב זיך מיט אים כמעט ניט באַגעגנט זינט ער האָט זיך אָנגעשלאָסן, — האָט ער מיך שנעל איבערגעריסן.

— און איר ווייסט, אַז ווי אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט ער געמאַכט מיסטעריעזע רייזעס צו 17 בעטערי פּלעיס, וואו עס געפינט זיך דער דייטשער גענעראַל־קאָנסול?

— איך ווייס גאָרנישט וועגן דעם!

מר. גולדען האָט אויסגעזען ווי איינער וואָס פאַרטיידיקט זיך. זיין פּנים איז געוואָרן בלייכער ווי געוויינטלעך. מר. העמפּל האָט פאַרלוירן זיין שמייכל פון גרויס־האַלטונג און האָט זיך איינגעבויגן אויף פאָרויס, באַטראַכטנ־דיק מיך מיט אַ צעטומלטער מינע.

— און איר האָט געוואוסט, אַז אַט־דער ברוקס איז אין דער אמת׳ן דער זון פון קורנעל עמערסאָן, און אַז אַט־דער ברוקס האָט צו אייך גע־בראַכט פּעלין פון די „סילווער שוירטס" איר זאָלט זיך פאַראייניקן ———?

— מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט פאַראייניקט מיט די „סילווער שוירטס"!

— האָט גולדען אויסגערופן. — איך קאָן דאָס אייך באַווייזן! איך בין אפילו גרייט אייך צו ווייזן אונזער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיי. ס׳איז ניטאָ אַזאַ בריוו אָדער דאָקומענט.

— דער בריוו וועגן דעם איז ניטאָ אין אייערע רעקאָרדס, — האָב איך אים פאַרזיכערט. — א י ך האָב דעם בריוו.

גולדען׳ס אויסגעוואַשענע אויגן האָבן אָנגעהויבן טריפן. אַן אויסגע־מוטשעטער בליק האָט זיך באַוויזן אין זיי. העמפּל האָט אין־דער־הויך אַ זיפץ געטאָן.

— איר ווייסט גאָרניט וועגן אָרגאַניזירן אַ שפּיאָנאַזש־סיסטעם, ניט אמת?

— איך האָב געדינט אין יוסטיץ־דעפּאַרטמענט.

— דאָס איז פיין — אָבער אין דער אמת׳ן ווייסט איר דאָך גאָרניט וועגן אָרגאַניזירן אַ שפּיאָנאַזש־סיסטעם? וואָס איך וויל אַרויסברענגען איז, אַז איר האָט געקראָגן אימיצן אויף אָנצופירן די שפּיאָנאַזש־סיסטעם פאַר אייך. איז דאָס ריכטיק?

— ניין, ס׳איז ניט ריכטיק!

— האט עמערסאָן ניט צוגעשיקט צו אייך איינעם א פריץ דיוקען?
גולדען האט ניט געענטפערט.

— האט איר זיך ווען געטראָפן מיט דיוקענ'ען, דעם דייטשישן שפּיאָן פון די מלחמה־יאָרן?

— יאָ, ער איז איינמאָל ארויפגעקומען אהער.

— וועגן וואס?

— אָ, איך ווייס ניט; מסתמא גלאט אזוי, זיך באקענען מיט מיר.

— צו וואס האט ער עס גדארפט זיך באקענען מיט אייך?

— איך ווייס ניט! — האט ער אויסגעשריען געערגערט. — ווער, צום טייוול, זייט איר, מיר צו שטעלן די אלע פראגן!

— בלויז אן אמעריקאנער בירגער, וואס איז פאראינטערעסירט אויס־צוגעפינען וויפיל געלט איר קריגט פון אן אויסלענדישער רעגירונג אף אנ־צופירן אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע דא אין לאנד!

— איך האב קיינמאל ניט געקראגן קיין ניקל פון די דייטשן! הלואי וואלט איך יאָ געקראגן! — גולדען איז אויפגעשטאנען און האט נערוועז אנגעהויבן שפרייזן איבערן צימער. עס איז געווען גאנץ קלאר, אז די גע־היימעניש, אין וועלכער די ארגאניזאציע האט איינגעהילט אירע באוועגונגען, האט געפּלאצט.

— ווי לאנג האט איר פארבראכט מיט דיוקענ'ען?

— אָ, אפשר צען אדער פופצן מינוט.

— אין דער אמת'ן האט איר מיט אים פארבראכט צוויי שעה!

גולדען האט אויסגעזען באזארגט; ער האט ניט געענטפערט.

— איז עס ניט מאָדנע, וואס אט־די הונדערט־פראצענטיקע „פּאטריאָטי־שע" ארגאניזאציע איז אזוי ענג פארבונדן מיט דייטשע שפּיאָנען און געהיימע אגענטן דא אין לאנד אין דער פארשפרייטונג פון אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע?

— מיר וועלן קאָאָפערירן מיט יעדן איינעם, וואס וועט העלפן פאר־טרייבן די אידישע פעסט, — האט ער געענטפערט ענערגיש.

— הייסט עס, אז איר קאָאָפערירט מיט די נאצים?

— איך האב דאס ניט געזאָגט!

— איר האט פארשפרייט אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע, וואס איז אריינגעשמוגלט געווארן פון דייטשע שיפן, ניין אפשר?

— ניין!

— ווען האט איר זיך דעם לעצטן מאל געטראָפן מיט דיוקענ'ען?

— איך האב אים ניט געזען זינט ער איז דא געווען. איך ווייס וועגן אים גארניט!

גולדען האט א שלונג געטאָן און א קראץ געטאָן די גרויע שלייפן.

— איר זייט מיט אים געשטאנען אין פארבינדונג ניט לאנג צוריק אף 51 וועסט 46טע סטריט.

— 41, — האט גולדען געזאָגט אויטאָמאטיש און האט זיך פארכאפּט.

"Invisible Government"

The Hidden Autocratic Minority Menace to American Democracy

(A Graphic Analytical Politico-Economic Picture for Our Clientele)

(Note) The American Hebrew of May 11 published an article captioned "Exploding the Myth of a Jewish Hierarchy," claiming that no "Jewish Control" exists at Washington because: "Of 11 Cabinet Officers only one is a Jew; the "Little Cabinet" has 25 members, but not a single Jew; of 96 Senators, not one is a Jew; among 435 Congressmen, only 10 are Jews; of 9 Supreme Court Justices, only 2 are Jews . . . less than 30 Jews are a part of the Federal Personnel, approximating 1,000 members in official prominence," etc.

By contrast, holding hidden powerful posts without responsibility or accountability, not only do "unofficial advisors" constitute the greatest minority menace to political majorities, but they form that "invisible government" which ruthlessly directed the destinies of many nations, by war and secrecy, before the birth of the American Democratic Government of, by and for the People.

The picture below shows an incomplete list of 11 unofficial "powers behind" Roosevelt Leadership, as well as 23 "official" others "surrounding the throne," including so-called "proteges," "collaborators," "appointees," who are all apparently under Jewish-Radical Minority-Influence—the "titles" and other descriptions used being taken mostly from Jewish publications, Congressional, Associated Press and other public records:

Thus "surrounded," how can any "leadership" even acquire the unbiased knowledge essential to sound administration? (Note the great geographical over-representation of the East, New York alone apparently "contributing" more than 70 per cent.)

By transferring its supreme power to the Roosevelt Personal Government Administration, Congress not only abdicated, but in accepting such high authority, Roosevelt Leadership automatically became accountable for subsequent administrative and legislative acts.

Do Americans want "INVISIBLE Government"?

Robert Edward Edmondson
Investment-Economist
(Est. 1903)

Edmondson Economic Service
80 Washington St., Tel. Whitehall 4-5232,
New York, N. Y.
May 18, 1934

The open anti-semitic propaganda distributed by the Edmondson Economic Service of Washington, D. C., and New York to its clients under the guise of being financial "news." This particular propaganda was supplied in large quantities to the Order of '76 for distribution to members.

אַט-די אַנטיסעמיטישע דיאַגראַמע איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער
פּריוואַטער אינפֿאָרמאַציע-אַגענטור „עדמאָנדסאָן עקאָנאָמיק סוירוויס",
פֿון וואַשינגטאָן און ניו יאָרק, צו אירע קליענטן אונטער דער מאַסקע
פֿון „אינפֿאָרמאַציע". דער „אָרדער אָוו 76' " האָט געקראָגן אַ מאַסע
פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל צו פֿאַרשפּרייטן צווישן זיינע מיטגלידער.

— גאנץ ריכטיק, — האָב איך זיך צעלאַכט.

גאָלדענ'ס בלייכער פּנים איז געוואָרן בלוי פאַר כעס.

— אויב איר ווילט מיט מיר ווייטער ריידן, וועט איר מוזן ווייזן אייער רעכט דערצו אָדער מיך נעמען אין געריכט, — האָט ער אויסגעשריען. — איך האָב געזאָגט אַלץ וואָס ס'איז דאָ צו זאָגן. איך האָב געזאָגט גענוג.

— יאָ, איר האָט געזאָגט גענוג, — האָב איך צוגעשטימט און זיך אויפגעהויבן.

אָט־די אָרגאַניזאַציע גאָלדענ'ס, וואָס באַשטייט פון סופּער־פּאַטריאָטן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך באַאמטע פון דער פעדעראַלער, סטעיט און שטאָט־רעגירונגען, קאָאָפּערירט עס מיט באַצאָלטע היטלער־אַגענטן אַפן געביט פון פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

דעם 6טן פעברואַר, 1934, האָבן די צייטונגען אַ סך געשריבן וועגן 300 פונט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן אַף דער דייטשער פראַכט־שיף „עסטע". די פּראָפּאַגאַנדע איז געווען איינגע־פּאַקט אין זעק, אַדרעסירט און גרייט אויפגעלייגט צו ווערן אַפן פּאָסט אַזוי שנעל ווי זי וועט אַראָפּגעשמוגלט ווערן פון שיף. דער פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל איז קאָנפיסקירט געוואָרן, אָבער ניט די צאָל־באַאמטע און ניט די פעדעראַלע געהיים־אַגענטן האָבן ניט געוואוסט און ווייסן ניט ווער עס האָט אָנגעפירט מיט דער שמוגלעריי און ווי ווייט פאַרשפּרייט זי איז.

בײַ אָט־דעם פּונקט פון אונזערע אויפדעקונגען קומען מיר צום הויפּט פון דער דייטשער אויסלענדישער געהיים־דינסט דאָ אין לאַנד, אַ מאַן וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע פון דער דייטשער פּאָליטישער געהיים־פּאָליציי, „אושלאַ". ער איז געווען איינער פון די בעסטע אַגענטן אין דער דייטשער געהיים־דינסט. אַפילו קאָרנעל עדווין עמערסאָן, וואָס איז אַהער געשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַנטיסעמיטיזם אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, ווייסט ניט די פולע וויכטיקייט פון יענעם מאַן. אַלץ וואָס ער ווייסט איז, אַז ווען יענער באַפעלט מוז מען פאָלגן, און זייער שנעל.

דער מאַן איז גינטער אָרגעל פון 606 וועסט 115טע סטריט, וואָס איז בלומרשט באַשעפטיקט אין דער רעימאָנר ראָטה קאָ., 25 וועסט 45טע סטריט, ווי אַן עלעקטרישער אינזשעניר; און זיין אָפיציעלע פאַרבינדונג מיט דייטשע גרופּן דאָ אין לאַנד איז בלויז אַלס סעקרעטאַר פון די „פאַראייניקטע דייטשע געזעלשאַפטן" („יונאַיטעד דזשערמאַן סאָסאַיעטיס"). דער הויפּט פון דער היטלער געהיים־דינסט דאָ אין לאַנד האַלט זיינע רעקאָרדס און אינסטרוקציעס אין אַ פאַרבאָרגענעם הויז אין גרעיט קילס, סטעטן איילאַנד. דער טעלעפאָן־נומער, אין פאַל פעדעראַלע געהיים־אַגענטן ווילן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אים, איז האָניוואָוד 6-2317.

אַז אַנטיסעמיטישע נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע ווערט אַריינגעשמוגלט אַהער אין לאַנד איז שוין באַקאַנט אַ שטיק צייט. די פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן קומען אַהער הויפּטזאַכלעך דורך די האַפנס פון ניו יאָרק און באַלטימאָר אַף דעם אַנטלאַנטישן ברעג און דורך סאַן פּידראָ, קאַליפאָרניע, און פּאָרטלאַנד, אָרע־

גאָן, אַף דעם פּאַציפישן ברעג. צו דער זעלביקער צייט ווערן די דייטשע שיפן, וואָס ברענגען אַהער דעם פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, גענוצט אַף צו פירן געהיימע באַריכטן צו און פון דעם פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער און דער „אושלאַ״.

לאָמיר דאָ באַשרייבן אַ כאַראַקטעריסטישע סצענע פון אָפּשיקן און באַקומען געהיימע באַריכטן וועגן דעם פאָרשריט פון אַנטיסעמיטישע פאַר־שווערונגען.

ס׳איז צוואַנציק מינוט צו צען אין אָוונט פון דעם 16טן מערץ, 1934. די דייטשע „קעניגין פון די ימים״, די שיף „איירָאָפּאַ״ פון דער נאָרט דזשערמאַן לאָיד קאָ״., גרייט זיך אָפּצופאָרן 12 אַזייגער באַנאַכט. די העל־באַלויכטענע שיף איז אָנגעפילט מיט מענער און פרויען, אַ סך אין באַל־קליידער, וואָס געזעגענען זיך מיט זייערע פריינט, וועלכע פאָרן אָפּ קיין איירָאָפּע. דייטשע באַדינער, אַלע מיטגלידער פון דער נאַצי־גרופּע אַף דער שיף, דרייען זיך אַרום, פאַרנויגן זיך, שמייכלען, אָבער באַטראַכטן יעדן פּאַסאַזשיר און באַזוכער זייער פאָרזיכטיק.

מענטשן וואַנדערן אומעטום איבער דער שיף. אַ סך באַזוכן די ביבליאָטעק אַף דעם הויפּט שפּאַציר־דעק, וואו עס געפינט זיך אויך אַ דייטשע פּאָסט־ביוראָ. עס הערט זיך אַ סך געלעכטער און פּלוידעריי, און אַף אָט־דער סצענע באַוויזט זיך גינטער אַרגעל, אָנגעטאָן אין אַ געוויינט־לעכן געשעפט־אָנצוג, מיט אַ צונויפגעלייגטער צייטונג אין די הענט. ער כאַפּט אויף דעם בליק פון דעם פּאָסט־אָנגעשטעלטן. צווישן זיי ווערט ניט אַרויסגעוויזן דער מינדסטער סימן פון דערקענען איינער דעם צווייטן. אַרגעל נעמט אַרויס פיר בריוו פון זיין קעשענע און גיט זיי איבער צום פּאָסט־אָנגעשטעלטן, וועלכער לייגט זיי אַריין אין קעשענע. אַף די בריוו זיינען ניטאָ קיין מאַרקעס.

מיט דער זעלביקער מאַניר, וואָס דער דורכשניטלעכער באַאָבאַכטער וועט אַפילו ניט באַמערקן, גייט אַרגעל אַריבער צו אַ דעסק אין דער ביבליאָ־טעק און שרייבט שנעל נאָך אַ בריוו, וועלכער איז, ווייזט אויס, אַזוי וויכטיק, אַז ער וואַגט אים ניט צו טראָגן מיט זיך אין פאַל עפּעס וועט פּאַסירן. ער פאַרזיגלט דעם בריוו און גיט אים איבער צום אָנגעשטעלטן.

אין דער ביבליאָטעק זיינען דאָ אַ סך באַזוכער. קיינער קוקט זיך ניט אום אַף דעם גאַסט אָדער פּאַסאַזשיר, וואָס רעדט צום אָנגעשטעלטן. אַרגעל וואַרפט אַ שנעלן בליק, וואָס נעמט אַרום אַלעמען אין ביבליאָטעק, און זעט אויס צופרידן. ווידער כאַפּט ער אויף דעם בליק פון דעם אָנגעשטעלטן. דעם מאָל גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ. דער אָנגעשטעלטער עפנט אַ שאַפע אין דער ביבליאָטעק, די צווייטע לינקס פון דעם הויפּט־דורכגאַנג, אַף דער לינקער זייט פון דעם הינטערשטן טייל פון שיף (איך גיב אָן אָט־די איינצעל־הייטן, אָבער איך שטעל זיך פאָר, אַז איידער די פעדעראַלע באַאַמטע וועלן קאָנען אונטערזוכן די „איירָאָפּאַ״ אַף איר נעקסטן באַזוך, וועט פון יענער שאַפע אַרויסגענומען ווערן אַלץ וואָס איז נויטיק). אַ דין פּעקל ווערט אַרויסגענומען פון אַ באַהאַלטענעם פּלאַץ און שנעל איבערגעגעבן צו אַרגעל׳ן.

וועלכער דעקט עס צו מיט זיין צייטונג און פארלאזט באלד די שיף.

דייטשע געהיימע אינסטרוקציעס ווערן געשיקט און צוגעשטעלט — קעגן די פעדעראלע געזעצן!

מערסטע דייטשע שיפן, וואס קומען אריין אין ניו יארקער האפן, ארדענען איין בא זיך פארוויילונגס־אוונטן, וואו עס קומען זיך צוזאמען פון עטלעכע הונדערט ביז עטלעכע טויזנט מענטשן. צום שלוס פון אט־די פאר־וויילונגס־אוונטן גייען אוועק אזוי פיל מענטשן, אז עס איז אוממעגלעך זיי אלעמען נאכצופאלגן, און אין אט־דער מאסע מענטשן ווערט א סך פון דער פראפאגאנדע אריינגעשמוגלט דורך ספעציעל־אויסגעקליבענע נאצי־אגענטן. פראפאגאנדע קומט אויך אן אף „רעספעקטאבלע" אדרעסן. יעדע שיף האט א ספעציעלן אדרעס אדער א קאלעקציע אדרעסן, צו וועלכע דער מאטעריאל ווערט געשיקט. צום ביישפיל: די שיף „סט. לואיס", וואס שטעלט זיך אפ בא פיר 86, פאקט איין איר אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע אין נעטע פעקלעך, וואס זיינען אדרעסירט צו דער „דזשערמאן בוק אימפארט קא.", 27 פארק פלעיס, ניו יארק, אדער צו „א. ברודערהאוזען בוק שאפ", 15 וועסט 45טע סטריט, ניו יארק.*)

*) אין א בריוו צו די „ניו מעסעס" לייקנט ברודערהאוזען'ס לאיער, אז זיין קליענט האט געקראגן נאצי־מאטעריאלן פון דער שיף „סט. לואיס".

אט זיינען די פאקטן: די „סט. לואיס" איז אנגעקומען אין ניו יארק דעם 8טן מאי, 1934, און האט זיך אפגעשטעלט בא פיר 86. אף דער שיף איז געווען א פעקל אנטיסעמיטישע פאמפלעטן אדרעסירט צו „א. ברודערהאוזען בוק־שאפ, 15 וועסט 45טע סטריט, ניו יארק." מר. ברודערהאוזען איז גערעכט ווען ער זאגט, אז ער האט די פאמפלעטן ניט געקראגן: אן אינספעקטאר האט געעפנט און קאנפיסקירט דאס פעקל.

אבער דאס דייטשע פראפאגאנדע־מיניסטעריום וואגט ניט שטענדיק צו ריזיקירן געכאפט צו ווערן דורך אדרעסירן אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע צו רעספעקטאבלע ביכער־קראמען. דאס מיניסטעריום זוכט בעסער אריינ־צושמוגלען די פראפאגאנדע אין מיטן נאכט, ווען די צאל־באאמטע שלאפן. און די דאזיקע ארבעט איז אונטער דער פערזענלעכער אויפזיכט פון גינטער ארגעל, אויסלענדישער געהיים־אגענט פון דעם דייטשן אויסערן־מיניסטעריום. ארגעל קלייבט אויס זיינע געהילפן צווישן דייטשע מלחמה־וועטעראנען, וואס האבן באוויזן זייער געטריישאפט צו היטלער'ן און זיינען אקטיוו אין אנטי־סעמיטישער און פאשיסטישער טעטיקייט דא אין לאנד. ארגעל אליין שטייט אין שטענדיקער פארבינדונג מיט געבעלס'ן דורך דער „נארט דזשערמאן לאיד" און „האמבורג אמעריקאן" שיף־קאמפאניעס.

יעדעס מאל, ווען ארגעל דארף האבן פארטרויענסווערטע מענטשן צו ברענגען אדער אפנעמען בריוו פון שיף און אראפצושמוגלען מאטעריאל, ווענדט ער זיך צו דער אמעריקאנער אפטיילונג פון „שטאלהעלם", וואס פירט דורך געהיימע מיליטערישע איבונגען ווי א צוגרייטונג צו „דעם טאג" דא אין לאנד. בלויז ווען ער פילט אז מען שפירט נאך, אדער ווען די מיט־

טיילונגען זיינען נאָר וויכטיק, גייט ער פערזענלעך אַף דער שיף. אָרגעל'ס פאַרבינדונגס־מענטש אין די שמוגלערייען איז פראַנק מוטשינסקי, א פעינטינג־קאָנטראַקטאָר, וואָס וואוינט אַף 116 גאַרלאַנד קאָורט, גארעצען ביטש, ניו יאָרק.

פראַנק מוטשינסקי איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע דעם 16טן יוני, 1929, פון דייטשלאַנד אַף דער שיף „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן". ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון איינעם פון די אַמעריקאַנער ברענטשעס פון דעם „שטאַל־העלם", וואָס האָט געהאַט זיין אָפיס אַף 174 איסט 85טע סטריט, ניו יאָרק. ווען ער איז געווען קאָמאַנדיר, האָט ער געקראָגן זיינע באַפעלן דירעקט פון פראַנץ זעלדטע, ביז ניט לאַנג צוריק דער ארבעט־מיניסטער אונטער היטלער'ן. זעלדטע איז צו יענער צייט געווען אין מאַגדעבורג, דייטשלאַנד. ער און אָרגעל האָבן געגרינדעט ברענטשעס פון דייטשן „שטאַלהעלם", וועלכע פירן אָן אינטענסיווע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין ראַטשעסטער, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, נוארק, דעטראָיט, לאָס אַנדזשעלעס, און אַפילו אין טאָראָנטאָ. די פאַרשיידענע ברענטשעס זיינען אין שטענדיקער פאַרבינדונג איינע מיט די אַנדערע און פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע געמיינשאַפטלעך, כאָטש יעדער ברענטש באַזונדער אָפּערירט אויטאָנאָמיש לויט דירעקטע באַפעלן פון דייטשלאַנד.

אין זיינע שמוגלערייען נוציקט זיך אָרגעל אין הילף, און זיין הויפּט־אַסיסטענט, קאַרל ברונקהאָרסט, איז רעקאָמענדירט געוואָרן פון מוטשינ־סקי'ן. ברונקהאָרסט'ס דזשאָב איז געווען צוצושטעלן די געהיימע בריוו. דאָס אַריינשמוגלען נאַצי־אוניפאָרמס און אויך דאָס איבערגעבן געהיימע בריוו איז אין די הענט פון פאָול באַנטע פון 168 איסט 93טע סטריט. באַנטע איז א מיטגליד פון דעם 244טן קאָוסט גאַרד, אַזוי גוט ווי פון דעם ניו יאָרקער נעשאָנאַל גאַרד!

ס'איז פאַראַן נאָך א סך צו זאָגן וועגן דעם אַריינשמוגלען אַנטיסעמיטי־שע פּראָפּאַגאַנדע אהער אין לאַנד, וועגן די שיפן און די מענטשן וואָס באַטייליקן זיך אין דעם, נאָר מ'מוז לאָזן פּלאַץ פאַר אַנדערע פונקט אַזוינע שטויִנענדע באַווייזן וועגן דער ברייטער נעץ, וואָס ווערט געשפּינט דאָ אין לאַנד פון די נאַצים און זייערע אַמעריקאַנער אַגענטן.

III

אַן אַנטיסעמיט אין די הויכע וואַשינגטאָנער קרייזן

איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ דערשראָקענעם אַגענט פון דער געהיימער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע „אָרדער אָוו 76׳ ” דורך אַן „אַפּאָינטמענט” אין דעם ראַקעט קלוב אויף 16טער סטריט, וואו וואַשינגטאָנער מענטשן פון „בלויען בלוט”, — דיפּלאָמאַטן און גרויסע געשעפטסלייט פאַרזאַמלען זיך און גיסן אויס זייער האַרץ קעגן קאָמוניזם און קעגן דער „אידישער געפאַר”.

איך בין געווען אין סטעיט־דעפּאַרטמענט, ווען איך האָב טעלעפאָנירט צו סידני ברוקס פון דער רעפּובליקאַנער סענאַט און קאָנגרעס קאַמפּעין־קאָמיטע נאָך אַן אינטערוויו. די לייענער געדענקען, אַז ברוקס, וועלכער האָט דעם צוטרוי פון סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, איז דער זון פון קוירנעל עדווין עמערסאָן, דעם היטלער־אַגענט וואָס האָט דער ערשטער אָרגאַניזירט די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב אין אַמעריקע. מ׳האָט מיר געענטפערט דורכן טעלעפאָן איך זאָל אָפּרופן אין צוויי שעה אַרום.

צוויי שעה שפּעטער, מיט סימאָר וואַלדמאַנ׳ען פון דעם וואַשינגטאָנער סטעף פון „דעילי וואָרקער” לעבן מיר, האָב איך ווידער טעלעפאָנירט צו ברוקס׳ן אין אָפיס. געענטפערט האָט זיין סעקרעטאַרשע.

— אָ, יאָ, מר. ספּיוואַק. מר. ברוקס איז ניטאָ איצט, אָבער ער׳ט אייך געבעטן איר זאָלט זיך מיט אים טרעפן אין דעם ראַקעט־קלוב.

איך בין קיינמאָל ניט געווען אין וואַשינגטאָנער ראַקעט־קלוב. געהערט האָב איך אַ סך פון דעם פּלאַץ. איך האָב געוואוסט, אַז קורט ג. סעל, דער נאַצי־קאָרעספּאָנדענט, האָט געוואוינט אין יענעם רייכן קלוב און אַז סעל איז שטענדיק אין פאַרבינדונג מיט דער דייטשער אַמבאַסאַדע. איך האָב גערעכנט, אַז ס׳איז אַ פּאַסענדער פּלאַץ פאַר אַ רעפּאָרטער פון דער „ניו מעסעס” זיך צו טרעפן מיט דעם שפּיאָנאַזש־אַגענט פון דעם „אָרדער אָוו 76׳ ”.

איך האָב מיטגענומען אַ סטענאָגראַפּיסטקע צו פאַרצייכענען דעם אינטערוויו, אַזוי אַז ברוקס זאָל ניט קאָנען זאָגן, אַז איך האָב אים פאַלש ציטירט. דער קלוב האָט איר אָבער ניט דערלויבט אַריינצוקומען, און מיט וואַלדמאַנ׳ען לעבן מיר האָב איך אליין פאַרשריבן דעם אינטערוויו מיט אַלע איינצעלהייטן. מר. ברוקס איז אַרונטערגעקומען פון די ברייטע שטיגן באַדעקט מיט רייכע טעפּיכער אונז אויפצונעמען. ער איז פון מיטעלן וואוקס, עטוואָס טונקל.

מ'האָט אונז אַרויפגעפירט אויבן און אַריינגעבראַכט אין מאָדיש אויס־געשטאַטן זון־צימער. דאָרט איז אַ גוט־געקליידעטער מאַן, פאַר וועמען ער האָט אונז פאָרגעשטעלט, ניט דערמאָנענדיק זיין נאָמען, אויפגעשטאַנען אונז צו באַגריסן.

— איך האָב געשריבן צו אייער זשורנאַל, — האָט ברוקס אָנגעהויבן.

— זיי האָבן מיין בריוו. איך האָב געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגן.

— איך פאַרשטיי, אַז איר ווילט ניט זאָגן מער ווי איר האָט געשריבן. איך נעם אָבער אָן, אַז איר זיינט, ווי איר האָט געשריבן, אַ פּאַטריאָטישער אַמעריקאַנער.



יעדער מיטגליד פון דעם „אָרדער אָוו 76'" קריגט אַזאַ אידענטיפיקאַציע־קאַרטל, וואָס דאַרף אים מאַכן פאַר אַ חשוב'ן מענטשן בײַ דער פּאָליציי.

— געוויס.

— אויב אַזוי וועט איר זיכער זיין פאַראינטערעסירט אין העלפן אויפ־דעקן יעדע שעדלעכע טעטיקייט אין אַמעריקע, וואָס שטעלט אין געפאַר דעם פרידן דאָ אין לאַנד?

— איך בין ניט פאַראינטערעסירט אין אויפדעקן שעדלעכע עלעמענטן.

דער מאַן, וואָס איז געווען מיט אים, האָט זיך געמאַכט, אַז ער לייענט אַ צייטונג. זיינע אויגן זיינען געווען צוגעשמידט צום זעלביקן פּלאַץ אַף דער זעלביקער זייט צייטונג. דאָ אָבער האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אַ קוק געטאָן אַף ברוקס'ן.

— איך בין פאַראינטערעסירט אין אַ סך זאַכן, — האָט ברוקס ווייטער גערעדט. — אָבער איך באַשעפטיק זיך ניט מיט דער אַרבעט וואָס איר האָט דאָ דערמאָנט.

ער איז געווען אַזוי פּאַטעטיש אין זיין אומבאַהאָלפנקייט, אַז איך האָב אַ שמייכל געטאָן כדי אים צו בארואיקן.

— אָבער איך האָב דאָך ניט געזאָגט, אַז איר זייט פּאַראינטערעסירט אין אָט־דער אַרבעט. איך האָב בלויז געפרעגט צי זייט איר פּאַראינטערעסירט אין דעם.

— איך קאָן זיין קעגן דעם, אָבער איך בין ניט פריי זיך צו באַטייליקן אַקטיוו אין באַקעמפן די דאָזיקע טעטיקייט.

— איז דאָס דען ניט אייער פליכט ווי אַן אַמעריקאַנער בירגער? ברוקס האָט אַוועקגעוואָרפן זיין סיגאַרעט.

— דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער איך בין בלויז זיך שולדיק אַן ענטפער.

— אין אייער אַפּליקאַציע צום „אָרדער אָוו 76' " האָט איר אָנגעגעבן, אַז איר האָט געדינט אין דער אַרמיי. דאָרט האָט איר געגעבן אַ שבועה צו פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. האָט זיך די דאָזיקע שבועה געענדיקט ווען איר האָט פאַרלאָזט די אַרמיי?

— אויף וויפיל דאָס האָט צו טאָן מיט דער אַרמיי — יאָ.

ברוקס האָט הילפלאָז אַ קוק געטאָן אויף זיין פריינט, וועמעס אויגן זיינען נאָך אַלץ געווען צוגעשמידט צו דעם זעלביקן פונקט אויף דער זעלביקער זייט צייטונג.

— איך האָב געזאָגט וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן אין מיין בריוו, — האָט ער ענדלעך געענטפערט.

— אָל ראַיט. איצט לאָמיר צוקומען צו אייער בריוו און צו די „ניו מעסעס". איר זאָגט, אַז איר האָט קיינמאָל ניט געהערט פון וויליאַם גודעילס, דער נאָמען אונטער וועלכן וויליאַם דאַדלי פּעלי האָט זיך רעגיסט־רירט אין האָטעל עדיסאָן?

— גאַנץ ריכטיק.

— זייט איר ווען געווען אין האָטעל עדיסאָן?

— יאָ. איך בין דאָרט געווען עטלעכע מאָל.

— ווען? געדענקט איר די דאַטן?

— איך געדענק די דאַטן, אָבער נאָך אָט־דער אינפאָרמאַציע דאַרפט איר זיך ווענדן אין האָטעל עדיסאָן.

— האָט איר זיך ווען געטראָפן מיט פּעלי'ן?

— ניין.

— האָט איר זיך ווען געטראָפן מיט ראַיאַל סקאַט גולדען פון דער פאַמיליע פון דעם מאַסטאַרד־קעניג, וועלכער איז דער אָנפירער פון דעם „אָרדער אָוו 76' "?

— יאָ — אָבער, ניט ווען איך בין געווען רעגיסטרירט אין האָטעל עדיסאָן, — האָט ער צוגעגעבן מיט פאַרצווייפלונג. — איך געדענק ניט אַקוראַט ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן. איך רעכן ס'האָט געמוזט

זיין דעם טאג, ווען איך האב אנגעגעבן מיין אפליקאציע זיך אנצושליסן אין ארדער.

— אייער פאטער, קוירנעל עדווין עמערסאן, איז אין אמעריקע. האט ער זיך מיט אייך געשטעלט אין פארבינדונג וועגן די ארטיקלען אין די „ניו מעסעס"?

ברוקס האט הילפלאז א קוק געטאן אף דעם מאן, וואס איז געווען מיט אים, און האט פארביסן די ליפן.

— יא, — האט ער געזאגט קאלט און זיין מויל האט זיך אויסגעצויגן אין א דינער ליניע.

— וואס האט ער געזאגט?

— דאס איז אן ענין צווישן מיר און מיין פאטער.

— איר האט געוואוסט, אז אייער פאטער און זיין פרוי זיינען צייטנ־ווייז געווען פינאנציעל געבראכן. און פלוצים האבן זיי געקראגן געלט. האט אייך אייער פאטער ווען געזאגט, וואו ער האט געקראגן דאס געלט און פון וועמען?

— דאס איז אן אומנויטיקע פראגע.

— זייער גוט. איר האט זיך געזען מיט אייער פאטער אף 17 בעטערי פלעיס, אין ניו יארק, ניט אמת?

— יא.

— איר האט געוואוסט, אז זיין רענט האט געצאלט דער דייטשער גענעראל־קאנסול און אז ער איז געווען באשעפטיקט אין ארגאניזירן אנטי־סעמיטישע באוועגונגען דא אין לאנד?

— איך ווייס גארניט וועגן דעם.

— האט אייער פאטער אייך ווען פארטרויעט וואס זיינע געשעפטן זיינען דא אין לאנד?

— איך האב געוואוסט, אז ער איז געווען פארבונדן מיט די „פרענדס אוו דזשערמאני".

— האט איר אים ווען געהערט ריידן וועגן אנטיסעמיטיזם?

— איך האב אים איינמאל געהערט ריידן אין הארווארד־קלוב אין ניו יארק. זיין טעמע איז געווען וועגן אוצרות פון פיראטן.

ברוקס האט אף מיר א קוק געטאן מיט א טריאומפירנדיקן שמייכל.

— האט איר אף יענער אומשולדיקער פארזאמלונג זיך ניט געטראפן מיט גולדענ'ען און מיט גינטער ארהנעל'ן, דעם הויפט פון דער דייטשער אויסלענדישער פאליטישער געהיים־דינסט דא אין לאנד?

— איך געדענק ניט מיט וועמען איך האב זיך געטראפן אף יענער פארזאמלונג.

— איז עס ניט מאדנע, אז די פירער פון אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע דא אין לאנד האבן זיך אלע דורך א צופאל פארזאמלט אין הארווארד־קלוב יענעם אוונט צו הערן ווי אייער פאטער רעדט וועגן אוצרות פון פיראטן?

ברוקס האט ניט געענטפערט.

— ווייסט איר ווי אַזוי אייער פאָטער מאַכט א לעבן?

— די דעטאַלן וועגן דעם וואָס מיין פאָטער טוט אַף צו מאַכן א לעבן גייען מיך ניט אָן, — האָט ברוקס אויסגעשריען.

— האָט אייער פאָטער ווען גערעדט מיט אייך וועגן אנטיסעמיטיזם?

— איך גלויב אַז יאָ, — האָט ער געזאָגט פאַמעלעך. — יאָ, ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן אנטיסעמיטיזם, אָבער איך קאָן זיך ניט דער־מאָנען ווען.

— איר זאָגט אין אייער בריוו צו די „ניו מעסעס", אַז איר האָט זיך קיינמאָל ניט געטראָפן מיט מר. קעלי אַף 17 בעטערי פלעיס, אין דער געביידע וואו עס געפינט זיך דער דייטשער גענעראַל־קאָנסול?

— גאַנץ ריכטיק.

— וואו האָט איר זיך מיט אים יאָ געטראָפן?

— באַ אים אין דער היים אָדער באַ מיר, — האָט ברוקס געזאָגט. ער האָט פאַררויכערט נאָך א סיגאַרעט. זיינע פינגער האָבן נערוועז גע־באַראַבאַנעוועט איבער דעם ווענטל פון שטול.

— וואָס איז מר. קעלי'ס באַשעפטיקונג?

— איך דענק ער איז א קאָנסולטאַציע־אינזשעניר. איך ווייס ניט.

— ער איז אייערער א פריינט און איר ווייסט ניט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך?

ברוקס האָט ניט געענטפערט און נאָך שנעלער געקלאַפט מיט די פינגער איבערן שטול.

— וואָס איז געווען אָנגעשריבן אַפן טיר פון זיין אָפיס אַף 17 בעטערי פלעיס?

— איך ווייס ניט.

דער מאַן, וואָס איז געווען מיט אים, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צייטונג. ער האָט נאָך אַלץ ניט איבערגעקערט קיין בלאַט. ער איז נאָך אַלץ געווען צוגעשמידט צו דעם זעלבן פונקט.

— זייט איר ווען געווען באַ אים אין אָפיס אַף 17 בעטערי פלעיס?

— יאָ — איינמאָל. אָבער ער איז דאָרט ניט געווען.

— ווער האָט דער ערשטער געצויגן אייער אויפמערקזאַמקייט צום „אָרדער אָוו 76"?

— מר. פעלי. — ברוקס האָט זיך געכאַפּט און איז שנעל געפאָרן ווייטער. — מעגלעך אַז מר. גולדען. איך ווייס ניט. איך געדענק ניט.

— האָט אייער פאָטער ווען מיט אייך גערעדט וועגן דעם?

— יאָ.

— איז עס מעגלעך, אַז אייער פאָטער האָט אייך געראָטן זיך אָנצושליסן אין אָרדער?

— איך וויל ניט ריידן וועגן מעגלעכקייטן.

— האָט אייער פאָטער דאָס אייך געראָטן?

— איך געדענק ניט.

— ווען איר האָט זיך אָנגעשלאָסן, האָט איר געוואוסט אַז דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע צו שפּיאָנירן אויף קאָמוניסטן און אידן און צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע?

— מ'האָט עס מיר אָנגעגעבן ווי אַ פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציע.

— פאַרוואָס־זשע איז געווען נויטיק אָראָפּצונעמען אייערע פינגער־צייכנס?

— איך ווייס נישט.

— איר זאָגט אין אייער בריוו, אַז איר האָט זיך אָנגעשלאָסן כּדי צו קריגן אינפאָרמאַציע. וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— דאָס איז אַ ברייטער טערמין. יעדער קאָן דאָס אויסטייטשן אויף זיין שטייגער.

— די נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן איז אויך אַ פּאַטריאָטישע אָרגאַני־זאַציע. פאַרוואָס האָט איר זיך נישט אָנגעשלאָסן אין יענער אָרגאַניזאַציע אַנשטאָט דעם „אָרדער אָוו 76'"?

ברוקס'עס האַנט איז דורכגעפאָרן דורך זיינע האָר. די ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן אין נאָך אַ דינערער ליניע.

— איך קאָן נישט זאָגן פאַרוואָס, — האָט ער ענדלעך געזאָגט נאָך אַ לאַנגער פּויזע.

— איר געפינט אויס אַ סך זאַכן פון די סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט מיט וועלכע איר קומט אין באַרירונג. האָט אייער פאָטער באַ אייך וועגן געבעטן וועלכע ס'איז אינפאָרמאַציע?

— מיר האָבן גערעדט וועגן אַלגעמיינע געגנשטאַנדן. געוויס האָט ער מיר געשטעלט פראַגן, אָבער זיי זיינען געווען וועגן אַלגעמיינע זאַכן — וואָס יעדער איינער וואָלט וועגן זיי געשמועסט.

— ווייסט איר, אַז דער „אָרדער אָוו 76'" באַשעפטיקט זיך מיט אַנטי־סעמיטישער אַרבעט און שפּיאָנאַזש?

— איך ווייס נישט וואָס די אָרגאַניזאַציע טוט.

— ווי אַ מיטגליד, זייט איר נישט פאַראינטערעסירט?

— ניין.

— פאַרוואָס־זשע רעזיגנירט איר נישט?

ברוקס האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן אויף אַ מאָמענט מיט אויסדרוקלאָזע אויגן און דערנאָך — אויף דעם מאַן, וואָס האָט אַלץ געלייענט די זעלבע זאַך אויף דעם זעלביקן פּלאַץ פון זיין צייטונג.

ענדלעך האָט זיך אַן אומבאַהאָלפענער שמייכל אויסגעשפּרייט אויף ברוקס'עס פּנים.

— איך ווייס נישט.

— האָבן וועלכע ס'נישט איז סענאַטאָרן אָדער קאָנגרעסלייט מיט אייך גערעדט וועגן די אַרטיקלען אין די „ניו מעסעס"?

ברוקס איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול.

— דאָס איז אַ פּערזענלעכע זאַך. איך וויל בעסער נישט ענטפערן דערויף.

אַלץ וואָס איך קאָן זאָגן איז, אַז איך האָב קיינמאָל ניט גערעדט צו אַ סענאַטאָר אָדער אַ קאָנגרעסמאַן וועגן דעם „אָרדער אָוו 76‘“. און איך האָב קיינמאָל וועגן דעם ניט גערעדט מיט מיינע פריינט.

— פאַרוואָס ניט? ווייל ס'איז אַ געהיימע שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע?

ברוקס האָט ווידער הילפלאָז אַ קוק געטאָן אַף דעם מאַן מיט דער צייטונג.

— ניין, איך דענק דאָס ניט, — האָט ער ענדלעך געזאָגט.

— איצט, ווען איר ווייסט וועגן דעם צוועק פון דער אָרגאַניזאַציע און איר האָט דערקלערט אין אייער בריוו צו די „ניו מעסעס“, אַז איר גלויבט ניט אין אַנטיסעמיטיזם אָדער אין דעם, אַז אויסלענדישע רעגירונגען זאָלן זיך מישן דאָ אין לאַנד, האָט איר בדעה צו רעזיגנירן פון דעם „אָרדער אָוו 76‘“?

— ניין, — האָט ברוקס אויסגערופן מיט ביטערקייט.

ער איז אויפגעשטאַנען פון שטול.

— איך בין זייער פאַרנומען. איך האָב אייך געזאָגט ווען איר זייט געקומען, אַז איך האָב אַלץ דערקלערט אין מיין בריוו. מער וועל איך ניט זאָגן גאָרניט.

ווען וואַלדמאַן און איך זיינען צוגעקומען צו די ברייטע שטיגן, האָב איך אַ קוק געטאָן אַף צוריק. ברוקס איז אַלץ געשטאַנען אַף דעם זעלבן פלאַץ וואו איך האָב אים פאַרלאָזט, און זיין האַנט האָט זיך געהאַלטן פעסט אָן דעם שטול. דער אַגענט פון דער „אָרדער אָוו 76‘“ איז קאָנטיק געווען שטאַרק דערשראָקן.

(דאָס איז דער בריוו פון סידני ברוקס צו די „ניו מעסעס“)

„צו די ‚ניו מעסעס‘:

„ס'איז אפשר ניט נויטיק, אָבער איך האָף, אַז איר וועט מיר דערלויבן צו מאַכן געוויסע קאָמענטאַרן אַף דעם אַרטיקל אין אייער אויסגאַבע פון אָקטאָבער 2, 1934, ‚געהיימע צוגרייטונגען צו אַמעריקאַנער פּאָגראָמען‘, ‚1. די אָרגאַניזאַציע פון אַנטיסעמיטיזם דאָ אין לאַנד‘, פון דזשאָן ל. ספּיוואַק.

„דער ערשטער סטייטמענט, אַף וועלכן איך וואָלט וועלן ענטפערן, איז, אַז „‚דעם פערטן מערץ, 1934, איז אָט־דער ברוקס געקומען צופאָרן אין האָטעל עדיסאָן, ניו יאָרק, וואו אַ געוויסער ‚וויליאַם ד. גודעילס פון לאָס אַנדזשעלעס‘ האָט אַף אים געוואַרט אין צימער 830. דער מר. ‚גודעילס‘ איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי וויליאַם דאַדלי פּעלי, דער אָנפירער פון די ‚סילווער שוירטס‘, וועלכער איז ספּעציעל געקומען קיין ניו יאָרק צו אַ קאָנפערענץ מיט ברוקס'ן און גולדענ'ען! נאָך אַ קורצער באַראַטונג צווישן ברוקס'ן מיט ‚גודעילס‘־פּעלי זיינען זיי ביידע אַוועק צו גולדענ'ען אין אָפיס. דאָרט, נאָך אַ געשפּרעך, וואָס האָט געדויערט אַ שעה, איז באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמענצושמעלצן דעם ‚אָרדער אָוו 76‘ מיט די ‚סילווער שוירטס‘, כדי זיי זאָלן קאָנען מער עפעקטיוו אָנפירן זייער אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.‘

„איך וויל דאָ דערקלערן, אַז דעם 4טן מערץ, 1934, בין איך געווען

באַשעפטיקט מיט מיין רעקלאַמעסיקער אַרבעט אין מיין אָפיס אין דער יוניאָן טראַסט בילדינג, וואַשינגטאָן, די. סי. איך בין אויך געווען אַזוי באַשעפטיקט פון דעם 24טן פעברואַר ביז דעם 8טן מערץ, אַריינגערעכנט. איך האָב דאָ בייגעלייגט אַפידעיווויטס וועגן דעם. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען וויליאַם ד. גודעילס און אַף וויפיל איך ווייס האָב איך זיך קיינמאָל ניט געטראָפן אָדער קאָרעספּאָנדירט אַף וועלכן ס'ניט איז אופן מיט וויליאַם דאַדלי פעלי. איך בין אָבער באַקאַנט מיט מר. פעלי'ס שריפטן. איך לייען זיין זשורנאַל פונקט ווי איך לייען 'די ניו יאָרק טאַימס', 'ניו רעפּאַבליק', 'די קאַמווירשעל ענד פאַינענשעל קראָניקל', 'די נעישאָן', 'טודעי', און אַנדערע אויסגאַבן פון אינפאָרמאַציע אָדער מיינונג.

„איך האָב זיך קיינמאָל ניט געטראָפן מיט מר. גולדען אין האָטעל עדיסאָן און בין קיינמאָל ניט געגאַנגען צו אים אין אָפיס באַגלייט פון וועמען ס'ניט איז. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אַף אַנדערע ערטער און אין אַנדערע ציימן, ווי עס וועט ווייטער אָנגעגעבן.

„עס קומט ווייטער דער סטייטמענט, אַז 'אַ געוויסער פּאָול אַ. טאָעל האָט געשריבן אַ בריוו דעם 6טן מערץ, 1934,' נאָך דער כלומרשטער קאָנפערענץ.

„איך האָב זיך קיינמאָל ניט געטראָפן מיט אַזאַ מענטשן און איך האָב קיינמאָל ניט געזען אָדער געהערט פון אַזאַ בריוו ביז איך האָב אים געלייענט אין אייער זשורנאַל.

„עס קומט ווייטער דער סטעיטמענט וועגן מיינע 'מיסטעריעזע רייזעס קיין ניו יאָרק', וואו איך האָב 'שטענדיק באַזוכט 17 בעטערי פּלעיס' און 'אַף יענעם אַדרעס באַזוכט אַ געוויסן דזשאָן א. קעלי'.

„געוויינטלעך האָב איך אין 17 בעטערי פּלעיס באַזוכט מיין פּאָטער'ס אָפיס, אַזוי גוט ווי אַנדערע געשעפטס-אָפיסעס אין יענער געביידע, ניט אַריינ-רעכענענדיק דעם אָפיס פון דעם דייטשן גענעראַל-קאָנסול. מיינע וויזיטן זיינען קיינמאָל ניט געווען מיסטעריעז. איך האָב קיינמאָל ניט געטראָפן דזשאָן א. קעלי'ן אַף 17 בעטערי פּלעיס.

„עס קומט ווייטער דער סטעיטמענט, אַז 'אין אַ בריוו צו קעלי'ן דאַטירט אַזוי וויים צוריק ווי דעצעמבער 27, 1933, האָט ער (סידני ברוקס) געשריבן: 'איך וועל זיין אין ניו יאָרק פון פרייטיק ביז מאָנטיק און קאָן דערגרייכט ווערן אַף דעם געוויינטלעכן אופן — גראַמערסי 9193-5 (נאָכפרעגן עמער-סאָן)'.

„איך האָב געשריבן אַזאַ בריוו צו מר. קעלי, אַדרעסירט צו זיין אָפיס, 17 בעטערי פּלעיס, מיט דער אָנגעגעבענער דאַטע. איך לייג דאָ צו אַ פולע קאָפּיע פון דעם בריוו. פאַר אייער אינפאָרמאַציע וועגן — מר. קעלי איז מיינער אַ פּערזענלעכער פריינט, מיט וועמען איך האָב נאַטירלעך גערעדט וועגן אַלגעמיינע זאַכן, באַ אים אין דער היים.

„איך ציטיר: 'מיר געפינען איצטער, אַז דער דאָזיקער מאַן, וואָס שטייט נאָענט צו הויכע באַאַמטע פון דער רעגירונג פון די פּאַראַיוניקטע שטאַטן, טרעפט זיך מיט מענטשן וועגן צוזאַמענשמעלצן אַנטיסעמיטישע אָרגאַני-זאַציעס, באַזוכט מענטשן אין דער געביידע פון דעם דייטשן קאָנסולאַט און האָט אַ טעלעפאָן-נומער אַף עמערסאָנ'ס נאָמען.'

„ווי איר ווייזט אָן, בין איך דער דירעקטאָר פון דער ביוראָ פאַר עקאָ-נאָמישער פאָרשונג פון דער רעפּובליקאַנער סענאַט און קאָנגרעס קאָמיטע און איך פּרואוו צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס איז ניט פּאָליטיש אין איר כאַ-ראַקטער און איז אויסגערעכנט אַף צו זאַמלען נויטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער פּאָליטיק און די שריט פון דער איצטיקער אַדמיניסטראַציע און אין

די אינטערעסן פון אַמעריקאַנער פאָלק. מיינע פּערזענלעכע באַציאונגען מיט אַדמיניסטראַציע־באַאַמטע זיינען נישטיק.

„ווייטער קומט דער סטייטמענט, אַז ‚סידני ברוקס איז אויך אַ מיט־גליד פון דעם געהיימען אָרדער אָוו 76‘. איידער איינער קאָן זיך אַנשליסן, מוז ער מיט זיין אייגענער האַנטשריפט און פאַרזיגלט מיט זיינע אייגענע פינגער־צייכנס אָנגעבן געוויסע איינצעלהייטן וועגן זיין לעבן. ברוקס׳עס אַפּליקאַציע צו דער דאָזיקער שפּיאָנאַזש־געזעלשאַפט דערשיינט מיט דעם אַרטיקל און ווייזט, אַז ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער זיין מוטער׳ס מיידעלשן נאָמען. זיין פאָטער איז קאָרנעל עדווין עמערסאָן, היטלער־אַגענט.‘

„די פאָטאָגראַפיע פון דער אַפּליקאַציע צום ‚אָרדער אָוו 76‘, וואָס איז רעפּראָדוצירט אין אייער זשורנאַל, איז אַ ריכטיקע. דערלויבט מיר צו ווידערהאָלן, אַז מיין אַרבעט איז צו זאַמלען אינפאָרמאַציע, צי עס האָט צו טאָן מיט נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע, פינאַנציעלע, אינדוסטריעלע אָדער סאָ־ציאַלע באַדינגונגען. פאַרוואָס איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין ‚אָרדער אָוו 76‘ איז ניט קיינעמס עסק נאָר מיינער, און איך בין ניט מחויב קיינעם צו געבן קיין דערקלערונגען. איך קאָן אייך אָבער זאָגן, אויב דאָס אינטערעס־סירט אייך, אַז מיין אַבזיכט איז געווען, ערשטנס, אַן אינפאָרמאַטיווער און צווייטנס, זיך אַנצושליסן אַן דער געזעלשאַפט, ווייל מ׳האָט זי מיר פאַר־געשטעלט ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרטיידיקט די פּרינציפּן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אין וועלכע איך גלויב.

איך האָב גערעדט מיט מר. ראַיאַל סקאָט גולדען באַ עטלעכע געלעגנהייטן. דעם לעצטן מאָל, גלויב איך, כאָטש איך קאָן דאָס ניט געדענקען אַף זיכער — שפּעט אין 1933. מיינע שמועסן מיט אים זיינען געווען וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון קאָמוניזם אין לאַנד. מיינע פאַרבינדונגען מיט אים זיינען געווען באַזירט אַף מיין אויפריכטיקער פאַרדאַמונג פון אַריינברענגען וועלכע ס׳ניט איז אויסלענדישע רעגירונגס־עקספּערימענטאַציע אַהער אין לאַנד. איך גלויב, אַז די פאָרם פון רעגירונג וואָס איז אויסגעאַרבעט גע־וואָרן פון די אָריגינעלע אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן און אַנטוויקלט געוואָרן אין דעם אַמעריקאַנער גייסט, איז די פאָרם פון רעגירונג וואָס מיר דאַרפן האָבן. אויב מענטשן אין רוסלאַנד ווילן האָבן קאָמוניזם, איז עס דאָס רעכט פון דעם רוסישן פאָלק צו האָבן וואָס זיי ווילן. איך גלויב ניט, אַז מיר דאַרפן זיך מישן אין די אינגעלעגנהייטן פון רוסלאַנד. איך גלויב ניט, אַז וועלכע ס׳ניט איז רוסן, פון וואָס פאַר אַ ראַסע זיי זאָלן ניט זיין, האָבן אַ רעכט זיך צו מישן אין אונזער רעגירונגס־פאָרם.

„איך וועל פונקט אַזוי עמפאַטיש זאָגן דאָס זעלביקע וועגן דער רע־גירונגס־פאָרם אין דייטשלאַנד. דאָס איז זייער געשעפט, אַזוי לאַנג ווי זיי רירן ניט אָן די רעכט אָדער די זיכערקייט פון אַמעריקאַנער בירגער. דער־פאַר וואָס זיי האָבן יאָ אָנגערירט די רעכט אונזערע אין אָנהויב פון 1917, בין איך אַריינגעטראָטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, ווי עס איז אָנגעגעבן אין דער פאָטאָגראַפיע וואָס איר רעפּראָדוצירט. אין 1919 בין איך ערנהאַפט אַנטלאָסן געוואָרן. וואָס איז שייך דער היטלער־ אָדער נאַצי־רעגירונג, פיל איך וועגן דעם דאָס זעלביקע ווי וועגן דער רוסישער רעגירונג. איך האָב ווייניק סימפּאַטיע צו איר און וואָלט וועלן זיך אַנשליסן אין דער פאַר־דאַמונג פון אירע פאַרפאָלגונגען אַף פרייע בירגער, אַריינרעכענענדיק אידן.

„איך גלויב, אַז יעדע אימפּאָרטאַציע פון נאַצי־פּרינציפּן אָדער אָרגאַני־זאַציעס אַהער אין לאַנד קאָן בלויז פּראָוואָצירן אומנויטיקן שטרייט, וואָס

איז איינגאנצן פרעמד אונזער לאנד, און וואס יעדער ערלעכער אמעריקאנער דארף אנטמוטיקן.

„וואס איז שייך סעמיטיזם אדער אנטיסעמיטיזם, גלויב איך ניט אז אגיטאציע פאר אדער קעגן איז נויטיק אדער נוצלעך אין אמעריקע. מיליאנען מענטשן זיינען געקומען אהער אין לאנד צו זוכן א שוץ קעגן פארפאלגונגען. יעדער עכטער אמעריקאנער דארף זוכן צו פארטיידיקן די פרינציפן וואס גאראנטירן אזא שוץ.

„ ’ברוקס’עם אפליקאציע . . . ווייזט, אז ער באהאלט זיך אונטער זיין מוטער’ס מיידעלשן נאמען. זיין פאטער איז קוירנעל עדוואַרד עמערסאן, היטלער־אגענט.’

„איך ’באהאלט’ זיך ניט אונטער קיין נאמען. איך האב אנגענומען מיין מוטער’ס מיידעלשן נאמען, ווען איך בין געקומען אין מיינע דער־וואקסענע יארן און אלע מיינע פריינט וויסן דאס. דער מאטעריאל, וואס איך האב אליין צוגעגרייט וועגן אט־דער פראגע, דערשיינט אין ’ווער איז ווער אין אמעריקע’, באנד 15 (1928־1929). דאס איז אנערקענט ווי א פולשטענדיק־געזעצלעכער שריט, וואס יעדער איינער קאן מאכן צוליב פער־זענלעכע מאטיוון.

„מיינע פערזענלעכע באציאונגען מיט מיין פאטער, עדווין עמערסאן, גייען אויך אן נאר אונז. מיינע באציאונגען מיט אים זיינען ווי צווישן פאטער און זון, און איך האב שטענדיק געהאט יעדן גרונד צו רעספעקטירן אים ווי א לאיאלן אמעריקאנער.

„מיין פריוואט לעבן האט ניט קיין שום פארבינדונג מיט דער רעפובלי־קאנער סענאט און קאנגרעס קאמיטע, אדער מיט וועמען ס’ניט איז פון אירע מיטגלידער. פאר מיינע פערזענלעכע טעטיקייטן בין איך פאראנטווארטלעך בלויז צו זיי, און איך מוז זיך פארלאזן אף מיין אייגענער ערע ניט צו טאן קיין זאך, וואס איז שעדלעך פאר זייערע אינטערעסן. איך פרואוו אנ־פירן די ארבעט פון זאמלען אינפארמאציע פאר דער דאזיקער ארגאניזאציע אף ווי ווייט מיין פיאיקייט גרייכט און מיט די ארנטלעכסטע אבזיכטן.

„סידני ברוקס.״

אין דעם בריוו לייקנט סידני ברוקס, אז ער האט זיך געטראפן מיט וויליאם דאדלי פעלי, אנפירער פון די „סילווער שוירטס״, דעם 4טן מערץ, 1934. ברוקס האט צוגעשטעלט צוויי אפידעיוויטס. איינער, אונטערגעשריבן פון צוויי מענטשן, דערקלערט, אז ברוקס איז געווען בא זיין ארבעט אין וואשינגטאן דעם 3טן מערץ און אויך דעם 5טן. דער 4טער מערץ ווערט ניט דערמאנט. דער צווייטער אפעדעיוויט, אונטערגעשריבן מיט איין נאמען, דערקלערט, אז ברוקס איז געווען באשעפטיקט בא זיין דעסק אין זיין אפיס ביז ארום האלב נאך דריי באטאג דעם 4טן מערץ.

דער 4טער מערץ איז געווען א זונטיק. אנגענומען, אז ברוקס און זיינע אנגעשטעלטע ארבעטן זונטיק, האט ער געקאנט מיט א שנעל־צוג קומען קיין ניו יארק אין צייט פאר דער קאנפערענץ, און א שנעלער שלאף־באן, וואס פארלאזט פענסילווייניע סטיישאן האלב נאך דריי פארטאג דעם 5טן מערץ, האט אים געקאנט ברענגען צו זיין דעסק אינדערפרי.

ברוקס, פּעלי און ראַיאַל סקאָט גולדען, האָבן געהאַט אַ קאָנפערענץ אין ניו יאָרק אין אָוונט פון 4טן מערץ.

ברוקס האָט געזאָגט אין זיין בריוו :

„איך האָב קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען וויליאַם ד. גודעילס און אַף וויפיל איך וויים האָב איך זיך קיינמאָל ניט געטראָפן אָדער קאָרעס־פּאָנדירט אַף וועלכן ס'ניט איז אופן מיט וויליאַם דאַדלי פּעלי."

אחוץ דעם, וואָס ער האָט געטראָפן פּעלי'ן (גודעילס) אין האָטעל עדיסאָן און איז מיט אים געגאַנגען צו גולדענ'ען אין אָוונט פון 4טן מערץ, 1934, האָט ברוקס טעלעפאָנירט צו גולדענ'ס אָפיס דעם 16טן פעברואַר, 1934, פון האָטעל עדיסאָן. ער האָט געלאָזט וויסן גולדענ'ען, אַז ער געפינט זיך מיט דעם „טשיף" (פּעלי) און אַז גולדען זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אים אין האָטעל עדיסאָן. איך האָב דעם טעלעפאָן־מעסעדזש.

IV

רייכע אידן וואָס פינאַנסירן אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן

קאָמוניזם איז אַ שרעק־געשפּענסט פון די רייכע, פון די ארבעטגעבער, צי זיי זיינען אידן אָדער קריסטן, און עס איז נאַטירלעך, אַז פלינקע באַאָבאַכטער פון דעם אַמעריקאַנער לעבן זאָלן אויסנוצן די דאָזיקע שרעק אין די הערצער פון די באַלעבאַטים און שלאָגן דערפון קאַפּיטאַל.

דעריבער געפינען מיר געהיימע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָגן צו דעם קלאַס ארבעטגעבער אינפאָרמאַציע וועגן דער געפאַר פון רעוואָלוציע, — ווען זי וועט פאָרקומען און ווער עס וועט זי פירן. פאַר דער דאָזיקער „געהיימער" אינפאָרמאַציע מאָגען זיי אײַן געלט. רייכע אידן און קריסטן לאָזן זיך פאַרפירן פון אַט־דעם מין „רעקעט". אַ סך גאַנץ קלוגע אידן און קריסטן ווערן איבערגעשראָקן פון די דאָזיקע „געהיימע" באַריכטן און זיי זוכן ווייטערדיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער עקספּראָפּריאַציע, וואָס קלייבט זיך אָף זיי. איינער פון די, צום ביישפּיל, איז קוירנעל ראָבערט מאַקאָרמיק, ארויסגעבער פון דער איינפלוסרייכער צייטונג „שיקאַגאָ טריביון".

אויב אייך זאָל אויסקומען צו זיין אין קוירנעל מאַקאָרמיק'ס שלאָף־צימער און זען ווי ער זוכט פאַרזיכטיק אונטערן בעט איידער ער לייגט זיך שלאָפן, טאָמער געפינט זיך דאָרט אַ קאָמוניסט, וואָס איז באַוואָפנט צום ווינציקסטן מיט צוויי באָמבעס, פיר רעוואָלווערן און אַ מעסער צווישן די ציין, — זאָלט איר דערפאַר געבן קרעדיט צו אַ דזשענטלמאַן, וואָס הייסט הערי א. דזשאָנג פון שיקאַגאָ. דזשאָנג איז איינער פון דעם קוירנעל'ס נאָענטע מענטשן און ער שטעלט צו דעם קוירנעל אַ סך „אינעווייניקסטע" אינפאָרמאַציע וועגן קאָמוניסטן און אידן.

דזשאָנג איז דער הויפּט פון דער ווייט־פאַרשפּרייטער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, „די אַמעריקאַן ווידזשילענט אינטעלידזשענס פעדערעישאַן", פּאָסט־אָפיס באָקס 144, שיקאַגאָ. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז צוערשט געגרינדעט געוואָרן צו שפּיאָנירן אָף קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, אָבער דזשאָנג האָט באַשלאָסן אַז ער דאַרף האָבן נאָך אַ שרעקנדיקע „אישו", וואָס זאָל אים העלפן ארויסקריגן געלט פון יאָלדן. ער האָט דאָס געפונען אין דער „אידישער געפאַר"; און איצט איז ער איינער פון די נאַציאָנאַלע פירער אין פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. פאַראַן אַנטיסעמיטן, וואָס גלויבן ווירקלעך אין דער עכטקייט פון די „פּראָטאָקאָלן פון ציון". אָבער אַ סך אַנדערע, וואָס זיינען טעטיק אין פאַרשפּרייטן די זוימען פון האַס קעגן אידן, באַשעפטיקן זיך דערמיט בלויז דערפאַר, ווייל עס ברענגט אריין געלט. דזשאָנג באַלאַנגט צו יענער קאַטעגאָריע.

דער אַדרעס פון זיין אָפיס, וואו ער האַלט זיינע שפּיאָנאַזש־באַריכטן, ווערט קיינעם ניט אָנגעגעבן, אַפילו ניט די מיטגלידער זיינע. טאָמער, הייסט עס, וועלן „אידן און קאָמוניסטן" אים באַפאַלן. זיין ארבעט און זיין הויפּט־קוואַרטיר איז איינגעהילט אין אַ געהיימעניש. זיינע אָפיסעס געפינען זיך אין דעם טורעם פון „שיקאַגאָ טריביון".

פּראָסט און פשוט גערעדט, האָט דזשאָנג דורך זיין רעקעט ארויסגעקראָגן און קריגט נאָך אַלץ ארויס טויזנטער דאָלאַר דורך דעם, וואָס ער רייצט אויף אידן און קריסטן קעגן קאָמוניסטן און קריסטן קעגן אידן. ער טוט דאָס אויסשליסלעך מיטן צוועק ארויסצוקריגן געלט דערפון.

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט אָט־דער רעקעטיר אויסגעפונען, אַז ער קאָן מאַכן געלט דורך צעבלאָזן די פאַרשטיקטע פלאַמען פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. נאָך פינף יאָר פון עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס מיליאָנען אַמעריקאַנער האָבן ניט פאַרשטאַנען פון וואַנען ער נעמט זיך, איז עס דזשאָנג'ן אָנגעקומען ניט שווער צו וואַרפן די שולד אף דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אידן". אָט־דער „פּאַטריאָט" האָט באַלד איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט היטלער'ס אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן דאָ אין לאַנד און האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די אידייע פון אידן־האַס אף אַ גרויסן מאַסשטאַב. אין דער דאָזיקער טעטיקייט האָט ער גענוצט דאָס געלט, וואָס ער האָט געקראָגן פון אידן, אף צו פאַרשפּרייטן די „פּראָטאָקאָלן פון ציון" און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַר אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

היינט צו טאָג שטייט דזשאָנג אין שטענדיקער באַרירונג מיט די אָנפירער פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דייטשלאַנד און קריגט זיינע אינסטרוקציעס פון היטלער'ס צענטער אין מינכען. דער מאַן, צו וועמען אָט־דער הונדערט־און־צוואַנציק־פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער „פּאַטריאָט" שטעלט צו זיינע באַריכטן, איז פראַנק שולער, אַדרעסירט צו פּרעדעריק דעקעל, וואַסקירנער שטראַסע 7־13, מינכען, דייטשלאַנד.

דזשאָנג איז שוין יאָרן־לאַנג אַ פּראָפעסיאָנעלער „פּאַטריאָט". דורך זיין געשריי פון „אַמעריקאַניזם" און „פּאַטריאָטיזם", דורך זיין אויפשפּילן די געפאַר פון קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און אַלע אַנדערע, וואָס האַלטן, אַז די איצטיקע עקאָנאָמישע סיסטעם דאַרף געענדערט ווערן, האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן שטיצע פון באַאומרואיקטע קאַפּיטאַליסטן. ער האָט אָרגאַניזירט אַ ווייט־פאַרשפּרייטע שפּיאָנאַזש־סיסטעם אין די ראַדיקאַלע באַוועגונגען, צונויפגעשטעלט בערג מיט „מאַטעריאַל" — וואָס מען קאָן דאָס קריגן אין דעם „דעילי וואָרקער" און אַנדערע קאָמוניסטישע אויסגאַבן — און באַוואָפנט מיט אָט־דעם מאַטעריאַל, האָט ער ארויסגעשיקט זיינע אַגענטן, וואָס האָבן פאַר די לייכט־גלויביקע געשעפטסלייט געשילדערט שוידערבילדער ווי די מאָסקווער פאַרשווערער זיינען שוין אפן וועג אהער צו פאַרכאַפּן די אַמעריקאַנער רעגירונג. אָט־די סעילסלייט נעמען פאַר זיך 40 פּראָצענט פון די געלדער, וואָס זיי קריגן ארויס.

ווען דזשאָנג האָט דערהערט, אַז וויליאַם דאַדלי פּעלי פון די „סילווער שוירטס" מאַכט גרויסע געלדער פון אַנטיסעמיטיזם און אַז אַנדערע, ווי עדוואַרד ה. האָנטער פון דער „אינדאַסטריעל דעפענס אַסאָסיעישאָן" אין באָסטאָן, פאַרהאַנדלען מיטן דייטשן גענעראַל־קאָנסול וועגן קריגן געלט פון דייטשלאַנד פאַר אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער זיך אויך גענומען צו אַנטיסעמיטיזם. ער האָט מיטאַמאָל אויסגעפונען, אַז די אידן זיינען אַ געפאַר און אַז זיי מאַכן אַ פאַרשווערונג ניט נאָר צו פאַרכאַפּן אַמעריקע, נאָר די גאַנצע וועלט, סקאַנדינאַוויע אריינגערעכנט. ער האָט אויפגעגראָבן די „פּראָטאָקאָלן פון ציון", וואָס זיינען לאַנג דיסקרעדיטירט געוואָרן אַלס פעלשונגען, און מיט דער הילף פון אַט־די דאָקומענטן האָבן דזשאָנג'ס פלינקע סעילסלייט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן לאַנד און אָנגעהויבן ארויס־קריגן גרויסע געלדער פון דערשראָקענע קריסטלעכע געשעפטסלייט, קריגנדיק דערביי זייער חלק — 40 פּראָצענט פון דער איינגאַמע.

פאַראַן אָבער אַ סך רייכע אידישע געשעפטסלייט. יענע וועלן, פאַר־שטייט זיך, ניט זיין קיין בעלנים אויף די „פּראָטאָקאָלן פון ציון", אָבער זייערע טשעקס זיינען גוט. האָבן דזשאָנג'ס פלינקע אַגענטן פאַרקויפט די אידישע געשעפטסלייט די אידייע, אַז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל פּאָרט אהער פאַרכאַפּן זייערע געשעפטן און נאַציאָנאַליזירן זייערע ווייבער און טעכטער. אַזוי אַרום האָבן דזשאָנג'ס אַגענטן געקראָגן געלט פון אַנטי־קאָמוניסטישע אידן און פון אַנטיסעמיטישע קריסטן אין דער זעלבער צייט.

צווישן די, וואָס האָבן ביינעטראָגן צו דער „אַמעריקאַן ווידזשילענט אינטעלידזשענס פעדערישאָן", געפינען זיך פירמעס, וואָס זייערע אייגנ־טימער זיינען פּראָמינענטע אידן און אַנדערע פירמעס, וואו אידן זיינען גרויסע סטאָקהאָלדערס. איידער איך וועל אָנגעבן אַ צאָל פון די אָנגעוויזענע פירמעס און פּערזאָנען, וואָס זייער געלט איז באַנוצט געוואָרן אויף צו פאַר־שפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וויל איך דאָ דערקלערן ווי אַזוי דזשאָנג באַטרייבט זיין שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע.

די „אַמעריקאַן ווידזשילענט אינטעלידזשענס פעדערישאָן" האָט צו־ערשט זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנירן צווישן ראַדיקאַלע און אַרבעטער־גרופּן. די אינפאָרמאַציע, וואָס דזשאָנג האָט צונויפגעזאַמלט, האָט ער פאַר־קויפט צו אַרבעטגעבער פאַר גוט געלט אין דער צייט פון אַ סטרייק אָדער ערב אַ סטרייק. ווען דאָס איז ניט געגאַנגען אַזוי גוט, האָט דזשאָנג אַנט־וויקלט „אַמעריקאַניזאַציע"־קאַמפּאַניעס און געקראָגן געלט דערפון אויך. ערשט ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָט זיך דזשאָנג גענומען צו די אידן.

די „פעדערעישאָן" ווערט באַטריבן מיט דער גרעסטער געהיימעניש. די שפּיאָנען גיבן קיינמאָל ניט אָן זייערע נעמען. יעדער אַגענט שרייבט אונטער זיין באַריכט בלויז מיט אַ נומער. אפילו אויף זייערע געהיימע פאַרזאַמלונגען און באַגעגענישן זיינען די שפּיאָנען באַקאַנט צווישן זיך בלויז דורך זייערע נומערן, ספּעציעל דער „אינערלעכער קרייז", אַ גרופּע פון אַכט מענטשן,

וואָס גיבן דזשאָנג׳ן עצות ווי אזוי אָנצופירן זיין ארבעט פון באַקעמפן די „אידישע געפאַר“. דער נאָמען און אַדרעס פון יעדן נומער ווערט געהאַלטן אין אַ געהיימען רעקאָרד. אחוץ דזשאָנג׳ן און זיין פּריוואַטער סעקרעטאַרין, האָט בלויז נומער 22 די שליסלען צום אָפיס, וואו די שפּיאָנאַזש־באַריכטן ווערן געהאַלטן. נומער 22, אויב אימיצער וויל צו אים שרייבן דירעקט, הייסט דזשאָ סערני. די שפּיאָנאַזש־באַריכטן, די בריוו פון דעם אָנפירער פון אַנטיסעמיטיזם אין מינכען און פון די געהיימע היטלער־אַגענטן דאָ אין לאַנד ווערן ארויסגענומען פון באָקס 144, שיקאַגער פּאָסט־אָפיס, דורך מיס ראָוז פּעטערסאָן, דזשאָנג׳ס סעקרעטאַרין, וועלכע וואוינט אַף 3616 סאַוט סטריט, שיקאַגאָ. מיס פּעטערסאָנ׳ס נאָמען און אדרעס זיינען אויך געווען אַ סעקרעט.

יעדער אַגענט קריגט צוגעשיקט דורך פּאָסט אַן אידענטיפיקאַציע־צייכן און אינסטרוקציעס. די „קאָנפידענציעלע אינסטרוקציעס“ פאַרנעמען פיר מאַשין־געשריבענע בלעטלעך און אַנטהאַלטן אַ סך דעטאַלן. איך וועל ציטירן אַ טייל פון די אינסטרוקציעס:

„די דאָזיקע אינסטרוקציעס זיינען בלויז פאַר אייערע אויגן. איר מוזט זיי גענוי דורכלייענען און באַהאַלטן... אין קורצן דעקן די פאָלגענדע אינסטרוקציעס (א) אייער אויפפירונג, (ב) אייערע פליכטן, און (ג) אייערע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן; דאָס אַלץ ווערט פריווויליק אונטערנומען פון אייך ווי אַ טעטיקער פּאַטריאָט; באַנאַל אָבער אמת׳דיק אויסגעדריקט, זיינט איר — פאַר גאָט (קעגן אַטעאיזם) — פאַר דער פאַמיליע (קעגן נאַציאָנאַליזירן מאַן, ווייב און קינד) — פאַר דעם פאָטערלאַנד (אַמעריקאַניזם, ניט אינטער־נאַציאָנאַליזם).

„איר ווערט געוואָרנט אונטערצושרייבן אַלע אייערע מעלדונגען בלויז מיט אייער נומער, אייער אונטערשריפט איז ניט נויטיק.

„אַדרעסירט אַלע מעלדונגען, בלויז פּאָסט־אָפיס באָקס 144, שיקאַגאָ, אילינאָי.

„קאָנפידענציעלע עניינים פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלן באַשפּראָכן ווער! בלויז פּריוואַט און קאָנפידענציעל. דעריבער זייט פאָרזיכטיק אין טראַמ־ווייען, טעקסיס, באָסעס, אָפן גאַס, אין רעסטאָראַנען און אומעטום אין דער עפנטלעכקייט, וואו מען קאָן זיך אונטערהערן צו וואָס איר רעדט.

„אייער אידענטיפיקאַציע־צייכן (ביטע אַרויסנעמען פון אונטער דעם זיגל אַף דער לעצטער זייט) דאַרפט איר שטענדיק האָבן מיט זיך. איר זאָלט אים ווייזן בלויז זיך צו אידענטיפיצירן פאַר אַנדערע מיטגלידער אָדער ווי אַ פּראָבע אַף אויסצוגעפינען, אויב אַן אַנדערער איז אַ מיטגליד. דער צייכן איז אומיסטן געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל אויסזען אומשולדיק און זיך ניט וואַרפן אין די אויגן, כדי ער זאָל ניט האָבן קיין שום באַדייטונג, אויב ער ווערט פאַרלאָרן און אימיצער געפינט אים, און מען זאָל קאָנען גרינג אים פאַרבייטן אַף אַן אַנדערן.“

ווייטער דערקלערן די אינסטרוקציעס ווי אזוי צו דעקן אידישע און קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונגען, ווי אזוי צו קריגן אינפאָרמאַציע און צו באַ־קעמפן די „אידישע און קאָמוניסטישע געפאַר“ אין געהיים. צום סוף ווערן

אָנגעגעבן עטלעכע פּריוואַטע טעלעפאָן־נומערן, וואו מען קאָן זיך פאַרבינדן מיט באַאמטע פון דער „פעדערעישאָן" צו יעדער צייט, אַפילו באַנאַכט, אין פאַל פון א נויט.

מיטגלידער פון דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע פאַרזאַמלען זיך זעלטן אין א גרופּע. פון צייט צו צייט אָבער קומען זיך צוזאַמען אייניקע געקליבענע אַגענטן פון דעם „אינערלעכן קרייז" און זיי באַשפּרעכן צוזאַמען מיט דזשאָנג'ן די „אידישע געפאַר" און וואָסערע שריט צו נעמען אַף צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. אַף די דאָזיקע באַראַטונגען ווענדן זיך די מיטגלידער איינער צו די אַנדערע, אָנרופנדיק בלויז די נומערן, ווייל א סך פון זיי ווילן ניט מען זאָל וויסן, אַז זיי זיינען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע — צום ביישפּיל, פּאָליציי־קאַפּיטאַן ווין פון דעם 48טן וואָרד. קאַפּיטאַן ווין איז געווען איינער פון די מיטגלידער, וואָס איז ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן צו א געהיימער באַראַטונג אין צימער 103 אין דעם אַדיטאָריום האָטעל דעם 21טן יוני, 1934.

ווען זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין יענעם צימער, האָט דזשאָנג דערקלערט, אַז זיי דאַרפן אויפנעמען „די שטייגנדע ערנסטקייט פון דער אידישער פּראָבלעם".

„שוין א שטיק צייט," האָט ער געזאָגט, „אַז מיר באַהאַנדלען און באַטראַכטן וואָסערע מעטאָדן אָנצואווענדן קעגן דער אידישער געפאַר. דעם אמת געזאָגט, ווייס איך ניט וואָס צו טאָן, אָבער איך בין גרייט אויפצונעמען רעקאָמענדאַציעס. די אידן, ווי איר ווייסט, האָבן אַן אייגענע רעגירונג. די דאָזיקע געהיימע רעגירונג איז טעטיק אין יעדער געמיינדע. זיי האָבן א קליינע געהיימע אימפּעריע הינטער יעדער לאָקאַלער אָרגאַניזירטער רעגירונג. ווען עס אַנטשטייט א סיכסוך צווישן צוויי אידן, גייען זיי קיינמאָל ניט צו א לאָקאַלן געריכט נאָר זיי ברענגען דעם סיכסוך צו א אידישן געריכט, וואו א ראַבאַי איז דער הויפּט־ריכטער. מיט אַנדערע ווערטער, די אידישע רעליגיע איז א געזעץ פאַר זיך און אידן אָנערקענען ניט קיין אַנדער געזעץ, וואָס אַנדערע פעלקער מאַכן.

„אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן אידן באַשולדיקט אַריסטאָקראַטן אין מאַכן פּאָגראָמען. אין דער אמת'ן האָב איך באַוויזן, אַז א סך פון די פּאָגראָמען האָבן אידן אַליין אָנגעהויבן. איר האָט באַמערקט, אַז אין דייטשלאַנד, וואו די נאַציס האָבן כלומרשט געטאָן אַזוינע שרעקלעכע זאַכן מיט אידן, האָט גאָרנשט ניט פּאַסירט מיט די פאַמיליעס שטיין, קרופּ, יאַקאָב, אָדער אַנדערע רייכע אידן."

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף א ווייל און צוגעגעבן:

„די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע ווערט איצט אויך באַטריבן פון אידן. די אידן אין דער אַדמיניסטראַציע העלפן אומיסטן דער אַדמיניסטראַציע אויפצובויען א ריזיקע פּאָליטישע מאַשין, אַזוי אַז אין 1936 וועלן אַזויפיל מענטשן זיין אָפּהענגיק אָן רעגירונגס־הילף, אַז עס וועט זיי ניט בלייבן קיין

אַנדער ברירה ווי ווידער אויסצואוויילן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — אויב זיי ווילן האָבן וואָס צו עסן! די אידן פּלאַנעווען, אַז רוזוועלט זאָל ווידער דערוויילט ווערן אין 1936 און באַלד נאָך די וואַלן פּלאַנעווען די אידן, אַז די רעגירונג זאָל צוזאַמענברעכן און עס זאָל אוועקגעזעצט ווערן אַ דיקטאַטאָר, קאָנטראָלירט פון די אידן."

„גאַנץ ריכטיק!" האָט אויסגעשריען „נומער 37". נומער 37 איז געיל קאַרטער, געוועזענער „גרויסער דראַקאָן" פון דעם קו־קלוקס קלען פון אילינאָי.

איך גיב דאָס אָן ווי אַן אילוסטראַציע פון דעם סאָרט שטאָף, וואָס אַט־דער פּאַטריאָט, וועלכער שטעלט צו אַ סך מאַטעריאַל צו דער רעדאַקציע פון דער „שיקאַגאָ טריביון" און וועלכער איז אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט אַנטיסעמיטישע אָנפירער אין מינכען, פאַרשפּרייט דאָ אין לאַנד. די אַנטיסעמיטישע שריט ווערן באַשלאָסן ניט בלויז דורך דזשאָנג'ן, נאָר אויך דורך דעם „אינערלעכן קרייז". די דאָזיקע ספּעציעל אויסגעקליבענע קערפּער־שאַפט טרעפט זיך קיינמאָל ניט מיט די געוויינטלעכע שפּיאָנען און פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דער אָרגאַניזאַציע. אַף גאָר געהיימע באַראַטונגען דיס־קוטירן זיי הויפּטזאַכלעך די „אידישע געפאַר". זינט דזשאָנג האָט זיך אָנגעהויבן דורכשרייבן מיט פראַנק שולער אין מינכען, איז ראַדיקאַליזם בא אים געוואָרן אַ נעבן־זאַך און אַנטיסעמיטיזם די הויפּט־זאַך.

צום ביישפּיל, דעם 28טן יולי, 1934, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דעם „אינערלעכן קרייז", ווידער אין צימער 103 פון אַדיטאָריום האָטעל. עס זיינען דאָרט געווען בלויז 5 מענטשן: דזשאָנג, געיל קאַרטער, טשאַרלס ווין, קלעמען סטודעבעיקער און לאָרענס האַרפּער. סטודעבעיקער איז אַ מיטגליד פון דער אָטאָמאָביל־משפּחה.*)

ווען די טיר איז פאַרשלאָסן געוואָרן, האָט דזשאָנג זיי געלאָזט וויסן וועגן אַ נייער „אידישער פאַרשווערונג", וואָס ער האָט אויפגעדעקט. ער האָט פאַר זיי דראַמאַטיש אויסגעשפּרייט אַ נומער פון „יונאַיטעד סטעיטס דעילי".

— דאָס איז אַ נומער פון דעיווויד לאָרענס'עס צייטונג, — האָט ער דערקלערט. — לאָרענס האָט שטענדיק פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די אידן און אויך פון דער איצטיקער אַדמיניסטראַציע. אָבער אין אַט־דעם נומער איז ער, קאָנטיק, ניט איינשטימיק מיט דעם „מאַרך־טראַסט". דעם אמת געזאָגט, האָב איך פריער ניט געוואוסט פאַרוואָס ער האָט פּלוצים געענדערט זיין שטעלונג, אָבער נאָך דעם ווי איך האָב אַרומגעטראַכט דעם ענין, בין

*) זינט איך האָב פאַרעפנטלעכט אין די „ניו מעסעס" דאָס וואָס איז פאָר־געקומען אַף די געהיימע זיצונגען פון דעם „אָרדער אָוו 76'" איז יענע שפּיאָנאַזש־געזעלשאַפט צעריסן געוואָרן פון פאַרדאַכט. יעדער איינער פאַרדעכטיקט יעדן איינעם. איך האָב מורא, אַז דער באַריכט פון דעם וואָס האָט פּאַסירט אַף דזשאָנג'ס עקסטרא־געהיימער פאַרזאַמלונג פון דעם „אינערלעכן קרייז" וועט דאָרט האָבן די זעלביקע ווירקונג.

איך געקומען צום שלוס, אַז די מיטגלידער פון דעם „מאַרך־טראָסט", די קאָמוניסטן און די אידן האָבן איינגעזען, אַז זיי גייען צו שנעל אין דער ריכטונג פון רעוואָלוציע און זיי האָבן באַשטימט דעיוויד לאָרענס'ן ער זאָל צייטווייליק איינהאַלטן אָט־דעם שנעלן גאַנג. ער דאַרף זען, אַז די געשעענישן זאָלן ניט פּאַרקומען צו שנעל, פאַר דער צייט. איך זאָג דאָס אייך נאָר דערפאַר, אַז איר זאָלט זיך ניט לאָזן אָפּנאַרן פון דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די אידן פאַרשפּרייטן דורך דעיוויד לאָרענס'ן און זיין אָרגאַן „יונאַיטעד סטעיטס דעילי".

צום שלוס פון דער דאָזיקער זיצונג האָט דזשאָנג אַרויסגענומען אַ בריוו פון זיין קעשענע מיט עטלעכע קאָפּיעס, וואָס ער האָט צעטיילט צווישן די פינף מיטגלידער פון דעם עקסטרע־געהיימען „אינערלעכן קרייז".

— דאָס איז אַ בריוו, וואָס די „פרענדס אָוו די ניו דזשערמאַני" האָבן אַרויסגעלאָזט. ס'איז אַ מין קייט־בריוו. יעדער איינער פון אונז דאַרף קאָפּירן דעם בריוו 20 מאָל און אַרויסשיקן אַ קאָפּיע צו באַקאַנטע מענטשן, אַזוי אַז יעדער פון זיי זאָל דעם בריוו ווידער קאָפּירן און אַרויסשיקן צו זיינע באַקאַנטע. אַזוי אַרום קאָנען מיר פאַרשפּרייטן די אינפאָרמאַציע וועגן די אידן איבערן גאַנצן לאַנד. איך בעט אייך אַלעמען צו זען אַז דער בריוו זאָל ברייט פאַרשפּרייט ווערן.

א טייל פון אָט־דעם בריוו לייענט זיך אַזוי:

„ צי ווייסט איר, אַז מיר זיינען ניט מער ווי אידישע שקלאַפן ?

„ צי באַגרייפט איר, אַז די געפאַר, וואָס די אידן אין אַמעריקע שטעלן מיט זיך פאַר פאַר אונז, איז אַ סך גרעסער ווי מיר מיינען ?

„ צי באַגרייפט איר, אַז יעדעס פאָלק, וואָס האָט אָנגענומען די אידן, האָט אונטערגעשריבן זיין אייגענעם טויט־אורטייל ? די שטאָט ניו יאָרק געהערט שוין צו די אידן, מיר טאָרן ניט דערלאָזן זיי זאָלן פאַרכאַפּן גאַנץ אַמעריקע. די אידן דענקען, אַז זיי זיינען העכער פון אונז קריסטן, אָבער זייער רעליגיע און זייערע געשעפטן זיינען ניט מער ווי אינטערנאַציאָנאַלע רעקעטירינג, בלוט־צאַפּערישער געגנגסטעריזם, עקספּלואַטאַציע פון די אָרעמסטע ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

„ ווער אַרבעט בײַ די אידן אונטער די ערגסטע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, לאַנגע שטונדן און פאַר שקלאַפּישן לוין ביז זייער קערפּער און גייסט ווערט רואינירט ? די קריסטן . . .

„ די אידן זיינען די נידריקסטע אינטערנאַציאָנאַלע ראַסע אַף דער וועלט. זיי ווערן רייך דורך געוויסנלאָזער גנבה. זיי זיינען די גרעסטע שונאים און די אורזאַך פון דער צעשטערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

„ שלאָגט די אידן ווען איר קאָנט נאָר."

פאַר אָט־דעם מין פּראָפּאַגאַנדע און פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די „פּראָטאָקאָלן פון ציון" קריגט עס דזשאָנג און זיינע סעילסלייט געלט פון פּראָמינענטע אידן און קריסטן אין שיקאַגאָ. אייניקע פון די, וואָס גיבן זיי געלט, ווייסן, אַז דאָס געלט וועט גענוצט ווערן צו פאַרשפּרייטן אַנטי־סעמיטישע מאַטעריאַלן. אַנדערע דענקען, אַז דאָס געלט איז בלויז אַף צו

באַקעמפן קאָמוניזם. עס זיינען גיטאָ קיין ווירקלעכע באַווייזן, אַז אידן, וואָס האָבן ביינעשטייערט געלט צו דזשאָנג׳ס אָרגאַניזאַציע, האָבן געוואוסט, אַז דאָס געלט איז גענוצט געוואָרן און ווערט גענוצט צו פאַרשפּרייטן אַנטי־סעמיטיזם.

צווישן די, וואָס האָבן געמאַכט גרויסעביישטייערונגען, זיינען דאָ פירמעס, וואָס זייערע דירעקטאָרן זיינען אידן, וואָס צווישן זייערע סטאָק־האָלדערס געפינען זיך אַ סך רייכע אידן, און באַנקען מיט אַ סך אידישע דעפּאָזיטאָרס. איך וועל אָנגעבן בלויז די פּראָמינענטסטע פירמעס, וועמעס געלט ס׳איז אין די לעצטע צוויי יאָר באַנוצט געוואָרן צו פאַרשפּרייטן אַנטי־סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

(אַלע האָבן זיי געשיקט טשעקס צו אָט־דער אַנטיסעמיטישער אָרגאַני־זאַציע ניט בלויז אין די אָנגעגעבענע דאַטן, נאָר אויך בא אַנדערע געלעגנ־הייטן. עס וואָלט אָבער פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע ביי־שטייערונגען.)

יוני 5, 1934 — עדיסאָן דזשענעראַל עלעקטריק אַפּלאַיענס קאָ.

יוני 8, 1934 — קאָרן פּראָדאָקטס רעפאַינינג קאָ.

יוני 12, 1934 — מרס. פינלי דזש. שעפּאַרד (די געוועזענע מיס העלען גולד, וואָס שטיצט שוין פון לאַנג ווייס־רוסישע עמיגראַנטן און די „נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן״, וועגן וועלכער עס וועט גערעדט ווערן שפּעטער).

יוני 13, 1934 — סטואַרט־וואָרנער קאָ.

יוני 16, 1934 — א. ב. דיק.

יולי 11, 1934 — פלאָרשיים שו קאָ.

אויגוסט 15, 1934 — נאָרטערן טראַסט קאָ.

יוני 6, 1933 — פוירסט נעשאָנאַל באַנק.

יוני 9, 1933 — סירס ראָבאַק.

יולי 18, 1933 — ראָקפאָרד באַנק און טראַסט.

אויגוסט 22, 1933 — אינטערנעשאָנאַל האַרוועסטער קאָ.

אויגוסט 23, 1933 — דזשענעראַל אַמעריקאַן טענק קאַר קאָרפּ.

דעצעמבער 16, 1933 — וויליאַם ריגלי דזשוניאָר.

אין דעם דאָזיקן צעטל פון נאַציאָנאַל־באַקאַנטע פירמעס געפינען זיך אידיש־קאָנטראָלירטע פירמעס, וועמעס געלט ס׳איז באַנוצט געוואָרן צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע:

די פלאָרשיים שו קאָ., עדעמס און קלינטאָן סטריט, שיקאַגאָ, איז איינע פון די גרעסטע שיך־פירמעס אין לאַנד. לאָמיר זען ווער זיינען די באַאמטע און דירעקטאָרן, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר געבן געלט, וואָס איז גענוצט געוואָרן צו פאַרשפּרייטן די „פּראָטאָקאָלן פון ציון״. די ביכער פון געשעפטלעכער אינפאָרמאַציע אין דער ניו יאָרקער געזעלשאַפטלעכער ביב־ליאָטעק (פּאָבליק לאַיברערי) גיבן אָן דאָס פאָלגענדע:

טשערמאַן פון דיעקטאָרן באָאַרד — מילטאָן ס. פלאָרשיים; פּרעזידענט — אירווינג ס. פלאָרשיים; וויים־פּרעזידענט און סעקרעטאַר — האַראָלד

מ. פלאָרשיים; וויים־פּרעזידענט און טרעזשורער — סעמועל גודמאן — אַלע אידן.

אין דעם דירעקטאָרן־באַארד געפינען מיר די דערמאָנטע פיר אידישע דזשענטלמענער און נאָך צוויי: דירעקטאָר — לואים פלאָרשיים; דירעקטאָר — פעליקס פלאָרשוים — ביידע אידן.

און אַ קריסט, דזשאָן מ. הענקאָק פון ניו יאָרק, אַ פּאַרטנער אין דער הויפּטזאַכלעך אידישער באַנק־פירמע „לעימאַן בראָס.", וואָס איינער פון אירע געוועזענע מיטגלידער איז איצט דער גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטעיט.

די דאָזיקע אידן האָבן בייגעשטייערט געלט צו אַ רעקעטיר אַף צו באַקעמפן קאָמוניסטן און ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דאָס געלט איז באַנוצט געוואָרן אַף צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם.

לאָמיר אונטערזוכן נאָך אַ פירמע, וואָס איר געלט איז באַנוצט געוואָרן צו פאַרשפּרייטן די „פּראָטאָקאָלן פון ציון".

סירס, ראָבאַק און קאָ., אַרטינגטאָן סטריט און האָמאַן עווענין, שיקאַגאָ. אָן שפּיץ פון דער פירמע, וואָס איז באַקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט, איז געשטאַנען יוליוס ראָזענוואַלד, וועלכער איז געווען באַוואוסט דורך זיין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. נאָך יוליוס ראָזענוואַלד'ס טויט איז דער טשערמאַן פון דירעקטאָרן־באַארד געוואָרן לעסינג דזש. ראָזענוואַלד, זיין זון, וועלכער האָט איבערגענומען זיין פאָטער'ס פילאַנטראָפּישע ארבעט אין דער „ראָזענוואַלד פאַמילי אַסאָסיעישאָן". די דאָזיקע פירמע, וואָס איר הויפּט איז באַקאַנט מיט זיין אידישער וואוילטעטיקייט, איז צווישן די, וואָס האָבן געשטיצט דזשאָנג'ס אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע.

חוץ לעסינג דזש. ראָזענוואַלד'ן געפינען מיר אַ צאָל קריסטן צווישן די באַאמטע, און אייניקע אידן, צום ביישפּיל:

דירעקטאָר: מאַקס אַדלער, אַ איד.

דירעקטאָר: דזשאָן מ. הענקאָק, אַ קריסט, וואָס פאַרטרעט די אידישע באַנק־פירמע, לעימאַן בראָס., וואו ער איז אַ פּאַרטנער.

דירעקטאָר: סידני דזש. וויינבערג פון ניו יאָרק, אַ איד, וואָס פאַרטרעט גאָלדמאַן־זאַקס, אַ אידישע פירמע, וואו ער איז אַ פּאַרטנער.

לאָמיר אָנווייזן אַף נאָך אידן, וואָס האָבן געגעבן געלט צו באַקעמפן ראַדיקאַליזם און וואָס זייער געלט איז באַנוצט געוואָרן אַף צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם.

די דזשענעראַל אַמעריקאַן טראַנספּאָרטעישאָן קאָרפּאָרעישאָן, איינע פון די גרעסטע טראַנספּאָרט־פירמעס אין דער וועלט, איז אָרגאַניזירט געוואָרן ניט לאַנג צוריק. די פירמע איז פריער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען דזשענעראַל אַמעריקאַן טענק קאַר קאָרפּאָרעישאָן. דער אָפיס פון דער פירמע איז אין דער קאָנטינענטאַל אילינאָי באַנק בילדינג, שיקאַגאָ.

אויך די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע האָט געשטיצט דזשאָנג'ס אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע, „אַמעריקאַן ווידזשילענט אינטעלידזשענס פעדערעישאָן". לאָמיר זען ווער עס זיינען די באַאמטע און דירעקטאָרן:

טשערמאַן פון דירעקטאָרן־באָארד — מאַקס עפּשטיין; פּרעזידענט — לעסטער נ. זעליג; עקזעקוטיוו אַסיסטענט פּרעזידענט — סעם לאָוד; וויס־פּרעזידנט — דייוויד קאַפּלאַנד; וויס־פּרעזידענט — לעראָי קרעימער; וויס־פּרעזידנעט — בענעט עפּשטיין, — אַלע אידן.

חוץ די דערמאָנטע זיינען צווישן די דירעקטאָרן אויך פאַראַן העגרי אַלעשיימער, אַ איד, און לואיס ל. שטראַוס פון ניו יאָרק, אַ איד, וואָס איז אַ פּאַרטנער אין דער הויפּטזאַכלעך־אידישער באַנק־פירמע קוהן, לאָעב און קאָ.

אייניקע פון אָט־די מענטשן, וויכטיקע באַאמטע פון פירמעס, וואָס האָבן געגעבן געלט צו אַן אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע, זיינען פּראָמינענט אַף דעם געביט פון אידישער פילאַנטראָפּיע. צום ביישפּיל:

מאַקס עפּשטיין, דער טשערמאַן פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט געמאַכט ביישטייערונגען צו פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן און אידישע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן. לואיס ל. שטראַוס, וועלכער איז אין אָנהויב געווען אַן אָרעמאַן און האָט דערנאָך אָנגעזאַמלט אַ גרויס פאַרמעגן, איז זייער טעטיק אין אידישע טשאַריטיס. ער איז, צום ביישפּיל, דער טרעזשורער פון דעם אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר און אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", וואָס האָט אויפגעטאָן אַ סך אַרבעט אַפן געביט פון באַקעמפן די פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם!

מיט דעם געלט, וואָס ער האָט געקראָגן פון אידן, איז דזשאָנג געווען אין אַ לאַגע צו באַשטעלן אַ סך אַנטיסעמיטישן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, וואָס ער פאַרקויפט צו אַנדערע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס. דזשאָנג האָט ליב צו מאַכן פּראָפיט פון אַלצדינג, אַפילו פון פאַרשפּרייטן די אידייע פון אידנהאַס. לאָמיר ברענגען אַ ביישפּיל. דעם ערשטן דעצעמבער, 1933, באַלד נאָך דעם ווי ער האָט געקראָגן אַ באַדייטענדע סומע פון דעם קעניג פון „טשואינג־גאַם" פאַבריקאַנטן, וויליאַם ריגלי דזשוניאָר, האָט דזשאָנג געשריבן צו הערי ז. סיבער, טרעזשורער פון דעם „סילווער לידזשאָן אָוו אַמעריקע":

„אין ענטפער אַף אייער בריוו פון דעם 28טן נאָוועמבער, אַדרעסירט צו ר. א. פּעטערסאָן: מיר קאָנען אייך געבן אַ פּרייז פון 60 סענט אַן עקזעמפּלאַר פון די 'פּראָטאָקאָלן' אַף גרויסע באַשטעלונגען.

„וואָס איז שייך 'האַלט דזשענטאַיל ענד סאַלוט די דזשו' ('שטיי קריסט און סאַלוטיר דעם אידן'?) קאָנט איר דאָס קריגן צו צען סענט אַן עקזעמפּלאַר אַף גרויסע באַשטעלונגען אָדער צו 15 סענט אַ שטיק."

אחוץ פאַרשפּרייטן די „פּראָטאָקאָלן" האָט דזשאָנג געקראָגן פון היטלער'ס אַנטיסעמיטישע אַגענטן אין שיקאַגאָ און אין ניו יאָרק פלוג־בלעטלעך, וואָס זיינען אריינגעשמוגלט געוואָרן אַף דייטשע שיפן, אַזוי גוט ווי מאַטעריאַלן, וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָרן אָדער געדרוקט געוואָרן דאָ אין לאַנד, ספּעציעל די וואָס אַגיטירן פאַר אַ באָיקאָט אַף אידישע קראָמען ווי אַן ענטפער אַף דעם באָיקאָט אַף דייטשע סחורות. אַזוי אַרום האָט דזשאָנג

„פּראָטאָקאָלן" צו פאַרקויפן!

American Vigilant Intelligence Federation
INCORPORATED—NOT FOR PROFIT
NATIONAL HEADQUARTERS
P. O. BOX 144
CHICAGO, ILL.

TELEPHONE
SUPERIOR
4818

December
One
1 9 3 3

C-10247
478

Mr. Harry F. Sieber, Treasurer,
Silver Legion of America,
Asheville, N. C.

DEC 1 1933

Dear Mr. Sieber:

In response to yours addressed to R. L. Peterson on November 28, we can give you a price of sixty cents per copy in quantity lots of the "Protocols".

As for "Halt, Gentile! and Salute the Jew", same can be had at ten cents per copy, in quantity lots or fifteen cents apiece.

Very truly yours,
Harry A. Jung
Harry A. Jung
Honorary General Manager

HAJ/RP

435 No. Michigan Ave., R.2212

אַ בריוו, אין וועלכן דזשאַנג באָט אָן צו פאַרקויפן מאַסנווייז די „פּראָטאָקאָלן פון ציון" און אַנדערע אַנטיסעמיטישע מאַטעריאַלן.

אַפּעלירט נאָך פינאַנציעלער שטיצע צו דייטשע־אַמעריקאַנישע געשעפטס־לייט. איינס פון די בלעטלעך, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט אין שיקאַגאָ, לייענט זיך אַזוי:

„אַמעריקאַנער פון דייטשער אָפּשטאַמונג צום פראָנט!

„די אידישע ראַסע האָט דערקלערט מלחמה און באָיקאָט קעגן אַלע אַמעריקאַנער פון דייטשער אָפּשטאַמונג און קעגן דעם דייטשן פאָלק, וואָס דאָס מיינט, אַז די אידן איבער גאַנץ אַמעריקע קאָנען ניט פירן קיינע גע־

שעפטן מיט דייטשלאַנד; קויפן אָדער פאַרקויפן, אָדער אָנהאַלטן וועלכע ס'ניט איז האַנדלס-באַציאונגען מיט דייטשלאַנד אָדער מיט דייטשן, וואו ניט איז, אָדער פאָרן אַף דייטשע שיפן.

„אַמעריקאַנער, האַלט אָפן אייערע אויגן!

„פיר מיליאָן אידן וואָלטן וועלן דיקטירן און קאָנטראָלירן דעם האַנדל פון הונדערט און פינף און צוואַנציק מיליאָן אַמעריקאַנער, אַוועקנעמען זייער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט אַף דעם געביט פון האַנדל און פאַר־וואַנדלען זיי אין שקלאַפן פון דער אידישער דיקטאַטור.

„היינט צו טאָג איז כמעט יעדער געשעפט און האַנדל אין די הענט פון די אידן, און דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געמאַכט, קומט פון קריסטן אַף צו קולטיווירן די אידישע ראַסע.

„אונזערע פריזאָנס זיינען פול מיט רעקעטירס, גענגסטערס, מערדער און רויבער. פון באַנק-רויבער ביז קעשענע-גנבים, זיינען מערסטע פון זיי אידן.

„די אידישע פרעסע אַרבעט אָווערטאַים צו פאַבריצירן ליגנס וועגן די דייטשע פאַרפאָלגונגען קעגן די אידן אין דייטשלאַנד. קיין איינע פון זייערע מעלדונגען איז קיינמאָל ניט באַוויזן געוואָרן צו זיין ריכטיק...

„אַזעלכע מענטשן און זייער טאַקטיק, ספּעציעל די 'קאַיקס', זיינען אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער וועלט און דאַרפן וואָס שנעלער אָפּגעשיקט ווערן קיין פאַלעסטינע אָדער ירושלים."

ס'איז נאָך דאָ אַ סך צו זאָגן וועגן מר. דזשאָנג און זיינע שותפים אין דער געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן קאָאָפּערירט מיט די היטלער־אַגענטן דאָ אין לאַנד. איך וועל אָנגעבן בלויז נאָך איין ביישפּיל אַף צו ווייזן וואָס פאַר אַ ווירקונג די אינטענסיווע אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע אין שיקאַגאָ האָט געהאַט דעם פרילינג. אַ ליפלעט, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין דעם דריי־און־פערציקסטן וואָרד, האָט זיך געלייענט:

„געפאַר!
„דערווילט ניט קיין אידן פאַר אַ
רעפּובליקאַנער וואָרד קאָמיטע מאַן!
„פעדערמאַן איז אַ איד!"

די אונטערשריפט איז געווען: „שיקאַגאָ נאַצי סאָסייעטי".

ס'איז ניט געווען קיין צייכן אַפן בלעטל צו ווייזן ווער עס האָט דאָס געדרוקט און וואו ס'איז געדרוקט געוואָרן. די פאָליציי און די אידישע קאַנדידאַטן האָבן געפּרואווט אויסגעפינען, וואו דאָס בלעטל איז געדרוקט געוואָרן. ס'איז אפשר איצט ניט צו שפּעט. דאָס בלעטל איז געדרוקט גע־וואָרן אין דער „ניו וועי פּרינטינג קאָ.", 739 סאַוט קלאַרק סטריט, שיקאַגאָ.

V

קאָנגרעסמאַן מעקפֿאַדען, אַנטיסעמיט און שווינדלער

דעם 29טן מאַי, 1933, צו דער גרויסער איבעררעשונג פֿון די רעפּובליקאַנער פֿירער אין קאָנגרעס, האָט לואיס ט. מעקפֿאַדען, קאָנגרעסמאַן פֿון פּענסילווייניע, געמאַכט אין קאָנגרעס אַ שאַרפֿע אַטאַקע אַף אידן. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, אַז די אידן זאָלן אַטאַקירט ווערן אין קאָנגרעס.

דאָס לאַנד איז געווען דערשטוינט. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס פֿאַר אַ כוחות עס האָבן באַוועגט מעקפֿאַדענ'ען, וועלכער איז שוין געווען במעט צוואַנציק יאָר אַ קאָנגרעסמאַן, צו מאַכן דעם שריט. עס זיינען געמאַכט געוואָרן פֿאַרזוכן אויסצושטרייכן זיין רעדע פֿון דעם רעקאָרד, אָבער ער האָט עס ניט דערלאָזט. מען האָט אים אָנגעוויזן, אַז זיין רעדע איז געווען באַזירט אַף די „פּראָטאָקאָלן פֿון ציון", וואָס זיינען געווען פֿאַרעפנטלעכט אין „דירבאָרן אינדעפּענדענט" און זיינען באַוויזן געוואָרן צו זיין פֿעלשונגען, און אַז הענרי פֿאָרד, דער ארויסגעבער פֿון „דירבאָרן אינדעפּענדענט", האָט זיך עפֿנטלעך אַנטשולדיקט פֿאַר דרוקן די „פּראָטאָקאָלן". ניט קוקנדיק דערויף איז מעקפֿאַדען באַשטאַנען אַף דעם, אַז זיין אַטאַקע אַף די אידן זאָל ברייט פֿאַרשפּרייט ווערן. ער איז געוואָרן די קאָנגרעסשטימע פֿון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. ס'איז געווען קלאָר, אַז זיין עפֿנטלעכער אַרויסטריט אין קאָנגרעס איז געווען אין דעם זעלבן נוסח ווי די אַרויסטרעטונגען פֿון אַנדערע אַנטיסימיטישע פּראָפּאַגאַנדיסטען, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב דורך קוירנעל עמערסאָן, אַמעריקאַנער היטלער־אַגענט. דער ברייטער עולם האָט ניט געקאָנט גלויבן, אַז אַ מאַן, וואָס האָט אַזוי פֿיל גערעדט וועגן „אַמעריקאַניזם" און „פּאַטריאָטיזם", האָט געקאָנט האָבן וואָס ניט איז צו טאָן מיט פֿאַרשפּרייטן ראַסן־האַס אין אַמעריקע.

לאָמיר זען צו אָט־דער קאָנגרעסמאַן פֿון פּענסילווייניע, וואָס האָט געשוואָרן צו פֿאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט וועלכע ס'ניט איז פֿאַרבינדונגען מיט די פֿריער־דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס וואָס אַרבעטן צוזאַמען מיט דייטשע געהיים־אַגענטן.

היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין פֿרילינג פֿון 1933. באַלד נאָך דעם האָבן דייטשע געהיים־אַגענטן און פּראָפּאַגאַנדיסטען אָנגעהויבן אָנקומען אין אַמעריקע. אייניקע פֿון זיי זיינען געווען געבוירענע אַמעריקאַנער. דער ערשטער מאַסן־אויסברוך פֿון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די

היטלער־אַגענטן האָבן צוגעגרייט, איז פאַרגעקומען אין פרילינג פון 1933 — גראָד אין דער צייט, ווען קאָנגרעסמאַן מעקפאַדען האָט זיך אויפגעשטעלט אין קאָנגרעס צו אַטאַקירן די אידן, כאָטש געהאַנדלט האָט זיך עס דעמאָלט וועגן דורכפירן רוזוועלט'ס גאָלד־פּלאַן. איך וויל, ערשטנס, באַווייזן, אַז קאָנגרעסמאַן לואיס ט. מעקפאַדען אַרבעט זייער ענג צוזאַמען מיט וויליאַם דאַדלי פּעלי פון די „סילווער שירטס" און פאָלגט, קאָנטיק, אויס זיינע באַפעלן. דעם 22טן אויגוסט 1933 האָט פּעלי טעלעגראַפירט מעקפאַדענען קיין קענטאָן, פּענסילווייניע, וואו מעקפאַדען וואוינט. אין דער טעלעגראַמע האָט זיך געהאַנדעלט וועגן אַן ען־אַר־עי פראַגע. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט וואָס פּעלי, אַן איינוואוינער פון אשוויל, נ. ק., האָט זיך ניט געווענדט צו אַ קאָנגרעסמאַן פון זיין סטייט, נאָר צו איינעם פון פּענסילווייניע. דער טאָן פון דער טעלעגראַמע איז אויך אינטערעסאַנט. ס'איז דאָרט ניטאָ קיין סימן פון העפלעכקייט. ס'איז דער טאָן פון אַ קאָמאַנדיר צו אַן אונטערטעניקן. „ענטפערט באַלד", האָט פּעלי באַפוילן. די טעלעגראַמע לייענט זיך אַזוי:

„אשוויל, נ. ק.

האָנאָרעיבל לואיס מעקפאַדען,

קענטאָן, פּענסילווייניע.

אונזערע מענטשן מעלדן, אַז ען־אַר־עי באַאַמטע סטראַשען צושליסן געשעפטן און אַרויפלייגן שטראָף פינף הונדערט דאָלאַר מיט מעגלעכקייט פון פּריזאָן אויב ניט אויסגעפאָלגט. דענקט איר ען־אַר־עי איז אַ געזעץ וואָס קאָן אַזוי דורכגעפירט ווערן, אָדער זאָלן מיר פאַרפירן פּראָצעס. ענטפערט באַלד דורך וועסטערן יוניאָן.

(אונטערגעשריבן) פּעלי."

אויף דעם צווייטן טאָג האָט קאָנגרעסמאַן מעקפאַדען, וואָס איז קלויערשט שטאַרק באַשעפטיקט מיט פאַרטרעטן די בירגער אין זיין אייגענעם דיסטריקט, טעלעגראַפירט צו פּעלי'ן נאָך אינסטרוקציעס וואָס צו טאָן. די טעלעגראַמע לייענט זיך:

„קענטאָן, פּאַ.

וויליאַם דאַדלי פּעלי,

שאַרלאָט סטריט און סאָנסעט פּאַרקוועי,

אשוויל, נ. ק.

קאָוד־אָפּמאַך פון זשורנאַל־ און צייטשריפט־אינדוסטריע געשלאָסן 5טן אויגוסט, כאָטש ען־אַר־עי וואַשינגטאָן דערקלערט, אַז נאָר זיי האָבן רעכט מאַכן אַזעלכע סטייטמענטס ווי איר גיט אָן. מענטשן וואָס וועלן ניט פאָלגן קאָנען אונטער געזעץ באַשטראָפט ווערן מיט געלט־שטראָף און פּריזאָן. די רעגירונג איז איצט צו געבן גענוג צייט צו קאָאָפּערירן. זאָל אייער קעיס דערמאָנט ווערן?

(אונטערגעשריבן) ל. ט. מעקפאַדען."

מיר זעען אזוי ארום, אז קאָנגרעסמאַן מעקפּאַדן איז ענג פאַרבונדן מיט די „סילווער שוירטס", פאָלגט אויס באַפעלן צו „ענטפערן באַלד" און בעט בא פעלי'ן אינסטרוקציעס וואָס צו טאָן. דער לייענער דאַרף געדענקען, אז די „סילווער שוירטס" זיינען דאַמאָלט פאַראייניגט געוואָרן מיט דעם „אָר־דער אוו 76", די געהיימע שפּיאָנאַזש־געזעלשאַפט, וואָס האָט צווישן אירע מיטגלידער היטלער־אַגענטן און וואָס ארבעט אין ענגער פאַרבינדונג מיט געהיימע דייטשע פּראָפּאַגאַנדיסטן דאָ אין לאַנד. איצט לאָמיר זען אויב קאָנגרעסמאַן מעקפּאַדען האָט וועלכע ס'איז דירעקטע פאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן שפּיאָנאַזש אָרדן.

דעם 7טן יולי, 1933, האָט דער דאָזיקער קאָנגרעסמאַן, וועלכער האָט געשוואָרן צו פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין א בריוו פאַרצייכענט א רעקאָרד פון א געהיימער קאָנפערענץ אין ניו יאָרק, וואָס ראָיעל סקאָט גולדן, הויפּט פון דעם שפּיאָנישן „אָרדער אוו 76", האָט אַראַנזשירט. איך ציטיר דעם גאַנצן בריוו:

LOUIS T. MCFADDEN
FIFTEENTH DISTRICT
PENNSYLVANIA

CONGRESS OF THE UNITED STATES
HOUSE OF REPRESENTATIVES
WASHINGTON, D. C.

Dictated July 7, 1933.

Mr. Royal Scott Gulden,
One East Fifty-third Street,
New York, New York.

My dear Mr. Gulden:

I cannot begin to thank you for the opportunity which you gave me to meet with the group in New York which you called together. I shall hope that some good may have come from this meeting to your group. It was an inspiration to me, I can assure you, and I want you to know that I am deeply appreciative.

I am just in Washington for the day and expect to be at my home in Canton for the balance of the month where I am trying to get some very much needed rest. I shall be glad to hear from you at any time.

Faithfully yours,

L. T. McFadden

א בריוו פון קאָנגרעסמאַן מעקפּאַדען צו ראָיאַל סקאָט גולדען, אין וועלכן דער אַנטיסעמיטישער קאָנגרעסמאַן דריקט אויס זיין באַ-גייסטערונג פאַר די אַנטיסעמיטן פון דעם „אָרדער אָוו 76י ".

„מיין טייערער מר. גולדען:

איך קאָן אייך ניט אָנהויבן צו דאַנקען פאַר דער געלעגנהייט, וואָס איר האָט מיר געגעבן זיך צו טרעפן מיט דער גרופּע אין ניו יאָרק, וועלכע איר האָט צוזאַמענגערופן. איך וועל האָפן, אַז די גרופּע וועט עפּעס געווינען פון דער דאָזיקער באַגעגעניש. ס'איז געווען אַן אינספּיראַציע פאַר מיר, איך פאַרזיכער אייך, און איך וויל איר זאָלט וויסן אַז איך בין טיף דאַנקבאַר.

איך בין אין וואַשינגטאָן נאָר אויף אַ טאָג און רעכן צו זיין אינדערהיים אין קענטאָן ביזן סוף חודש, וואו איך וועל פּראָווען קריגן אַ ביסל רו, איך וועלכער איך נויטיק זיך שטאַרק. איך וועל זיין צופרידן צו הערן פון אייך צו יעדער צייט.

איבערגעגעבן אייערער,

(אונטערגעשריבן) ל. ט. מעקפאַדען."

איך ווייס ניט וועגן וואָס אָט־די געהיימע קאָנפערענץ איז געווען. איך ווייס, אַז זי איז פאָרגעקומען אין דעם יוניאָן ליג קלאָב, וואו גולדען האָט זיך פריער עטלעכע מאָל געטראָפן מיט געהיימע נאַצי־אַגענטן.

אַנטיסעמיטיזם אַפן קאָנווערט


HOUSE OF REPRESENTATIVES U. S.

PART OF CONG. RECORD—FREE

GENTILES HAVE THE PAPER WHILE JEWS HAVE THE GOLD AND LAWFUL MONEY

SPEECH OF

HON. LOUIS T. McFADDEN

of Pennsylvania

IN THE HOUSE OF REPRESENTATIVES

May 29, 1933

M. C.

[redacted]


(Not printed at Government expense)

Congressional Record

SEVENTY-THIRD CONGRESS, FIRST SESSION

In the United States Today, the Gentiles Have Slips of Paper While the Jews Have the Gold and Lawful Money

SPEECH OF

HON. LOUIS T. McFADDEN

OF PENNSYLVANIA

IN THE HOUSE OF REPRESENTATIVES

Monday, May 29, 1933

Mr. McFADDEN. Mr. Chairman, this repudiation bill is in direct opposition to the Democratic Party platform of 1932 upon which Franklin D. Roosevelt was elected President.

the child." So with these wreckers and violators of law and order in office. Mr Chairman, I think it would be more orderly and less expensive and that it would tax the patience of the country less if Roosevelt sent his backers home to their chosen lairs in Wall Street and himself attended to his own executive business. If he has a yearning to be a legislator, let him resign his Executive office and get himself elected to Congress. He will be welcome here if the people send him to Congress, but he has no business to interfere with the deliberations of this House while he is acting as President of the United States.

Mr. Chairman, this repudiation bill was framed and brought here in the interest of the foreign debtors of the United States. Its aim is a cancellation of war debts by fraud and treachery toward the American people. It gives the foreign nations a way of making entirely fictitious payments

אין אַזוינע קאָנווערטן האָט קאָנגרעסמאַן מעקפאַדען פאַנאַנדערגעשיקט זיין אַנטיסעמיטישע רעדע. באַמערקט די ווערטער אין דעם קעסטעלע: „קריסטן האָבן דאָס פּאַפּיר בעת אידן האָבן דאָס גאָלד און געזעצלעך געלט."

דייטשלאַנד איז געווען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אַפּצושוואַכן

דעם איינדרוק פון די אידישע אזוי גוט ווי קריסטלאַכע פּראָטעסטן, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן דאָ אין לאַנד געגן די אויסשלאַכטונגען און פּייני־קונגען פון אידן אין דייטשלאַנד. דער בעסטער מיטל אַף צו באַגעגענען די פּראָטעסטן איז געווען—צו ברענגען די פּראָפּאַגאַנדע פון אידן־האַס קיין אַמעריקע, אזוי אז די אַמעריקאַנער אידן זאָלן זיין צופיל פּאַרנומען מיט זייערע אייגענע צרות און זאָלן זיך ווייניקער אָפּגעבן מיט דייטשע. ס'איז דעריבער באַטראַכט געוואָרן פאַר וויכטיק, אז ניט נאָר זאָלן די געהיימע דייטשע אַגענטן אָרגאַניזירן דאָ אין לאַנד אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, נאָר אַז קאָנגרעסמאַן מעקפאַדענס אַטאַקע אויף די אידן זאָל דאָ ברייט פאַרשפּרייט ווערן. לאָמיר זען ווי אזוי אָט־די אַנטיסע־מיטישע רעדע איז פאַרשפּרייט געוואָרן און צי ס'איז דאָ וועלכע ס'ניט פאַר־בינדונג אין אָט־דער אַרבעט מיט די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט געהיימע דייטשע אַגענטן.

אַ קאָנגרעסמאַן האָט אַ רעכט צו קריגן פון דער רעגירונג געדרוקטע קאָפּיעס פון זיין רעדע אויף צו פאַנאַנדערשיקן צו די בירגער פון זיין דיס־טריקט און צו אַנדערע. דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס גיט אויך אַ קאָנגרעס־מאַן די פּריווילעגיע צו דרוקן זיין נאָמען אויף דעם קאָנווערט און נישט דאַרפן צאָלן קיין פּאָסט־געלט. מעקפאַדען האָט געוואָלט פאַרפלייצן דאָס לאַנד מיט זיין אַטאַקע אויף די אידן. די רעגירונג האָט, קאָנטיק, ניט געוואָלט דרוקן אַזויפיל קאָפּיעס פון זיין רעדע ווי ער האָט פאַרלאַנגט, איז זיין רעדע געדרוקט געוואָרן אַפן חשבון פון אימיצן אַנדערש. איך ווייס ניט ווער עס האָט באַצאָלט די אויסגאַבן, איך ווייס אָבער אַז מעקפאַדענ'ס קאַריערע, ווי איך וועל דאָ ווייזן, לאָזט ניט גלויבן, אַז ער אַליין האָט באַצאָלט די אויסגאַבן. מעקפאַדען האָט אַ טבע צו „באָרגן" געלט, אָבער ניט אויסצוגעבן קיין געלט.

די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע רעדע, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויפ־צורייצן ראַסן־האַס אין אַמעריקע, איז באַצייכנט מיט די ווערטער „ניט געדרוקט אויף דער רעכענונג פון דער רעגירונג", אָבער טויזנטער קאָפּיעס זיינען צעשיקט געוואָרן דורך פּאָסט אויף דער רעכענונג פון דער רעגירונג. און די רעדע האָט דער קאָנגרעסמאַן ניט געשיקט צו אינדיווידועלע בירגער. זיין אָפיס האָט אַרויסגעשיקט גאַנצע זעק צו דעם שפּיאָנישן „אָרדער און 76" און דער „אָרדער און 76" האָט די רעדע פאַנאַנדערגעשיקט, פּאָסט־געלט פריי, איבערן גאַנצן לאַנד. גאַנצע זעק זיינען אויך געשיקט געוואָרן צו דעם הויפּט פון דער „קרוסעידער וואַיט שוירטס", אַ שפּיאָנאַזש־אָרגאַני־זאַציע אין מוסקאַטין, איאָווא. דער דאָזיקער דזשענטעלמאַן האָט שטענדיק אָנגעצייכנט היטלער'ס סוואַסטיקאַ־צייכן נאָך זיין אונטערשריפט אויף אָפיציעלע בריוו.

ווי אַ באַווייז, אז קאָנגרעסמאַן מעקפאַדען האָט אַרויסגעשיקט פּעקלעך פון זיין אַנטיסעמיטישער רעדע צו אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן ענג צו־זאַמען מיט געהיימע היטלער אַגענטן, כדי יענע זאָלן דעם מאַטעריאַל קאָנען

פאַרשפּרייטן נישט צאָלנדיק קיין פּאָסט־געלט, גיב איך אָן אַ בריוו, דאַטירט סעפּטעמבער 28, 1933, וואָס דזשעין ס. ביטנער, מעקפאַדען'ס פּרי־וואַטע סעקרעטאַרשע, האָט געשיקט צו ראָיאַל סקאָט גולדען:

„מיין טייערער מר. גולדען:

צוויי פּאָסט־זעק, איינער מיט פיר באַנדעלס צו 500 רעדעס אין יעדן און דער צווייטער מיט צוויי באַנדעלס צו 500 רעדעס, זיינען אייך היינט אינדערפרי אַרויסגעשיקט געוואָרן. איך וועל דאָס אָפּשאַצן אויב איר וועט מיר לאָזן וויסן ווען איר קריגט זיי.

„איך בעט אייך אויך אָפּגעבן דעם פּאָסטמאַן די צוויי פּאָסט־זעק, ווייל זיי זיינען דאָס אייגנטום פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

אויפריכטיק אייערע,

(אונטערגעשריבן) דזשעין ס. ביטנער, סעקרעטאַר."

September 28, 1933.

Mr. Royal Scott Gulden,
One East 53 Street,
New York, New York.

Dear Mr. Gulden:

Two mail sacks, one containing four bundles of five hundred speeches each and the other containing two bundles of five hundred speeches each, were sent to you this morning. I shall appreciate it if you will let me know when you receive them.

Also, please turn over to your postman the two mail sacks as they are property of the U. S. Government.

Sincerely yours,

Jane C. Bittner

Secretary.

פאָטאָגראַפיע פון דעם בריוו, אין וועלכן מעקפאַדען'ס סעקרעטאַרשע לאָזט וויסן גולדען'ען, אַז מ'האָט אים אַרויסגעשיקט גאַנצע פּעק פון דעם קאָנגרעסמאַנ'ס אַנטיסעמיטישער רעדע. גולדען האָט דערנאָך די רעדע פאַנאַנדערגעשיקט אייניציקווייז פּאָסט־געלט פריי.

מיר זעען דאָ אַ באַשטימטע פאַרבינדונג צווישן אַט־דעם קאָנגרעסמאַן און אַ געהיימער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט אַנטי־סעמיטישע היטלער־אַגענטן דאָ אין לאַנד. איצט לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דעם קאָנוועוערט, אין וועלכן אַט־די פּראָפּאַגאַנדע קעגן אידן איז פאַרשפּרייט געוואָרן פרײַ פון פּאָסט־אָפּצאָל.

כדי צו מאַכן די ווירקונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך, איז אויפן קאָנווערט געווען אָפּגעדרוקט דאָס פאָלגענדע:

„קריסטן האָבן דאָס פּאַפּיר און אידן האָבן דאָס גאָלד און געזעצלעך געלט.״

די דאָזיקע אויפשריפט גיט אונז אַ רעכט צו אונטערזוכן מעקפּאַדען'ס פאַרגאַנגענהייט און זען אויב ער האָט וועלכע ס'ניט איז באַווייזן אויף צו שטיצן זיין באַהויפּטונג, אָדער — ווי אַ סך אומאָרנטלעכע מענטשן — מאַכט ער באַשולדיקונגען, כדי זיך אַליין באַשיצן פון גראָד די זעלבע אָנקלאַגן. איך וועל איצט ברענגען באַווייזן, אַז קאָנגרעסמאַן מעקפּאַדען איז אַ שווינדלער און אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעגעבן אויף צו קריגן „דאָס גאָלד און געזעצלעך געלט״, איבערלאָזנדיק ווערטלאָזע פּאַפּירן סיי בײַ אידן און סיי בײַ קריסטן.

איינער אַ פּאַט מאָר איז געווען דער אייגנטימער פון אַ פּראָפּיטאַבעלער פירמע, וואָס האָט געהייסן „די מאָר אָיל קאָרפּאָרעישאָן״. מעקפּאַדען האָט אויסגעפונען, אַז די דאָזיקע פירמע מאַכט געלט. ער איז געוואָרן אַ דירעקטאָר פון דער קאָרפּאָראַציע און איז געשטיגן ביז דעם אַמט פון טשערמאַן פון דירעקטאָרן־באָארד. ער האָט דעם אַמט אָנגעהאַלטן ביז דעם 30טן אויגוסט, 1923. (איך גיי אַזוי ווייט אויף צוריק, כדי צו ווייזן, אַז קאָנגרעסמאַן מעק־פּאַדען'ס שווינדלערייען זיינען ניט קיין נײַעס בײַ אים.)

אין דער דאָזיקער קאָרפּאָראַציע איז געווען נאָך אַ דירעקטאָר מיטן נאָמען ראָטענבערג. אין אויגוסט, 1923, האָט פּאַט מאָר אין אַ געשפּרעך מיט ראָטענבערג'ן געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט פאַרקויפן זיין קאָרפּאָראַציע און האָט געשיקט ראָטענבערג'ן קיין וואַשינגטאָן (וואו מעקפּאַדען האָט גע־וואוינט) זיך דורכצורײדן מיט דעם קאָנגרעסמאַן ער זאָל פאָרן קיין ניו יאָרק און דאָרטן פאַרהאַנדלען מיט אַ ראַיעלער אָיל־קאָמפּאַניע וועגן דעם ענין. פּאַט מאָר האָט געטרויעט מעקפּאַדען'ען און ראָטענבערג'ן — נאָך אַלעמען איז דאָך מעקפּאַדען געווען אַן „ערנהאַפטער קאָנגרעסמאַן״.

ראָטענבערג און מעקפּאַדען האָבן געפּרואווט מאַכן אַ „דיל״ מיט דער „סאַדערן סטעיטס אָיל קאָרפּאָרעישאָן״, דורך אַ באַאַמטן פון יענער קאָמ־פּאַניע מיטן נאָמען פּערים. פּערים האָט זיי געזאָגט, אַז די „סאַדערן סטעיטס אָיל קאָרפּאָרעישאָן״ וויל ניט צאָלן קיין מזומן געלט פאַר דער מאָר אָיל־קאָמפּאַניע, נאָר איז גרייט אויסצוטוישן אירע אַקציעס (סטאָקס) פאַר די אַקציעס פון דער מאָר־קאָמפּאַניע. ראָטענבערג האָט אויסגעזעצט קעגן דעם פאָרשלאָג. פּערים האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן דורכפירן דעם „דיל״ פון אויסטוישן די סטאָקס, וועט די „סאַדערן סטעיטס אָיל קאָר־

פאַרעישאַן" געבן מעקפאַדענ'ען און ראַטענבערג'ן הונדערט טויזנט דאָלאַר און אַ צוגאָב פון צען טויזנט אַקציעס פון „סאַדערן סטעיטס", אַחוץ דער צאָל אַקציעס וואָס זיי וועלן סיי־ווי קריגן.

מעקפאַדען, דער ערנהאַפטער קאָנגרעסמאַן פון פענסילווייניע, איז אַוועק צו פאַט מאַר'ן און אים פאַרגעשלאָגן אַט־דעם דיל, לויבנדיק די „סאַדערן סטעיטס אָיל קאָרפּאָרעישאַן" אין הימל אַריין. ער האָט אים גערעטן אייַנ־צוגיין אויף דעם פאָרשלאַג און אָננעמען די סטאָקס פון יענער קאָמפּאַניע, פאַרזיכערנדיק אים, אַז ער קאָן גוט פערים'ן און אַז יענער איז אַן אַבסאָלוט אָרנטלעכער מאַן. צו מאַכן אַ לאַנגע מעשה קורץ — מעקפאַדען האָט אייַנ־גערעדט מאַר'ן צו פאַרקויפן זיין קאָמפּאַניע פאַר דעם סטאָק פון „סאַדערן סטעיטס אָיל". ווען מעקפאַדען און ראַטענבערג זיינען געקומען קריגן זייער כאַבאַר, האָט פערים זיי אַ ביסל באַשווינדלט און געזאָגט, ער האָט ניט קיין הונדערט טויזנט דאָלאַר, נאָר ער וועט זיי געבן פופציק טויזנט. די צוויי פאַרשווינען האָבן צווישן זיך צעטיילט די פופציק טויזנט דאָלאַר און די סטאָקס וואָס זיי האָבן געקראָגן.

די פינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלאַר כאַבאַר האָט מעקפאַדען שטילער־הייט אַריינגעשריבן אין זיין רעפּאָרט וועגן אייַנקונפט־שטייער! פאַט מאַר איז מיט דער צייט פאַרשיקט געוואָרן אין פּריזאָן פאַר מיסברויכן מיט דער אַמעריקאַנער פּאָסט. ווען ער איז אַרויס פון פּריזאָן האָט ער אויסגעפונען ווי אַזוי דער קאָנגרעסמאַן פון פענסילווייניע האָט אים באַשווינדלט און ער האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס אין געריכט צוריקצוקריגן זיין קאָמפּאַניע. דעמאָלט איז דאָס אַרויס אין דער עפנטלעכקייט די גאַנצע מעשה ווי אַזוי קאָנגרעסמאַן לואיס ט. מעקפאַדען איז אונטערגעקויפט געוואָרן. אין אַן אַנטשיידונג, וואָס ריכטער קאַרדאָזאָ, דער איצטיקער מיטגליד פון סופרים קאָורט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אַרויסגעגעבן דעם 4טן מערץ, 1931, ווערט געזאָגט:

„פון סאַמע אָנהויב האָבן ראַטענבערג און מעקפאַדען, די אַגענטן וואָס האָבן געפירט די פאַרהאַנדלונגען, געלאָזט וויסן פערים'ן, דעם פאָרטרעטער פון 'סאַדערן סטעיטס', אַז זיי דערוואַרטן באַלוינט צו ווערן פאַר זייער דינסט אין רעקאָמענדירן דעם אויסטויש. אויף דעם איז מען אייַנגעגאַנגען. זיי האָבן געקראָגן אַ געהיימע באַלוינונג פון פופציק טויזנט דאָלאַר מזומן (צו פינף און צוואַנציק טויזנט אויף יעדן) און 7,039 שערס חוץ דער צאָל שערס, וואָס זיי איז געקומען לויט דער פּראָפּאָרציע פון אויסטויש, וואָס איז געמאָלדן געוואָרן צו די איבעריקע... ראַטענבערג און מעקפאַדען זיינען געווען אַנטיילנעמער אין אַ שווינדלערישער פאַרשווערונג."

פרעגט מיך ניט פאַרוואָס איז לואיס ט. מעקפאַדען, מיט אַזעלכע באַווייזן פון כאַבאַר קעגן אים, ניט פאַרשיקט געוואָרן אין פּריזאָן. איך ווייס ניט. אַמעריקאַנער פּאָליטיק האָט אירע אייגענע מאָדנע וועגן.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אויף נאָך אַ פּאָר געשעפטלעכע אָפּעראַציעס פון דעם ערנהאַפטן קאָנגרעסמאַן פון פענסילווייניע.

אין מערץ, 1926, האָט לואיס ט. מעקפאַדען זיך געווענדט צו די ניו

יאָרקער געריכטן נאָך אַ דערלויבעניש צו פאַרקויפן סטאַקס פון אַ נייער קאָרפּאָרעישאָן אונטערן נאָמען „פעדערעיטעד ראַדיאָ קאָראָפּאָרעישאָן" אויף דער סומע פון אַ מיליאָן און דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר. אַ פּאָר בראָקערס, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט, האָבן געהאַט אָפּגעדרוקט אַ סך סערטיפיקאַטן, וואָס האָבן אויסגעקוקט זייער שיין. די אַקציעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן באַנקען און בראָקער־פירמעס — גרייט פאַרקויפט צו ווערן צו די יאָלדן אַזוי שנעל ווי די קאָרפּאָראַציע וועט קריגן די דערלויבעניש זיי צו פאַרקויפן.

ניו יאָרק סטעיט האָט אָבער אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט צו פאַרקויפן שווינדלערישע סטאַקס. אַלבערט אָטינדזשער, דער דעמאָקלטיקער אַטוירני־דזשענעראַל פון ניו יאָרק סטעיט, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרקויף־פּראָספּעקט, געמאַכט אַ שטיקל אונטערזוכונג וועגן דער קאָמפּאַניע און זיך באַלד געווענדט צום געריכט מיט אַ פאָדערונג ניט צו דערלאָזן אַרויסצוקריגן פון דער באַפעלקערונג דעם מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַר דעם „ערנהאַפטן" לואיס ט. מעקפאַדען. איך וועל ניט לאַנגווייליקן דעם לייענער מיט די דעטאַלן פון דער דאָזיקער אַפערע. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז נאָך דעם ווי דער אַטוירני דזשענעראַל האָט באַוויזן, אַז די סטעיטמענטס וועגן די סטאַקס פון דער דאָזיקער קאָמפּאַניע זיינען פאַלש און שווינדלעריש, האָט דער געריכט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַ דערלויבעניש זיי צו פאַרקויפן.

דעם 30טן מערץ, 1926, — וויי ניקער ווי צוויי וואָכן נאָכדעם ווי ער האָט געפּרוּווט פאַרקויפן זיין סטאָק פאַר אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר, האָט מעקפאַדען זיך דערקלערט באַנקראָט אין קאַנטאָן, פּענסילוועניע, און האָט אין דער באַנקראָט־פּעטיציע אָנגעגעבן דעם ווערט פון די סטאַקס ווי זעכציק טויזנט דאָלאַר!

די דאָזיקע באַנקראָט־פּעטיציע וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף דעם מעטאָד, דורך וועלכן מעקפאַדען האָט געקראָגן דאָס געלט און געלאָזט די יאָלדן מיט דעם ווערטלאָזן פּאַפּיר.

מעקפאַדען האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן זיך אָפּגעגעבן מיט „באָרגן" געלט. אויב ער האָט דאָס ניט געקאָנט קריגן ווי כאַבאַר, האָט ער „געבאָרגט" דורך אַנדערע שווינדלערייען. לאָמיך דאָ געבן אַ ביישפּיל.

מיט יאָרן צוריק, ווען מעקפאַדען איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן און האָט נאָר־וואָס באַטראָטן דעם וועג פון שווינדל, האָט אַ מאַן, וועמען ס'איז געפעלן מעקפאַדענ'ס פערזענלעכקייט, אים אַרויסגענומען פון אַ קראָם און אים געמאַכט פאַר קאַסירער אין דעם פוירסט נעשאָנאַל באַנק פון קענטאָן, פּענסילוועניע. ס'איז ניט פאַריבער קיין סך צייט ביז דער קאַסירער איז געוואָרן דער פּרעזידענט און דער גרעסטער „סטאָקהאָלדער" פון דעם באַנק, און זיין בעל־טובה האָט אים אויסגעבאָרגט אַ סך טויזנטער דאָלאַר, קריגנדיק דערפאַר ניט מער ווי — פּאַפּיר. מעקפאַדען האָט אין זיין קאַריערע פון קריגן געלט דורך וועלכע ס'איז מיטלען, געגרינדעט אַ סך געשעפטן. צו גרינדן

אַ געשעפט און איינרעדן מענטשן זיי זאָלן אינוועסטירן זייערע געלטער אין דעם געשעפט — דאָס איז געווען מעקפאַדען׳ס ספּעציאַליטעט, צוזאַמען מיט זיין אַנדער ספּעציאַליטעט פון פאַזירן ווי אַ גרויסער פריינט פון פאָלק.

מיר געפינען, צום ביישפּיל, אַז ער האָט געבאָרגט 8,750 דאָלאַר פון דעם פוירסט נעשאַנאַל באַנק פון קאַנטאָן, פּענסילוועניע (זיין אייגענער באַנק, אָבער די דעפּאָזיטאָרס׳ געלט). ווי אַ באַוואָרעניש האָט ער איינ־געלייגט 750 שערס פון דער „סאָדערן סטעיטס קאָרפּאָרעישאָן" — דעם זעלביקן סטאָק, וואָס ער האָט געקראָגן ווי כאַבאַר צוזאַמען מיט די 25 טויזנט דאָלאַר קעש! מיר קומען אַזוי אַרום צום שלום, אַז 750 שערס פון יענעם סטאָק זיינען ווערט 8,750 דאָלאַר.

ווען ער האָט זיך אָבער דערקלערט באַנקראָט, האָט ער צווישן זיין „פּערזענלעכן" פאַרמעגן אָנגעגעבן 3,500 שערס פון דעם זעלבן סטאָק אין דעם ווערט פון פּונקט א י י ן ד אָ ל אַ ר. און נאָך 590 שערס פון דעם זעלבן סטאָק, וואָס איז געווען אין די הענט פון זיינע בראָקערס, האָט ער אָנגעגעבן אין דעם ווערט פון א י י ן ד אָ ל אַ ר.

מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט געבאָרגט די געלדער פון די דעפּאָזיטאָרס פון זיין באַנק אויף אַ סומע, וואָס איז געווען אַ סך גרעסער פון דעם ווערט פון די סטאָקס, וואָס ער האָט איינגעלייגט ווי אַ באַוואָרעניש.

אין אָט־דער באַנקראָט־אַפּליקאַציע געפינען מיר אויס, אַז ער גיט אָן 2,500 שערס פון „פעדערעיטעד ראַדיאָ קאָרפּאָרעישאָן" (אינגאַנצן זיינען ארויסגעלאָזט געוואָרן 5,000 שערס) אויף דעם ווערט פון 30,000 דאָלאַר — אַ שטיקל אונטערשייד צווישן אָט־דער סומע און דעם מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט געפּרוווט אַרויסקריגן פון די יאָלדן, ווען דער אַטורני דזשענעראַל פון ניו יאָרק האָט אים אָפּגעשטעלט.

מעקפאַדען האָט געהאַט אַ וואוילן „רעקעט". ער פלעגט אָרגאַניזירן אַ קאָמפּאַניע, נעמען די סטאָקס פון דער קאָמפּאַניע און באָרגן אויף זיי אמת געלט פון זיין באַנק. ער האָט געקראָגן מזומן געלט און געגעבן האָט ער אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער אַליין האָט אינדאָרסירט.

צום ביישפּיל. ער האָט געגרינדעט די „נעשאַנאַל פאָנאָגראַף קאָ." פון קענטאָן, פּאַ. אָט־די קאָמפּאַניע האָט עטלעכע מאָל געבאָרגט געלט פון דעם פוירסט נעשאַנאַל באַנק (זיין באַנק, אָבער יענעמס געלט) און די איינציקע באַוואָרעניש, וואָס דער באַנק האָט געקראָגן, איז געווען אַ וועקסל אינדאָר־סירט פון מעקפאַדען׳ען. אַזוי אַרום האָט מעקפאַדען געקראָגן טויזנטער דאָלאַר פון די געלדער פון זיינע דעפּאָזיטאָרס אין זיין באַנק. און ווען ער האָט אָנגעגעבן זיין באַנקראָט־פּעטיציע, זיינען די דעפּאָזיטאָרס געבליבן מיט מעקפאַדען׳ס אונטערשריפטן, אָבער דאָס געלט איז פאַרשוואונדן.

כ׳וואָלט געקאָנט אָנגעבן נאָך אַ סך אַזעלכע ביישפּילן, נאָר איך רעכן, אַז איך האָב שוין באַוויזן, אַז מעקפאַדען האָט געהאַט אַ טבע צו קריגן געלט און לאָזן אימיצן אַנדערש זיך האַלטן מיטן פּאַפּיר. ס׳איז אַ פאַקט, אַז

צווישן מעקפּאַדען׳ס קרעדיטאָרן, וואָס זיינען געבליבן באַם פּאַפּיר, געפינען זיך אַ סך אידן!

מעקפּאַדען׳ען האָט עס גאָרנישט ניט אויסגעמאַכט צי ער האָט באַשווינדלט אידן אָדער קריסטן, וואָס האָבן אים געטרויט. אים האָט ניט אויסגעמאַכט וואָס יענע זיינען געווען אָרעמע אַרבעטער פון זיין אייגענער שטאָט, וועמען ער איז שולדיק געבליבן צו דאָלאַר און צו צוויי. ווען ער האָט באַשווינדלט מענטשן האָט ער זיי באַשווינדלט ביז אַרונטער.

איך ווייס ניט וואָס די פּאָליטישע צוקונפט פון דעם ערנהאַפטן מר. מעקפּאַדען וועט זיין.*) איך ווייס, און אַ סך מענטשן ווייסן דאָס שוין, וואָס זיין פאַרגאַנגענהייט איז געווען און וואָס זיין געגנוואַרט איז. קאָנגרעסמאַן מעקפּאַדען איז, קאָנטיק, אַ ביסל נערוועז ניט בלויז וועגן זיין שאַטנדיקער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך וועגן זיין איצטיקער אינטימער פאַרבינדונג מיט אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען נאָענט צו היטלער׳ס געהיימע אַגענטן אין אַמעריקע. ווען איך האָב באַזוכט גולדען׳ען האָב איך אים געזאָגט, אַז מעקפּאַדען האָט אַמאָל געקראָגן כאַבאַר און איז געווען פאַרמישט אין אַנדערע פאַרדעכטיקע געשעפטן. גולדען האָט דאָס ניט געוואָלט גלייבן און געזאָגט, אַז ער וועט שרייבן מעקפּאַדען׳ען און אים פרעגן וועגן די אַלע זאַכן און אַז ער וועט אים לאָזן ווייסן, אַז איך קלייב זיך פאַרעפנטלעכן די אַלע באַשולדיקונגען.

ווען איך האָב טעלעפאָנירט מעקפּאַדען׳ען „לאָנג דיסטענס“, כדי צו איינאָרדענען אַן אינטערוויו מיט אים, האָט ער אַליין געענטפערט דעם טעלעפאָן.

— ספּיוואַק, העי? וועל, איך ווייס ניט וואו איך וועל זיין. איך וועל זיין איבערן דיסטריקט פירנדיק די קאַמפּאַניע און וועל אייך ניט קאָנען זען.

— איר האָט אָבער אַ מאַרשרוט. געוויס מוזט איר ווייסן, וואו איר וועט זיין אין די קומענדע עטלעכע טעג.

— איך ווייס ניט וואו איך וועל זיין, — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט. — וועגן וואָס ווילט איר מיך זען?

ער האָט זיך ערשט געכאַפּט דאָס צו פרעגן.

— די „ניו מעסעס“ דרוקט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע ——

— יאָ, יאָ, איך ווייס.

— איך וואָלט וועלן האָבן אַן אינטערוויו מיט אייך, ווייל איר זיינט דער איינציקער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע פראַגע אין קאָנגרעס.

— דאָס וועט מיר קיין גוטס ניט טאָן — גאָר קיין גוטס ניט, — האָט ער זיך געכאַפּט.

---

*) אין די לעצטע קאָנגרעס־וואַלן פון 1934 איז קאָנגרעסמאַן מעקפּאַדען ווידער געווען אַ קאַנדידאַט פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי צום קאָנגרעס און איז דורכגעפאַלן. — רעד.

— עס זיינען דאָ אייניקע זייער שווערע באַשולדיקונגען קעגן אייך, און איך רעכן, אַז איר דאַרפט קריגן אַ געלעגנהייט אַף זיי צו ענטפערן ———

אָ—! — ס'איז שטיל געוואָרן אַפן צווייטן עק. דערנאָך האָט מעק־פאַדען געזאָגט:

— איך האָב גאָרנישט ניט צו זאָגן. — דער גלאַטיקער טאָן איז פאַר־שוואונדן. זיין שטים איז געווען האַרט און קאַלט.

— איך וועל אייך פרואוון געפינען אין אייער דיסטריקט. לאָמיר דאָס מאַכן מיטוואָך.

— איך ווייס ניט וואו איך וועל זיין. אַ גוטע נאַכט. — דער ערנ־האַפטער קאָנגרעסמאַן האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

מיטוואָך אינדערפרי בין איך אָנגעקומען אין דעם קליינעם שטעטל קענטאָן, וואו דער קאָנגרעסמאַן האָט דורכגעפירט אַזוי פיל פון זיינע הלוואות פאַר זיינע אייגענע קאָמפּאַניעס פון זיין אייגענער באַנק אַף זיין אייגענער אונטערשריפט. זיין פרוי האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז און האָט ניט געהאַט קיין אַנונג, וואו מען קאָן אים געפינען. פון אַנדערע קוואַלן האָב איך אויסגעפונען, אַז יענע נאַכט האָט ער גערעדט זיין אין אַטענס. ווען איך בין געקומען אין אַטענס, האָט ער שוין דאָרט געהאַט אָפּ־גערעדט און איז שנעל אַוועקגעפאָרן. אין דעם דערבייאיקן שטעטל סעיר, וואו זיין קאַמפּעין־מענעדזשער איז דעמאָלט געווען, האָב איך געקראָגן די אינפאָרמאַציע, אַז דער קאָנגרעסמאַן איז אַוועקגעפאָרן און קיינער ווייסט ניט וואוהין. אין דעם סאַמע ברען פון אַ וואַל־קאַמפּאַניע איז אַ קאָנגרעסמאַן און קאַנדידאַט פאַרשוואונדן! איך האָב ערנסט אַ טראַכט געטאָן וועגן לאָזן וויסן דער פּאָליציי וועגן דעם!

ניט געקוקט אַף אַלע מיטלען, וואָס דער קאָנגרעסמאַן האָט אָנגענומען זיך אויסצובאַהאַלטן, איז אין דער לאָבי פון האָטעל, וואו איך האָב געגעסן מיטאָג, צו מיר צוגעקומען אַ מאַן און אויסגעשעפּטשעט:

— איר זוכט לואיס מעקפאַדען'ען?

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ווייזט אויס, אַז ער פרואווט זיך אויסבאַהאַלטן פון אימיצן, — האָט ער אויסגעשעפּטשעט פון אַ ווינקל פון מויל. — איר קאָנט אים אָבער געפינען אין וועין קאַונטי.

און דערמיט איז דער מיסטעריעזער פאַרשוין פאַרשוואונדן.

וועין קאַונטי איז געווען אַ הונדערט מייל די ווייט — כמעט בא דער ניו יאָרקער און ניו דזשוירזי גרענעץ פון דעם דיסטריקט. עס וואָלט גע־דויערט צום ווינציקסטן פיר שעה צו פאָרן אַהין. איך האָב געוואָלט באַלד אַרויספאָרן, נאָר מיר איז פאָרגעקומען מאָדנע, פאַרוואָס יענער מאַן האָט גראָד מיר פאַרטרויעט די אינפאָרמאַציע, און איך האָב טעלעפאָנירט צו אַ באַקאַנטן אין וועין קאַונטי, וועלכער האָט געדאַרפט וויסן צי מעקפאַדען ווערט דאָרט דערוואַרטעט יענעם אָוונט. איך האָב געקראָגן דעם ענטפער, אַז מען דערוואַרט אים דאָרט ניט. מיין באַקאַנטער האָט גראָד געוואוסט, אַז

מעקפאַדען דאַרף זיין אין טאַנאַוואַנדע — ווייניקער ווי א שטונדע רייזע פון סעיר — און אז ער דאַרף זיך דאָרט זען מיט אימיצן זעקס אזייגער אין אָוונט.

איך וויים ניט פאַרוואָס יענער מיסטעריעזער מאַן האָט מיך געוואָלט אָפּשיקן צום צווייטן עק פון מעקפאַדען׳ס דיסטריקט. אין יעדן פאַל בין איך אַוועק קיין טאָנאַוואַנדע, אָבער ווען איך בין אַהין אָנגעקומען, איז דער קאָנגרעסמאַן פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אריין. ס׳איז געווען באמת קאָמיש ווי דער קאָנגרעסמאַן איז געשפּרונגען ווי א פליי פון אָרט צו אָרט און געפּרואווט זיך אַרויסדרייען פון ענטפערן אף פראַגן.

VI

אַן אַנטיסעמיטישער דועט: איזלי און ווירעק

די אַנטיסעמיטישע נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע דאָ אין לאַנד אַרבעט פלינק דורך באַהאַלטענע הענט. איך האָב שוין אויפגעדעקט אייניקע פון די געהיימניס־פולע אונטערערדישע קוואַלן, וואָס שפּייזן די פּראָפּאַגאַנדע פון אידן־האַסן. דאָ וויל איך ברענגען באַווייזן, אַז דער באַקאַנטער הונדערט־און־צוואַנציק פּראָצענטיקער „פּאַטריאָט” ראַלף מ. איזלי, טשערמאַן פון דעם עקזעקוטיוו־קאַונסיל פון דער נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן, 570 לעקסינגטאָן עוועניו, ניו יאָרק, האָט אין געהיים פאַרשפּרייט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און האָט צוגעשטעלט קאָנפידענציעלע באַריכטן צו דזשאָרדזש סילוועסטער ווירעק, דעם באַצאָלטן נאַצי־אַגענט, וועגן דעם פאַרזוך פון יענעם „פּאַטריאָט” אָפּצושטעלן דעם אידישן באָיקאָט אַף דייטשע סחורות — אַ פאַרזוך, וואָס וואָלט געבראַכט אַ סך נוצן צו נאַצי־דייטשלאַנד, ווען ער זאָל זיין דערפאָלגרייך.

די נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן איז די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע פון די „פּאַטריאָטישע” אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרפלייצן דאָס לאַנד מיט אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. די פעדערעישאָן שטייט נאָענט צו דער פעדע־ראַלער רעגירונג. מר. איזלי אַליין מאַכט אָפט מיסטעריעזע רייזעס קיין וואַשינגטאָן צו קאָנפערירן מיט באַאַמטע פון לעיבאָר און סטעיט דעפּאַרט־מענט. אָדער ער ברענגט זיי „אינפאָרמאַציע”, אָדער ער פּרוווט זיי „פּאַטריאָטיש” פאַרקויפן געפעלשטע דאָקומענטן פאַר אַ געוויסן פּרייז — ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט די באַוואוסטע פעלשונגען, די וועהעילען־דאָקו־מענטן, אין 1930. ווען עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן זיי צו פאַרקויפן צו ראָבערט קעלי, הויפּט פון דער ווייט־מזרח אָפּטיילונג פון דעם סטעיט דעפּאַרטמענט, האָט ער זיי געפּרוווט פאַרקויפן צו אַ קאָרעס־פּאָנדענט פון די הוריסט־צייטונגען. און ווען דאָס האָט זיך אים אויך ניט איינגעגעבן, האָט איזלי ענדלעך זיי איבערגעגעבן צום געוועזענעם ניו יאָרקער פּאָליס־קאָמישאָנער, גראָווער וועהעילען, וועלכער האָט זיי באַלד געלאָזט אָפּ־דרוקן אין די צייטונגען. די דאָקומענטן זיינען מיט אַ קורצער צייט שפּעטער באַוויזן געוואָרן צו זיין געפעלשטע. איך דערמאָן דאָס כדי די לייענער זאָלן קריגן אַ באַגריף וועגן דעם ווי אַזוי דער „פּאַטריאָט” ראַלף מ. איזלי אַרבעט.

צווישן די מיטגלידער פון דעם עקזעקוטיוו קאַונסיל פון דער נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן געפינען מיר זייער איינפלוסרייכע מענטשן. דער איינ־פלוס און אויסשפּרייטונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז זייער גרויס.

אָט איז, צום ביישפּיל, דער פּאַקטישער פּרעזידענט פון דער פעדערעישאַן, מעטיו וואָל. וואָל איז א וויים־פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר, וואָס האָט געגומען א שטעלונג צו שטיצן דעם באָיקאָט אַף דייטשע סחורות. צווישן די אָנפירער פון דער פעדערעישאַן געפינט זיך אויך ארטשיבאַלד סיטוועגסאָן, טשערמאַן פון דעם „דעפּאַרטמענט פון שעדלעכע באוועגונגען". מר. סטיווענסאָן האָט צוריק מיט יאָרן געקראָגן א סך רעקלאַמע דורך זיין טעטיקייט פון אויפּרייצן א „רויטע" היסטעריע ווי אַן אַגענט פון דער סקאַנדאַליעז־באַרימטער לאַסק־קאָמיטע. אים האָט זיך איינ־געגעבן אויפצורייצן א „רויטע" שרעק, וואָס האָט געפירט צו דער אויס־שליסונג פון די סאָציאַליסטן אין דער אַסעמבלי נאָך דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען סאָציאַליסטן. נאָך אַן אָנפירער פון דער פעדערעישאַן איז דזש. וו. דזשעראַרד, געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין דייטשלאַנד, וואָס פירט אָן מיט דער קאָמיסיע וועגן אינדוסטריעלער אויספאָרשונג. דאָס האָט דער געוועזענער דזשעראַרד היסטעריש געוואָרנט די אידן, נאָכדעם ווי די „ניו מעסעס" האָט אָנגעהויבן דרוקן מיין סעריע אַרטיקלען, אַז אויב זיי וועלן זיך ניט אָפּטרייסלען פון דעם קאָמוניזם, וועלן זיי האָבן אין אַמעריקע פּאָגראָמען, „וואָס זייער גלייכן האָט נאָך די וועלט ניט געזען".

אידן און קריסטן, איבערגעשראָקן פון דעם קאָמוניסטישן געשפּענסט, וועלכן די נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן האָט אַזוי ברייט אַדווערטייזט, האָבן בייגעשטייערט שווערע געלדער אַף אָנצופילן די קאַסע פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. אַף וויפיל דאָס איז באַקאַנט דער אויסערלעכער וועלט, גיט איזלי אַפ זיין גאַנצן לעבן צו באַקעמפן קאָמוניזם אָדער וועלכע ס'ניט איז פאָרם פון ראַדיקאַליזם אין אַמעריקע. ווען קיין קאָמוניסטן זיינען נאָך דאָ ניט געווען, האָט איזלי זיך געקאָכט וועגן די אַי־דאָבליו־דאָבליו. ווען יענע „געפאַר" איז אַריבער און דאָס לאַנד איז נאָך אַלץ געבליבן לעבן, איז ער געוואָרן אויפגעבראַכט וועגן די סאָציאַליסטן, וועמען ער באַטראַכט איצטער מיט מילדער טאָלעראַנץ. איזלי געפינט שטענדיק עפּעס א געפאַר אַף איבערצושרעקן די פאַרמעגלעכע קלאַסן. איך וואָלט געקאָנט א סך דער־ציילן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם דאָזיקן פּראָפעסיאָנעלן „פּאַטריאָט", אָבער עס וועט זיין גענוג דאָ צו דערמאָנען זיין ענגע פאַרבינדונג מיט באָריס בראַסאָל, וועלכער איז געווען הויפּטזאַכלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ברייטער פאַרשפּרייטונג פון די סקאַנדאַליעזע „פּראָטאָקאָלן פון ציון". אָט־דער פאַקט פון זיין פאַרגאַנגענהייט איז ווייניק באַקאַנט — ספּעציעל צווישן די רייכע אידן, וואָס גיבן געלט פאַר זיין אָרגאַניזאַציע.

לאָמיר א קוק טאָן אַף זיין איצטיקער טעטיקייט. מיר וועלן זען, אַז בעת ער באַט אָן זיין הילף צו רייכע און פּראָמינענטע אידן, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם, באַשעפטיקט ער זיך פּאַקטיש מיט פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, פּרוּווט אָפּשטעלן דעם באָיקאָט קעגן די נאַצים און שטעלט צו געהיימע באַריכטן צו דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק, דעם פלינקן נאַצי־פּראָפּאַגאַנדיסט.

איך האָב אין מיין ערשטן אַרטיקל פון דער סעריע אין די „ניו מעסעס" דערקלערט, אַז איך וועל צושטעלן באַווייזן וועגן איזלי'ס אַנטיסעמיטישער טעטיקייט. קאָנטיק, אַז מר. איזלי'ס „פּאַטריאָטישער" געווויסן איז ניט אינגאַנצן רואיק, ווייל ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן זיך צו טרעפן מיט מיר. איך האָב אים טעלעפאָנירט נאָך אַן אינטערוויו.

— ווער רעדט? — האָט זיין סעקרעטאַרשע געפרעגט.

— מר. ספּיוואַק פון די „ניו מעסעס". איז מר. איזלי דאָ?

— יאָ. איין מינוט, איך וועל אים פאַרבינדן מיט אייך.

די איינע מינוט האָט זיך אויסגעצויגן ביז פיר מינוט אפן זייגער — פונקט גענוג צייט, האָב איך גערעכנט, אַף אויסצוגעפינען פון וואַנען איך טעלעפאָניר און איינאָרדענען אַז עטלעכע מענטשן זאָלן זיך איינהערן אין דעם געשפּרעך אַף „עקסטענשאָן"-טעלעפאָנען. און דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ שאַרפע שטים:

— העלאָ!

— מר. איזלי?

— ניין, דאָס איז מר. סטיווענסאָן ———

— ניט דער אַרטשי סטיווענסאָן פון דעם באַרימטן „רויטן געיעג"?

— דאָס איז מר. אַרטשיבאַלד סטיווענסאָן, — האָט די שטים געזאָגט מיט ווירדע. — וועגן וואָס ווילט איר זען מר. איזלי?

— כ'וואָלט אים וועלן זען וועגן זיינע אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן. איך ווייס, נאַטירלעך, אַז ער האָט ניט ליב קיין קאָמוניסטן. איך וויל אָבער אויסגעפינען פאַרוואָס ער פירט אָן אַנטיסעמיטישע אַרבעט — וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט זיין האַס צום קאָמוניזם?

— מר. איזלי פירט ניט אָן קיין אַנטיסעמיטישע אַרבעט.

— איך וואָלט וועלן וויסן פאַרוואָס מר. איזלי, וועלכער פאַרטרעט די אולטראַ-פּאַטריאָטישע נעשאַנאַל סיוויק פעדערעישאָן, האָט צוגעשטעלט געהיימע באַריכטן צו דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק, דעם נאַצי-אַגענט?

— מר. איזלי האָט נ י ט באַריכטעט צו מר. וויערעק'ן, — האָט אַרטשי סטיווענסאָן אויסגערופן מיט אַנטריסטונג.

— עס טוט מיר לייד. איך האָב מר. איזלי'ס בריוו צו מר. וויערעק'ן, — האָב איך אים פאַרזיכערט.

— וועל ——. ער איז אַף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. — מר. איזלי איז איצטער ניטאָ. אפשר וואָלט איר זיך בעסער געזען מיט אים אַליין.

— וועגן דעם טאָקע האָב איך טעלעפאָנירט. קאָן איך מאַכן אַן אַפּאָינטמענט?

— רופט אָפּ מאָרגן צען אַזייגער, ביטע.

צען אַזייגער אינדערפרי האָב איך טעלעפאָנירט. אַ מיידל'ס שטים האָט געענטפערט, ווען איך האָב אָנגעגעבן מיין נאָמען.

— אָ, מר. ספּיוואַק, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב אַ מעסעדזש פאַר אייך. מר. איזלי האָט געזאָגט, אַז לויט דער עצה פון זיין לאָיער וויל

ער זיך מיט אייך ניט זען. ער דענקט עס וואָלט געווען בעסער, ווען איר שטעלט אים צו שריפטלעך די פראַגן וואָס איר ווילט אים פרעגן און ער וועט זיי ווי געהעריק באַטראַכטן.

— איר מיינט, אַז מר. איזלי האָט מורא צו ענטפערן פּערזענלעך אויף די געשטעלטע פראַגן? אַז ער וויל האָבן צייט איבערצוטראַכטן די ענטפערס?

— וועל, דאָס איז די עצה פון זיין לאָיער, — האָט זיין סעקרעטאַרשע געענטפערט.

—איך וועל אים צושיקן די פראַגן היינט באַטאָג דורך אַ רעגיסטרירטן בריוו. איך האָף, אַז ער און זיין לאָיער וועלן האָבן פאַרגעניגן פון ענטפערן אויף זיי.

איך וועל צום שלוס פון דעם קאַפּיטל אָנגעבן די פראַגן, וואָס איך האָב צוגעשיקט איזלי'ן. „לויט דער עצה פון זיין לאָיער" האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן אויף זיי. איך גיב אָן די פראַגן כדי דער לייענער זאָל וויסן, אויף וועלכע פראַגן איזלי'ס לאָיער האָט אים ניט געהייסן ענטפערן.

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש דזשאָרדזש סיל־וועסטער וויערעק איז. דאָס אינטערעסירט אונז דערפאַר, וואָס איזלי און וויערעק האָבן געאַרבעט ענג צוזאַמען. מר. וויערעק איז אַ שרייבער פון ביכער, אַ זשורנאַליסט און אַ רעדאַקטאָר. איך וועל דאָ ניט אַריינגיין אין זיין ליטעראַרישער געשיכטע, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער פראַגע. איך וועל בלויז זאָגן, אַז ער איז איינער פון די פלינקסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס איך קען. ער אַליין שרייבט זיך ניט אונטער אויף זיין פּראָפּאַגאַנדע. מר. איזלי האָט אָבער געשריבן גענוג פאַרביידן.

וויערעק'ס פאַרגאַנגענהייט ווייזט, אַז ער איז אַ דערפאַרענער דייטשער פּראָפּאַגאַנדיסט. זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז ער געוואָרן אַן אַקטיווער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדיסט. ער האָט געקראָגן 1,750 דאָלאַר אַ חודש — טויזנט דאָלאַר אויף זיין חלק פאַר קריגן אַ פעטן קאָנטראַקט פאַר דעם אידן קאַרל ביאויר צו פאַרשפּרייטן רעקלאַמע פאַר די דייטשע אייזנבאַנען, און 750 דאָלאַר אַ חודש פאַר זיין „לייסטונג" צו דער ביאויר פירמע. דער דאָזיקער פאַקט איז שוין פריער אַרויסגעבראַכט געוואָרן. איך גלויב ניט, אַז מע דאַרף אָפּגעבן מער פּלאַץ צו באַווייזן, אַז וויערעק איז אַ נאַצי־פּראָפּאַ־גאַנדיסט. עס איז אַ סך וויכטיקער צו אונטערזוכן זיין פינאַנציעלע לאַגע איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און — נאָך דעם ווי וויערעק איז צוריקגעקומען פון נאַצי־דייטשלאַנד אין 1933.

וויערעק האָט אין דעם קראַך פון 1929 פאַרלוירן כמעט אינגאַנצן זיין פאַרמעגן דורך ניט־געלונגענע ספּעקולאַציעס. אין מערץ און אַפּריל, 1933, נאָכדעם ווי היטלער האָט געקראָגן די מאַכט, ווייזן זיינע באַנק־רעקאָרדס, אַז ער האָט פּלוצים באַקומען גרויסע סומען געלט. אָנהויב אָקטאָבער איז ער צוריקגעקומען פון אַ צווייטער רייזע אין דייטשלאַנד און האָט געקראָגן נאָך גרעסערע סומען.

אין מערץ, 1933, נאָכדעם ווי וויערעק האָט געגעבן אינפאָרמאַציע און

עצות צום דײַטשן גענעראַל־קאָנסול קיעפּ וועגן „דער אַלגעמיינער דײַטש־אַמעריקאַנישער סיטואַציע", האָט אים קיעפּ געגעבן אַ קאָנטראַקט פֿון 500 דאָלאַר אַ חודש. דאָס האָט אָנגעהאַלטן פֿינף חדשים, און דאָס געלט האָט ווירעק געקראָגן *אײן קעש*. עס האָט געהייסן, אַז דאָס געלט פֿון דעם דאָזיקן קאָנטראַקט האָט ווירעק אַרײַנגעלייגט אין באַנק אויף זײַן רעכענונג און האָט דאָס פֿאַרשריבן אין זײַן קעש־בוך ווי געלט, וואָס ער האָט באַקומען פֿאַר געזעצלעכע לייסטונגען. איך האָב געזען זײַן קעש־בוך. ס'איז דאָרט פֿאַרשריבן בלויז איינמאָל די סומע פֿון 500 דאָלאַר אויף זײַט 114, און *דער קוואַל פֿון דער דאָזיקער איינ־נאַמע ווערט ניט אָנגעגעבן*.

צו יענער צײַט, ווען ווירעק האָט געקראָגן קעש געלט פֿון דעם דײַטשן גענעראַל־קאָנסול און ווען זײַנע רעכענונגען ווײַזן, אַז ער האָט פּלוצים געקראָגן גרויסע סומען געלט אויף זײַן באַנק־רעכענונג, האָט זיך דער „פּאַטריאָטישער" ראַלף מ. איזלי פּלוצים פֿאַראינטערעסירט מיט אָפּשטעלן דעם אידישן באָיקאָט קעגן דײַטשע סחורות. חוץ אָנפֿירן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, שפּיאָנאַזש און אַנדערע טעטיקייטן, איז היטלער געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז די אַמעריקאַנער אידן זאָלן אָפּשטעלן דעם באָיקאָט, וועלכער האָט מיט דער צײַט געקאָנט ווערן אַן ערנסטע געפֿאַר פֿאַרן נאַצי־רעזשים.

דעם 27טן מערץ, 1933, זײַנען ווירעק און איזלי זיך צוזאַמענגעקומען, און ווירעק האָט געגעבן אָנווײַזונגען דעם פּראָפֿעסיאָנעלן פּאַטריאָט ווי אַזוי צו אַרבעטן אויף אָפּצושטעלן דעם באָיקאָט. אין דרײַ טעג אַרום, אין אָוונט פֿון מערץ 30, 1933, נאָכדעם ווי ווירעק און איזלי האָבן זיך עטלעכע מאָל געטראָפֿן אין אָפֿיס פֿון דער נעשאָנאַל סיוויק פֿעדערעישאָן, האָט ווירעק געשיקט אַ קעיבל צום געוועזענעם קרוינפּרינץ פֿון דײַטשלאַנד, צו וויצע־קאַנצלער פֿאָן־פּאַפּען און דאָקטאָר היאַלמאַר שאַכט. אָט איז דער טעקסט פֿון דעם קעיבל:

„דער באָיקאָט קעגן דײַטשלאַנד איז דאָ ביז איצט געווען בלויז ספּאָראַדיש, אָן צענטראַלער אָרגאַניזאַציע. אַנטי־דײַטשע אַגיטאַציע הייבט אָן אָפּצושטאַרבן, זי וועט אָבער אָננעמען אַ ברייט־פֿאַרשפּרייטן כאַראַקטער, אויב דער באָיקאָט (אין דײַטשלאַנד) וועט זיך טאַקע אָנהייבן שבת. ניט געקוקט אויף דעם מאַטעריעלן אינטערעס אין דײַטשלאַנד'ס פֿינאַנציעלער דערהאַלונג און ניט געקוקט אויף די פֿילע שטרעמונגען וואָס זײַנען פֿרײַנטלעך צום פּאַציפֿיזם, איז דער אַמעריקאַנער אין עצם עמאָציאָנעל און סענטימענטאַל, און אויב עס וועט קומען צו אַ שלאַכט צווישן אײַך און די אידן, קאָן דײַטשלאַנד ניט רעכענען אויף דער שטיצע פֿון דער פּרעסע אָדער פֿון פֿאָלק. אַפֿילו די דײַטש־אַמעריקאַנער בירגער זײַנען אײַנשטימיק אין פֿאַרדאַמען דעם באָיקאָט (דעם דײַטשן באָיקאָט קעגן אידישע קראָמען אין דײַטשלאַנד). די שטימונג דאָ איז מער געפֿערלעך ווי ווען עס איז אין דער צײַט פֿון דער מלחמה. פֿראַנקרײַך און פּוילן הייבן אָן צוריקגעווינען די פֿאַרלוירענע סימפּאַטיעס. דער באָיקאָט וואָלט פֿאַרשטאַרקט דעם קאָמוניסטישן אײַנפֿלוס אין די אידישע אָרגאַניזאַציעס און אַנדערש־וואו און וואָלט אויך געווען געפֿערלעך פֿאַר די דײַטשע מינאָריטעטן אין אַנדערע לענדער. אויב

איר וועט צום ווינציקסטן אָפּלייגן דעם באָיקאָט, גלויב איך, לויט די פּאַר־לאַנגען און פּאַרזיכערונגען וואָס איך האָב באַקומען, אַז איך בין אין אַ לאַגע צו גאַראַנטירן, אַז די אַנטי־דייטשע אַגיטאַציע אין אַלע וועלט־צענטערס וועט באַלד אויפהערן.

נאָך אָט־דעם קעיבל איז איזלי — וואָס זיין איינציקער אינטערעס, מערקט איך, האָט געזאָלט באַשטיין אין באַקעמפן ראַדיקאַליזם — פּלוצים געוואָרן באַזאָרגט וועגן דעם באָיקאָט און האָט איינגעאָרדנט געהיימע קאָנ־פערענצן אין זיין אָפּיס. באַזוכט די דאָזיקע קאָנפערענצן האָבן ריכטער דזשאָזעף פּראָסקאַוער, מאַקס דזש. קאָלער, דער לאָיער, לואיס וואילי פון דער „ניו יאָרק טאַימס", און מיטגלידער פון דער נעשאָנאַל סיוויק פעדערעי־שאָן. מ'האָט דאָרט אַפּעלירט צו די אידן, אַז אַ באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד

ARCHIBALD EWING STEVENSON
COUNSELOR AT LAW

New York, New York.
October 29, 1934.

Mr. John L. Spivak,
New Masses,
31 East 27th Street,
New York City

Dear Sir:

Mr. Ralph M. Easley has shown me your letter to him of October 26, which I read with interest, but without surprise.

Your interrogations are so replete with your own characterizations, conclusions and innuendoes that it is quite evident that your letter was not sent with an honest desire to acquire accurate information. Under these circumstances, I have advised Mr. Easley to ignore the letter altogether.

I should neglect my duty, however, if I did not advise you that any assertion or innuendo to the effect that either Mrs. Easley, Mr. Easley or Mr. Matthew Woll have been or are engaged in spreading any anti-Semitic propaganda or are parties to any pro-Nazi movement whatsoever, is libel per se and that any publication on your part of any statements or inferences to that effect will be dealt with as the law allows.

Very truly yours,

Archibald E. Stevenson

(Archibald E. Stevenson)
General Counsel
THE NATIONAL CIVIC FEDERATION

אַ בריוו פון איזלי'ס לאָיער צו דזשאָן ספּיוואַק, אין וועלכן עס ווערט דערקלערט, אַז איזלי וועט ניט ענטפערן אויף ספּיוואַק'ס פראַגן.

וועט פירן צו אַ קעגן־באָיקאָט און צו אַן אומפאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג פון ראַסן־האַס צווישן אידן און קריסטן אין דער געשעפט־וועלט. דער אַפּיל צו די אידן איז געמאַכט געוואָרן אין דעם נוסח, אַז דער באָיקאָט דאַרף אָפּ־

געשטעלט ווערן צוליב „פּאַטריאָטישע" מאָטיוון. אַלץ וואָס מ'האָט געזאָגט די אידן וועגן ווייערעק'ן איז, אַז ער איז „גרייט צו קאָאָפּערירן" מיט זיי.

ווי אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע קאָנפערענצן איז, לויט ווייערעק'ס רעקאָמענדאַציע, באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיטע איינצואָרדענען אַ „גוד וויל" קאָמיסיע קיין דייטשלאַנד. דעם 13טן מאַי, 1933, האָט די גרופּע געשיקט אַ קאַבל צו שאַכט'ן וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן. שאַכט האָט באַלד צוריק געקאַבלט, אַז די דאָזיקע קאָמיטע וועט זיין מער ווי אַנגעלייגט.

די ספּעציעלע קאָמיטע וואָס איז באַשטימט געוואָרן, איז באַשטאַנען פון מעטיו וואָל, וויס-פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לייבאָר (וואָס האָט אין אירע רייען אַ סך אידישע מיטגלידער און וואָס האָט זיך אָפן אויסגעדריקט פאַר אַ באָיקאָט אויף דייטשע סחורות), גענעראַל דזשאָן ראָס דעלאַפילד, דזשאָרדזש מעקדאָנאַלד, הערבערט ס. היוסטאָן און איזלי.

דער „פּראָפעסיאָנעלער פּאַטריאָט" האָט געהאַלטן אין איין טרעפן זיך מיט ווייערעק'ן, שיקן אים שריפטלעכע באַריכטן און צוזאַמענברענגען אים מיט פּראָמינענטע אידן. אויף פּריוואַטע קאָנפערענצן בײַ זיינע פריינט אין דער היים האָט איזלי גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן ווייערעק'ן. אויף איין פאַרזאַמלונג האָט ער זיך באַרימט, אַז ווייערעק „קאָאָפּערירט" דורך אים מיט סאַירוס אַדלער פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע". אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, וואו עס זיינען אָנוועזנד געווען אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, האָט איזלי פאָרגעלייענט אַ בריוו וואָס ער האָט געשיקט צו מאָריס וואַלדמאַן, סעקרעטאַר פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", וואו עס איז דערקלערט געוואָרן דער פאָרשלאָג פון דער „גוד וויל" קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט באַשטיין פון 33 אידן, 33 דייטשן, 33 אַמעריקאַנער, און איין מאַן, וואָס האָט געזאָלט באַשטימט ווערן פון פּרעזידענט רוזוועלט אַלס טשערמאַן.

בעת די דאָזיקע קאָנפערענצן זיינען אָנגעגאַנגען האָט איזלי איבערצייגט וואַלדמאַנ'ען פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", אַז איינע פון די זאַכן וואָס די אידן, וועלכע באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, דאַרפן טאָן, איז ווייזן אַז ניט אַלע קאָמוניסטן זיינען אידן און ניט אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן. די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", זייענדיק קעגנעריש צו קאָמוניזם בכלל, האָט אָנגעהאַלטן אירע פאַרבינדונגען מיט איזלי'ן, מיט דער רעכענונג, אַז אַזוי אַרום וועט אפשר אָפּגעשוואַכט ווערן דער שטייגנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע.

אָבער בעת די דאָזיקע קאָנפערענצן זיינען אָנגעגאַנגען, מיט דעם נאַציאַגענט ווייערעק אין הינטערגרונד, האָט איזלי אים צוגעשטעלט קאָנפידענציעלע באַריכטן וועגן די טעטיקייטן און פּלענער פון די אידן און האָט אויך פאַרגעשלאָגן פּלענער, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן פאַר די נאַצים צו שאַפן פאַר זיך פּובליסיטי. איך גיב אָן, צום ביישפּיל, דעם בריוו, וואָס איז דאַטירט יוני 6, 1933, וועלכן איזלי האָט געשיקט צו ווייערעק'ן. איך אונטערשטרייך אַ צאָל אויסדרוקן:

„קאָנפידענציעל

„מר. דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק,
628 וועסט 113טע סטריט,
ניו יאָרק, נ. י.
טייערער מר. וויערעק:

איך האָב נאָר וואָס אויסגעפונען פון מר. וואַלדמאַן, אַז ער וועט מיר מאָרגן צושטעלן אַ פּראָיעקט פון דעם סטעיטמענט, וואָס די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" וועט אַרויסגעבן אין פּאַמפּלעט־פאָרם אָנהויב וואָך און וואָס וועט אַנטהאַלטן די גאַנצע אָנקלאַגע פון די אידן קעגן דער היטלער־רעגירונג, מאַכנדיק באַשטימטע באַשולדיקונגען.

די רעקאָמענדאַציע איז, אַז ווען דער פּאַמפּלעט וועט אָנקומען, זאָל דער פּאַקטישער פּרעזידענט וואָל און גענעראַל דעלאַפילד, טשערמאַן פון אונ־זער קאָמיטע וועגן אויסלענדישע באַציאונגען, שרייבן צו דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", אַז די קלאַגן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו אונזערע דייטש־אַמעריקאַנער מיטגלידער, די הערן הערמאַן א. מעץ, בערנאַרד און וויקטאָר רידער און דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק, אַז זיי זאָלן דערויף ענטפערן. דער וואָל־דעלאַפילד בריוו, וואָס וועט אַרויסגעגעבן ווערן צו דער פּרעסע, וועט באַשרייבן די פאַרשיידענע טעטיקייטן פון דער קאָמיטע פון דער פעדערעישאַן אין דער דאָזיקער פראַגע, באַצייכענענדיק אַזוי אַרום אונזער עפנטלעכן אַריינטריט אין דער דאָזיקער סיטואַציע. אויף וויפיל איך ווייס, זיינען מיר די איינציקע אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד אָדער וואו ניט איז, וואָס נעמט זיך אונטער צו זיין די פאַרמיטלער אין דעם דאָזיקן קריטישן סיכסוך, בעת אַלע אַנדערע זיינען פּראָפּאַגאַנדע־קערפּערשאַפטן אויף איין זייט אָדער אויף דער אַנדערער.

דער ענטפער אויף דעם פּאַמפּלעט פון דער „אַמעריקאַן דזשו־איש קאָמיטע וועט, פאַרשטייט זיך, עפענען דעם וועג פאַר דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד פאַר־צוברענגען אַלע אירע טענות. עס איז מעגלעך, אַז אונזער קאָמיטע וועט באַשליסן, אַז די סיטואַציע האָט ווידער דערגרייכט צו אַ פּונקט, וואו מיר וועלן קאָנען אַפּעלירן אויף איין זייט צו דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס אָפּצושטעלן דעם באָיקאָט קעגן דייטשע סחורות דאָ אין לאַנד, און פון דער אַנדערער זייט — צו דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַראָפּצונעמען אָדער צום ווייניקסטן צו פאַרמילדערן די מער דראַס־טישע באַשרענקונגען אויף אידן אין דייטשלאַנד.

אויפריכטיק אייערער,
(אונטערגעשריבן) ראַלף מ. איזלי."

דער דאָזיקער קונציקער פּלאַן אָפּצושטעלן דעם באָיקאָט און געבן די נאַצים אַ געלעגנהייט אַרויסצוקומען מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די אידן און דעם באָיקאָט, האָט זיך ניט איינגעגעבן. די אידן, כאָטש זיי האָבן ניט געוואוסט אַז איזלי שמעלט צו באַריכטן צו וויערעק'ן, זיינען געוואָרן עטוואָס פאַרדעכטיק וועגן מר. איזלי'ס פּלוצימדיקן אינטערעס. דאָס איז געוועזן באַ זיי אַן אינסטינקטיווער פאַרדאַכט. אַז זיי וועלן לייענען אָט־דעם קאָנ־פידענציעלן באַריכט וועלן זיי אפשר זיך איבערצייגן, אַז זייער אינסטינקט האָט זיי ניט אָפּגענאַרט. איזלי איז נאָך אַלץ פאַראינטערעסירט אָפּצושטעלן דעם באָיקאָט. אפשר קאָנען די רייכע אידן, וואָס מאַכן ביישטייערונגען צו איזלי'ס און וואָל'ס אָרגאַניזאַציע, דערקלערן די טעטיקייטן פון דעם טשער־

מאַן פון דעם עקזעקוטיוו־קאָונסיל פון דער סיוויק פעדערעישאָן, וואו וואָל איז דער פאַקטישער פּרעזידענט, ספּעציעל נאָך דעם ווי די אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר איז אָפן אַרויסגעקומען פאַרן באָיקאָט. פאַראַן אַ סך אידן אין דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, וואָס האַלטן ניט פון אינטריגירן הינטער די קוליסן און באַריכטן צו היטלער'ס אַגענטן.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אַף אַנדערע טעטיקייטן פון אָט־דעם „פּראָפעסיאָנעלן פּאַטריאָט", וואָס האָבן צו טאָן מיט פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

ווען ווירעק איז צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד אין אָקטאָבער און ס'האָבן זיך באַ אים פלוצים באַוויזן גרויסע סומען געלט, איז דער „פּאַטריאָטישער" מר. איזלי געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין פאַרשפּרייטן אַדאָלף עהרט'ס בוך, „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד". דער בוך האָט געזאָלט זיין אַן אַטאַקע אַף קאָמוניסטן און האָט אין דער אמת'ן אַנטהאַלטן קונציק־דורכגעשמוגלטע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. מיט דער הילף פון ווירעק'ן, וועלכער האָט מאַנעווורירט הינטער די קוליסן, האָט איזלי איינגעלייגט וועלטן, אַז אידן זאָלן אינדאָרסירן דעם בוך. ווירעק און איזלי האָבן געוואָלט האָבן דעם נאָמען פון אַ פּראָמינענטן אידן פאַר דעם דאָזיקן צוועק, און איזלי האָט געשריבן צו מאָריס וואַלדמאַן, סעקרעטאַר פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", שיקנדיק אים אַן עקזעמפּלאַר פון דעם בוך מיט אַ פאַרלאַנג, אַז וואַלדמאַן זאָל קריגן די גוטהייסונג פון ריכטער דזשאָזעף פּראָסקאַוער פאַר דעם בוך. דער בריוו, דאַטירט אָקטאָבער 16, 1933, פאָלגט:

„טייערער מר. וואַלדמאַן:

אין איינקלאַנג מיט אונזער טעלעפאָן־געשפּרעך שיק איך אייך, פאַר אייער קאָנפידענציעלער אינפאָרמאַציע, אַן עקזעמפּלאַר פון דעם בוך, וואָס ווערט באַשריבן אין דער בייגעלייגטער קאָפּיע פון בריוו.

אַף אַ „לאָנטשעאָן" היינט פון אַ קאָמיטע, מיטן אָנטייל פון גענעראַל דזשאַן ראָס דעלאַפילד און קאָנגרעסמאַן האַמילטאָן פיש דזשוניאָר, האָבן די צוויי דזשענטלמענער פאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן זיך ווענדן צו ריכטער פּראָסקאַוער אָדער אַן אַנדער פּראָמינענטן פּאַטריאָטישן אידן אונטערצושרייבן מיט זיי צוזאַמען די פאָררעדע, וואָס ווערט דאָ בייגעלייגט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַזוי ווי ריכטער פּראָסקאַוער און אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָנסערוואַטיווער אידישער גרופּע, וואָס ער פאַרטרעט, זיינען פּונקט אַזוי ביטער אין זייער געגנערשאַפט צו קאָמוניזם ווי זיי אַליין, וועט ער אפשר זיין גרייט דאָס צו אינדאָרסירן.

אין יעדן פאַל, קוקט דאָס דורך און לאָזט מיר וויסן אייער מיינונג מאָרגן אינדערפרי און אויך אייער עצה צי עס איז ראַטזאַם צו קריגן די אונטערשריפט פון אַ אידן.

אויפריכטיק אייערער,
(אונטערגעשריבן) ראַלף מ. איזלי."

וואַלדמאַן האָט דורכגעלייענט דעם בוך. פּראָסקאַוער אויך. כאָטש זייער שנאה צו קאָמוניזם איז גרויס, האָבן זיי באַ זיך ניט געקאָנט פּועל'ן צו אינדאָרסירן אַ בוך, וואָס איז אַזוי אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטיש, און

!פּרואווט פאַרקויפן אַנטיסעמיטיזם צו אידן

AMERICAN SECTION OF INTERNATIONAL COMMITTEE
TO COMBAT THE WORLD MENACE OF COMMUNISM

RALPH M. EASLEY, Chairman Executive Committee

HOTEL LEXINGTON, LEXINGTON AVENUE AT 48TH STREET
NEW YORK, N. Y.

Confidential

ADVISORY COMMITTEE

WALTER C. COLE (Chairman, Council of National Defense, Detroit Board of Commerce) Detroit, Mich.

BRIG. GEN. JOHN ROSS DELAFIELD (Commander-in-Chief, Military Order of the World War) New York.

RALPH M. EASLEY (Politico-Economic Writer) New York

HAMILTON FISH, JR. (Formerly Chairman, Congressional Committee to Investigate Activities and Propaganda of the Communists in the U. S.) Garrison, N. Y.

ELON HUNTINGTON HOOKER (Chairman, American Defense Society) New York.

F. O. JOHNSON (President, Better American Federation) Los Angeles, Cal.

LT. COL. ORVEL JOHNSON (R.O.T.C. Association of the United States) Washington, D. C.

HARRY A. JUNG (American Vigilant Intelligence Federation) Chicago, Ill.

SAMUEL MCROBERTS (Banker) New York.

C. G. NORMAN (Chairman, Building Trades Employers' Association) New York.

ELLIS SEARLES (Editor, *The United Mine Worker*) Indianapolis, Ind.

WALTER S. STEELE, (National Re-

December 5, 1933.

Mr. Morris Waldman,
Secretary American Jewish Committee,
171 Madison Avenue,
New York City.

Dear Mr. Waldman:

Herewith is the matter which I promised to send you. Also I enclose a paragraph from John Spargo's letter to me of December second and a paragraph from a previous letter of his which, as shown by the enclosed copy of correspondence, I referred to Viereck.

Sincerely yours,

(Ralph M. Easley)
570 Lexington Avenue

(Enc)

ראַלף איזלי'ס בריוו צו מאָריס וואַלדמאַן פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", אין וועלכן ער פּרואווט באַווייזן, אַז דער אַנטי־סעמיטישער בוך „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד" איז גוט פאַר אידן. ער פאַררופט זיך אַף דער מיינונג פון דזשאָן ספּאַרגאָ, אַ געוועזענעם פירער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז לעצטנס געווען אַ פּרעס־אַגענט בּאַ דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

פּראָסקאַוער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זיין אונטערשריפט. דער בוך האָט אָבער געמוזט פאַרשפּרייט ווערן, לויט די פּלענער פון די נאַצי־אַגענטן, און ניט געקוקט דערויף, וואָס די דערמאָנטע אידן האָבן געצויגן איזלי'ס אויפמערקזאַמקייט צום אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער פון דעם בוך און האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אים צו אינדאָרסירן, האָט איזלי זיך גענומען פאַרשפּרייטן דעם בוך מאַסנווייז. דער בוך איז פאַרשפּרייט געוואָרן פריי פון דעם אָפיס פון דער נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן. איזלי'ס ווייב, גערטרוד ביקס איזלי, וואָס אַרבעט שטענדיק מיט אים, האָט געהאַט אויפזיכט איבער דער פאַרשפּרייטונג און האָט איינמאָל געגעבן הונדערט עקזעמפּלאַרן צו וויליאַם דאַדלי פּעלי פון די „סילווער שוירטס". אין דער צייט, ווען דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער מאַטעריאַל איז פאַרשפּרייט געוואָרן, האָבן די איזלים געהאַלטן אין פאַרזיכערן יעדן איינעם, אַז די נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן האָט געדרוקט דעם בוך און אַז דער בוך ווערט פאַרשפּרייט ווי אַ מיטל פון קאַמף קעגן קאָמוניזם.

בריוו פון ריכטער פּראָסקאַוער צו ראַלף איזלי און גענעראַל דעלאַפילד

(די פאָלגענדע בריוו פון ריכטער פּראָסקאַוער צו די צוויי פירער פון דער נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן, ראַלף איזלי און גענעראַל דעלאַפילד, ווייזן, אַז איזלי און זיינע קאָלעגן זיינען באַצייטנס געוואָרנט געוואָרן וועגן דעם בוך „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד". ניט געקוקט אַף דער וואָרנונג האָט איזלי פאַרשפּרייט דעם בוך אין די טויזנטער.)

אָקטאָבער 27, 1933.

גענעראַל דזשאָן ראָס דעלאַפילד,
20 עקסטשיינדזש פּלעיס,
ניו יאָרק.

טייערער גענעראַל דעלאַפילד:

מיט אַ צייט צוריק האָט מר. וואַלדמאַן פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" מיר געשיקט אַ קאָנפידענציעלן בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון מר. איזלי, אין וועלכן עס ווערט דערקלערט, אַז איר און קאָנגרעסמאַן האַמילטאָן פיש האָבן פאָרגעשלאָגן מען זאָל מיך בעטן אונטערשרייבן די פאָררעדע צו דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע פון דר. אַדאָלף עהרט'ס בוך וועגן קאָמוניזם.

איך דאַרף קוים זאָגן, אַז איך בין ניט קיין קאָמוניסט. ס'איז אָבער אומגלויבלעך, אַז די נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן זאָל זיך לאָזן פאַרפירן און געבן איר שטעמפּל פון הסכמה צו אָט-דעם ווערק. דער בוך איז אָן ספק אַ שטיק ספּעציעלע פּראָפּאַגאַנדע אין דער איצטיקער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. אויב איר האָט וועלכן ס'איז צווייפל אין דער דאָזיקער פראַגע, וואָלט איך וועלן **איר זאָלט בעטן מר. איזלי'ן**, אַז ער זאָל אייך צושיקן אַ קאָפּיע פון מר. וואַלדמאַנ'ס בריוו צו אים פון דעם 18טן אָקטאָבער. קיין אָרגאַניזאַציע קאָן ניט אונטערשטיצן און פאַרשפּרייטן אַ בוך, וואָס אַנטהאַלט אַזוינע סטעיטמענטס ווי מר. וואַלדמאַן ציטירט, ניט ווערנדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ באַשטימטער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע; און די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט קאָן ניט אויסגעמיטן ווערן דורך אַ הוילער באַהויפּטונג, אַז דער בוך האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט אַנטיסעמיטיזם.

איך האָף, אַז די נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן, אין וועלכער איך בין טיף פאַראינטערעסירט, וועט ניט מאַכן אַזאַ פאַלשן שריט.

איבערגעגעבן אייערער,
(אונטערגעשריבן) דזשאָזעף מ. פּראָסקאַוער.

נאָוועמבער 1, 1933.

ראַלף מ. איזלי,
750 לעקסינגטאָן עוועניו,
ניו יאָרק.

טייערער מר. איזלי:

דער אָפיס פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" האָט, אין דער אָפּוועזנהייט פון מר. וואַלדמאַן, געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט צו אייער קאָרעספּאָנדענץ מיט אים וועגן דר. עהרט'ס בוך.

יעדער בוך, וואָס אידענטיפיצירט אידן מיט קאָמוניסטן, דירעקט אָדער דורך אינסינואַציעס, איז אַן אַנטיסעמיטישער בוך. דאָס איז די עצם זאַך. דאָס איבעריקע איז באַפּוצונג.

כדי צו באַקעמפן קאָמוניזם, וואָס אין דעם בין איך מיט אייך, איז ניט נויטיק צו גלאָריפיצירן היטלעריזם און אַרויסלאָזן אַ בוך, וואָס לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט צו באַטאָנען דעם צופעליקן צוזאַמענפאַל, אַז אַ געוויסער קאָמוניסט איז אַ איד.

איך האָף אויפריכטיק, אַז דער דאָזיקער פּראָיעקט וועט פאַרוואָרפן ווערן.

איבערגעגעבן אייערער,
(אונטערגעשריבן) דזשאָזעף מ. פּראָסקאַוער.

איזלי האָט אָבער ניט דערציילט, אַז דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער בוך, „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד", איז אימפּאָרטירט געוואָרן פון דייטשלאַנד דורך דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. צוואַנציק טויזנט עקזעמפּלאַרן פון דעם בוך זיינען אָנגעקומען אַהער דעם 11טן אָקטאָבער, 1933, אַפן נאָמען פון דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק, וועלכער האָט באַצאָלט דעם טאַריף אַף זיי.

לאָמיר דאָ ציטירן אַ שטעל פון אַ געהיימען באַריכט, וואָס איזלי האָט געשיקט צו וויערעק'ן דעם 13טן יולי, 1933:

„טייערער מר. וויערעק:

נאָך דעם ווי איך האָב אַרומגעקלערט די סיטואַציע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון מיין פאָרשלאַג, אַז איר זאָלט זען, אַז אייערע פריינט אין דייטשלאַנד זאָלן ענטפערן אַף די סטעיטמענטס אין דעם פּאַמפלעט „די אידן אין נאַצי־דייטשלאַנד", וואָס ווערט אָנגעגעבן ווי אַ „פאַקטישער רעקאָרד פון זייער פאַרפאָלגונג דורך די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן" און איז אַרויסגעגעבן פון דער ניו יאָרקער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", ווייס איך ניט צי ס'וואָלט ניט געווען בעסער, אַז אנשטאָט צו ענטפערן אַף דעם מעמאָראַנדום זאָל די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַליין צוגרייטן אַ סטעיטמענט, געשטיצט אַף דאָקומענטאַלע באַווייזן, און אָנווייזן אַף דער גאַנצער אונטערגראָבנדיקער אַרבעט, אין וועלכער זי באַשולדיקט די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד."

אפשר וועלן סיי אידן און סיי קריסטן, וואָס האָבן בייגעשטייערט געלט צו דער פּעדערעישאָן, גלויבנדיק אַז זיי באַקעמפן דערמיט דעם קאָמוניזם, זיך נעמען אויספאָרשן אָט־די מאָדנע פאַרבינדונגען פון אָט־דעם „פּאַטריאָט", וועלכער האָט לעצטן פרילינג פּערזענלעך זיך געווענדט צום אונטער־סעקרעטאַר פיליפּ פון סטעיט דעפּאַרטמענט, מיט אַ פאַרזוך אָפּצושטעלן דעם באָיקאָט קעגן דייטשע סחורות — גראָד דאָס וואָס דער נאַצי־אַגענט וויערעק האָט פאַרלאַנגט.

איך גיב דאָ אָן דעם בריוו מיט די פראַגן, וואָס איך האָב געשיקט צו איזלי'ן.

„אָקטאָבער 26, 1934.

„מיין טייערער מר. איזלי:

אייער סעקרעטאַרשע האָט מיך אינפאָרמירט היינט אינדערפרי, אַז לויט דער עצה פון אייער לאָיער ווילט איר ניט, אַז איך זאָל אייך אינטערוויוּירן וועגן די אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן, וואָס איר האָט אָנגעפירט אונטער דער מאַסקע פון באַקעמפן קאָמוניזם. זי האָט אויך געזאָגט, אַז אייער לאָיער האָט אייך געראַטן איך זאָל אייך צושטעלן געשריבענע פראַגן און אַז איר וועט „זיי נעמען אין באַטראַכט". איך שיק אייך דאָ די פראַגן, וואָס איך האָף אַז אייערע לאָיערס וועלן אייך דערלויבן אַף זיי צו ענטפערן.

1. אין אייער קאַמף קעגן קאָמוניזם האָט איר פאַרשפּרייט אַ בוך מיטן

נאָמען „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד", וואָס אַנטהאַלט אַנטיסעמיטישע פּראָ־פּאַגאַנדע. וואו האָט איר געקראָגן דעם בוך?

2. האָט איר געוואוסט, אַז דעם בוך האָט אַהער אימפּאָרטירט דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק, אַ נאַצי־אַגענט?

3. פאַרוואָס האָט איר געפּראוואוט צו קריגן די אינדאָרסירונג פון ריכטער פּראָסקאַוער אָדער אַנדערע פּראָמינענטע אידן? און פאַרוואָס האָט ריכטער פּראָסקאַוער זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן?

4. האָט איר זיך ווען אָנגעפרעגט בּאַ דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק אָדער באַ וועמען ס'ניט איז, ווער עס דעקט די קאָסטן פון דרוקן און צעשיקן דעם אַנטיסעמיטישן בוך, „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד", וואָס איר האָט פאַר־שפּרייט?

5. האָט איר פאַרדעכטיקט, אַז נאַצי־פּראָפּאַגאַנדיסטן זיינען געשטאַנען הינטער דער דאָזיקער אַטאַקע אויף די אידן, און אויב יאָ, פאַרוואָס האָט איר, ווי אַן אַמעריקאַנער „פּאַטריאָט", זיך אונטערגענומען צו פאַרשפּרייטן אַ בוך, וואָס איר האָט געוואוסט, אַז ער אַנטהאַלט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע?

6. וויפיל געלט האָט איר געקראָגן פון דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק אויף צו דעקן די קאָסטן פון פאַרשפּרייטן דעם אַנטיסעמיטישן בוך?

7. וויפיל געלט האָט געקראָגן אייער ווייב, וואָס איז אייער אַסיסטענט, אויף צו דעקן די אויסגאַבן פון פאַרשפּרייטן דעם בוך?

8. אייער ווייב האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אין גיכן וועט זי האָבן אַן אייגענעם אָפיס פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אָט־דעם אַנטיסעמיטישן בוך. ווער האָט געזאָלט צאָלן פאַר איר אָפיס, וועגן וועלכן זי האָט דער־ציילט צו טעלעכע פון אירע אינטימע פריינט?

9. איר בעט און קריגט בּיישטייערונגען פאַר אַנטי־קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. וויפיל האָט איר געקראָגן פון רייכע אידן און וואָס פאַר אַ טייל דערפון איז באַנוצט געוואָרן אויף צו פאַרשפּרייטן דעם אַנטיסעמיטישן בוך?

10. פאַרוואָס האָט איר ניט אינפאָרמירט דעם עולם אָדער דעם ריכטער פּראָסקאַוער און אַנדערע פּראָמינענטע אידן, בּאַ וועמען איר האָט געוואָלט קריגן אַן ענדאָרסמענט פאַר דעם בוך, אַז דעם בוך האָט אימפּאָרטירט אַהער דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק?

11. האָט איר אינפאָרמירט אייערע קאָלעגן, ווי צום בּיישפּיל, גענעראַל דעלאָפילד, ווען איר האָט מיט זיי און פּראָמינענטע אידן אָפּגעהאַלטן געהיימע בּאַראַטונגען וועגן בּאַקעמפן אַנטיסעמיטיזם, אַז די דאָזיקע בּאַראַטונגען האָט איר געהאַלטן לויט דער עצה פון דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק? איך האָב דאָ אין זינען אייער פאָרשלאָג וועגן דער קאָמיטע פון 100, וואָס איר האָט געפּרואווט גרינדן.

12. אַזוי ווי אייער קאַמף איז קעגן קאָמוניזם און ראַדיקאַליזם, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אייער פאַרזוך אָפּצושטעלן דעם אידישן בּאָיקאָט אויף דייטשע סחורות דאָ אין לאַנד?

13. די אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבּאָר, וואו מעטיו וואָל איז אַ וויים־פּרעזידענט, האָט זיך אָפן דערקלערט פאַר אַ בּאָיקאָט אויף דייטשע סחורות. מעטיו וואָל איז אויך דער פאַקטישער פּרעזידענט פון דער נעשאַנאַל סיוויק פעדערעישאַן. האָט איר דערציילט מר. וואָל'ן וועגן אייער טעטיקייט צו פּרואוון אָפּשטעלן דעם בּאָיקאָט, און וואָס האָט ער אייך געזאָגט?

14. צו וואָס זייט איר געגאַנגען אין סטעיט דעפּאַרטמענט און גערעדט

מיט אונטער־סעקרעטאַר פיליפּס וועגן אָפּשטעלן דעם אידישן באָיקאָט אַף דייטשע סחורות ? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט קאָמוניזם ?

15. פאַרוואָס האָט איר באַריכטעט קאָנפידענציעל צו דזשאָרדזש סיל־וועסטער וויערעק וועגן די טעטיקייטן פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָ־מיטע", אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַף צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע ?

16. פאַרוואָס האָט איר געפירט אינטריגעס, אַז די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" זאָל אַרויסגעבן אַ סטעיטמענט, וואָס זאָל שאַפן אַ געלעגנהייט פאַר דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד אַרויסצוקומען מיט פּראָפּאַגאַנדע צו פאַרטיידיקן אירע אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן, און פאַר־וואָס האָט איר קאָנפידענציעל באַריכטעט וועגן דעם צו וויערעק'ן, דעם נאַצי־אַגענט ?

17. איר האָט געהאַט אַ געהיימע באַגעגעניש אין דער היים פון דר. שטיין, 735 פּאַרק עווענױ, מיט ראָיאַל סקאָט גולדען, הויפּט פון דעם גע־היימען שפּיאָנישן „אָרדער אָוו 76' ", וועלכער פירט אַן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווי איר ווייסט ? וואָס זיינען אייערע פאַרבינדונגען מיט גולדען'ען ?

18. האָט איר זיך געטראָפן מיט קוירנעל עדווין עמערסאָן, דעם אַנטי־סעמיטישן נאַצי־אַגענט דאָ אין לאַנד ? וואָס איז געווען דער צוועק פון אייערע באַגעגענישן ?

19. האָט איר זיך געטראָפן מיט סידני ברוקס פון דער רעפּובליקאַנער סענאַט און קאָנגרעס קאַמפּעין־קאָמיטע, דעם זון פון קוירנעל עדווין עמער־סאָן, און צוליב וועלכן צוועק האָט איר זיך מיט אים געטראָפן ?

20. אייער ווייב האָט פאַרשפּרייט דעם אַנטיסעמיטישן בוך, „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד", און געגעבן פרייע עקזעמפּלאַרן צו וויליאַם דאַדלי פּעלי פון די „סילווער שוירטס". האָט וויערעק געראָטן אים צו געבן פרייע עקזעמפּלאַרן ?

21. וואָס נאָך פאַר אַ פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, אימפּאָרטירט פון דייטש־לאַנד, האָט אייך וויערעק געגעבן צו פאַרשפּרייטן ?

22. וועלכע פינאַנציעלעביישטייערונגען האָט איר געקראָגן פון נאַצי־אַגענטן אַף צו פאַרשפּרייטן דעם מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן דאָ געוואָלט פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד ?

(אונטערגעשריבן) דזשאָן ל. ספּיוואַק."

אַף דעם דאָזיקן בריוו האָב איך געקראָגן אַן ענטפער פון אַרטשיבאַלד ע. סטיווענסאָן, אין וועלכן ער דערקלערט אַז ער האָט, אַלס איזלי'ס לאָיער, אים געראָטן ניט צו ענטפערן אַף מיינע פראַגן. ער האָט אויך געסטראַשעט אָנצוקלאָגן מיך פאַר „לאַיבל", אויב איך וועל פאַרעפנטלעכן באַהויפּטונגען, אַז איזלי, זיין פרוי אָדער מעטיו וואָל האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אָדער זיינען געווען פאַרבונדן מיט וועלכער ס'ניט איז פּראָ־נאַצי באַוועגונג. די פאַקטן, וואָס איך האָב אָנגעגעבן, האָט אָבער אַרטשיבאַלד סטיווענסאָן ניט געקאָנט אָפּלייקענען.

VII

ווער האָט באַצאָלט וואיאָלאַ אילמאַ׳ס רייזע-קאָסטן?

דער אַנטיסעמיטיזם איז בלויז איין פּאָזע פון דייטשן פאַשיזם. היטלער האָט געדאַרפט האָבן דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ תירוץ פאַר דעם קריזיס און דער צעפאַלונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דייטשלאַנד, כדי אָפּצו־האַלטן די דייטשע מאַסן פון רעוואָלטירן קעגן דער אמת׳ער אורזאַך — קאַ־פּיטאַליזם. אָט דערפאַר טראָגט אין זיך דער פאַשיזם אומעטום, באַזונדער אין אַ לאַנד מיט מיליאָנען אידן, די זוימען פון אַנטיסעמיטיזם.

צוליב דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם איז דעריבער נויטיק צו אונטער־זוכן יעדע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע און פעסטשטעלן אַף ווי ווייט זי איז פאַרבונדן מיט דער נאַצי־באַוועגונג, דער היינטיקער הויפּט־צענטער פון אַנטי־סעמיטישער טעטיקייט אין דער וועלט.

אין מיין אויספאָרשונג פון פאַשיסטישע טעטיקייטן אין אַמעריקע האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יוגנט־באַוועגונג, וואָס ווערט אָנגעפירט פון וואיאָלאַ אילמאַ. די דאָזיקע באַוועגונג איז לעצטן זומער באַ־קאַנט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד דורך דעם יוגנט־קאָנגרעס אין דעם ניו יאָרקער אוניווערזיטעט, אונטער וואיאָלאַ אילמאַ׳ס אויפזיכט.

יענער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט. דער אָפיציעלער ציל זיינער איז געווען צו דערגרייכן „נאַציאָנאַלע אייניקייט פון דער אַמערי־קאַנער יוגנט״. דער דאָזיקער קאָנגרעס איז שטאַרק רעקלאַמירט געוואָרן אין דער פּרעסע. די צייטונגען האָבן אַ סך געשריבן וועגן דער יונגער, שיינער גריינדערין פון דער „יוגנט־באַוועגונג״, וואיאָלאַ אילמאַ פון ניו יאָרק, וואַ־שינגטאָן, לאָנדאָן, זשענעווע, בערלין און אַנדערע ערטער.

די צייטונגען און אירע אייגענע מיטאַרבעטער אין דער יוגנט־באַוועגונג האָבן אָבער ניט געוואוסט, אַז אָט־די גרויסע פּאַטריאָטקע איז אפילו ניט זיכער צי זי איז אַ בירגערין פון לאַנד, און אַז דער יוגנט־קאָנגרעס איז גע־רופן געוואָרן נאָך אַ רייזע, וואָס וואיאָלאַ אילמאַ האָט געמאַכט קיין דייטש־לאַנד, וואו זי האָט זיך געזען מיט הויכע נאַצי־באַאַמטע און געקראָגן געלט פאַר אירע רייזעס אין פאַרשיידענע לענדער.

אגב, דער יוגנט־קאָנגרעס לעצטן אויגוסט אין דעם ניו יאָרקער אוניווער־זיטעט איז, ווי באַוואוסט, אָפּגעבראָכן געוואָרן. ראַדיקאַלע און ליבעראַלע סטודענטן, וועלכע זיינען געקומען צום קאָנגרעס, האָבן באַלד דערשמעקט פאַשיזם. זיי האָבן זיך דעריבער באַלד אָרגאַניזירט אין אַן אָפּאָזיציע און ארויסגענומען דעם קאָנגרעס פון מיס אילמאַ׳ס הענט. דער פאַרזוך צו גריינדן

א „יוגנט־באַוועגונג" אין אַמעריקע, וואָס זאָל שפּילן די זעלבע ראָל, ווי די היטלער־יוגנט האָט געשפּילט אין דייטשלאַנד, איז דערמיט, אַף א צייט ווייניקסטנס, צעשמעטערט געוואָרן.

איצט איז מיס אילמא אויסגעבונדן מיט די העכסטע פּאָליטישע קרייזן פון לאַנד, וועלכע ווייסן אירע נאַצישע סימפּאַטיעס. ס'איז באַוואוסט, למשל, אַז אין א רעדע פאַר א פרויען־קלוב אין פּאַריז, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט פון בערלין, האָט מיס אילמא געזאָגט: „היטלער איז גרעסער ווי וועלכער אַנדערער פּאָליטיקער, וואָס איך קען." אין פּריוואַטע געשפּרעכן האָט די זעלבע מיס אילמא פּאַרטיידיקט היטלער'ס האַנדלונגען קעגן די אידן.

איידער איך האָב באַשלאָסן צו זען זיך מיט מיס וואַיאָלאַ אילמא האָב איך אויסגעפונען א ריי איינצעלהייטן וועגן איר טעטיקייט. איך האָב געוואוסט, אַז איידער זי איז אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד דעם 7טן סעפּטעמבער, 1933, האָט זי קיין אייגענעם סענט ניט געהאַט. פונדעסטוועגן איז זי דערנאָך ברייט אַרומגעפאָרן אין אייראָפּע. איך האָב אויך געוואוסט, אַז זי האָט מיט זיך געהאַט רעקאָמענדאַציע־בריוו פון געוויסע פּערזאָנען צו הויכע נאַצי־פירער.

באַוואָפנט מיט אָט־די און אַנדערע פאַקטן, בין איך אַוועק צו איר נאָך אַן אינטערוויו. איר אַפּאַרטמענט אַף וועסט 103טער גאַס, ניו יאָרק, וואו זי וואוינט מיט אירע עלטערן, איז ניט קיין רייכער. אויסערליך מאַכט זי ניט קיין שלעכטן איינדרוק — זי איז יונג (24 יאָר אַלט), שיין און חנ'עוודיק.

איך בין גלייך צוגעטראָטן צום פונקט:

— איר האָט ניט קיין געלט, דאָך פאָרט איר אויס א וועלט. וואו נעמט איר געלט אַף אָנצופירן אייער באַוועגונג?

זי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. אַנשטאָט ענטפערן אַף מיין פראַגע האָט זי מיר דערציילט וועגן אירע האָפענונגען צו פאַראייניקן די יוגנט־באַוועגונגען איבערן לאַנד.

איך האָב זי ווידער געפרעגט:

— וואו האָט איר גענומען געלט אָנצופירן אייער אַרבעט?

— איך האָב געקראָגן 500 דאָלאַר פון אַרטור גאַרפילד העיז, ען מאָרגאַן און קריסטאָפער מאָרלי, — האָט זי ענדלעך געענטפערט. — זיי האָבן מיר געגעבן געלט פאַר מיין זשורנאַל „מאָדערן יוט" („מאָדערנע יוגנט"), וועלכער איז ענדלעך אונטערגעגאַנגען. איך האָב צונויפגעזאַמלט אַרום $1,500 פאַרן קאָנגרעס און אַרום $300 איז מיר נאָך איבערגעבליבן.

— דאָס איז געווען אין אויגוסט. וואו נעמט איר געלט אַף אייער ווייטערדיקער טעטיקייט? — האָב איך זי ניט אָפּגעלאָזט.

זי האָט מיר געפּרוווט דערקלערן, אַז זי קריגט געלט פון אירע עלטערן. אָבער אירע עלטערן זיינען מוזיק־לערער און ווייט פון רייך.

איך בין איבערגעגאַנגען צו א צווייטער פראַגע:

— דער איינציקער מאָטיוו פון אייער יוגנט־טעטיקייט איז פּאַטריאָטיזם און ניט קיין אַנדער זאַך?

— בלויז דאָס און ניט קיין אַנדער זאַך.
— אַזוי ! — האָב איך געזאָגט. — זייט איר אַן אַמעריקאַנער בירגערין?
— אוודאי ! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ טאָן פון צאָרן.
— געבוירן אין אַמעריקע ?
— ניין, איך בין געבוירן געוואָרן אין מאַינץ, דייטשלאַנד. איך בין אַלט געווען דריי יאָר ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע.
— איז אייער פאָטער אַן אַמעריקאַנער בירגער?
— ניין, ער איז אַ שווייצארישער בירגער.
— נו, אויב אייער פאָטער איז אַ שווייצאַרישער בירגער, האָט איר דאָך מסתמא אַרויסגענומען בירגער־פּאַפּירן ?
זי איז ווידער אין כעס געוואָרן :
— צו וואָס דאַרפט איר דאָס אַלץ וויסן ! וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער באַוועגונג?
— ס'האָט בלויז צו טאָן דערמיט, וואָס איר זאָגט, אַז אייער איינציקער מאָטיוו איז פּאַטריאָטיזם און צום סוף זייט איר גאָר אפילו קיין בירגערין נים. האָט ניט אַרטור גאַרפילד העיז געפּרואווט אַרויסנעמען בירגער־פּאַפּירן פאַר אייך ?
— ניין, ס'הויבט זיך ניט אָן ! — האָט זי אויסגעשריען.
— אָ, אַנטשולדיקט, — האָב איך געזאָגט, — אָבער העיז האָט מיר גראָד געזאָגט, אַז ער האָט עס יאָ געטאָן פאַר אייך...
— אָ, אַרטור האָט אייך געזאָגט ! וועל, יאָ, ער האָט אַרויסגענומען בירגער־פּאַפּירן פאַר מיר אין 1931 אָדער 1932.
— העיז האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר אייך ניט געקאָנט קריגן קיין בירגער־פּאַפּירן, — האָב איך איר געזאָגט גלאַטס.
זי איז געבליבן געפּלעפט. ענדלעך האָט זי גענומען שטאַמלען :
— די לאַגע איז... איז... שטאַרק פאַרפּלאָנטערט. איך האָב טאַקע מורא געהאַט, אַז דאָס וועט באַקאַנט ווערן. דעריבער בין איך געפאָרן קיין וואַשינגטאָן. איך האָב געזען אַלע פּאַפּירן. מוז דאָס פאַרעפנטלעכט ווערן ?
— איר פאַרשטייט, — האָב איך איר געזאָגט, — איר זייט אַן עפנטלעכע פיגור. אייער מאָטיוו איז ריינער פּאַטריאָטיזם. דאָך זייט איר ערשט נאָכדעם ווי איר זייט צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד פּלוצים געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט צו ווערן אַ בירגערין.
— עס וואָלט געווען פאַרדאַמט לויזיק פאַר מיר, ווען דאָס זאָל איצט באַקאַנט ווערן, — האָט זי פּרייוויליק צוגעגעבן.
— פאַרוואָס האָט איר מיר געזאָגט, אַז איר זיינט אַבירגערין ?
— אָ ! — זי האָט זיך אומרואיק באַוועגט אויף איר פּלאַץ. — איר פאַרשטייט דען ניט ? כ'האָב ניט געוואָלט עס זאָל באַקאַנט ווערן.
— יאָ, כ'האָב זיך דאָס פאַרגעשטעלט.
— הערט אויס ! — זי האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר, און אירע ווירקלעך־צוציענדע אויגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. — אויב איר וועט

דאָס פּאַרעפּנטלעכן, וועט איר צעשמעטערן מיין גאַנצע ארבעט. דאַנקען גאָט, וואָס מיין פּאַטער איז ניט געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד. ס'וואָלט אויסגעזען נאָך לויזיקער. אָבער איך זע ניט צו וואָס עס איז נויטיק צו דערציילן, אַז איך בין אַ פרעמד־געבוירענע.

— געוויינטלעך וואָלט דאָס ניט געווען נויטיק. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וויל ניט טאָן ווי גלאַט אַזוי. נאָר איר וועט צום סוף פון מיינע פראַגן פאַרשטיין פאַרוואָס ס'איז נויטיק צו פאַרעפּנטלעכן דעם פאַקט, אַז איר זיינט אַ פרעמד־געבוירענע, ניט קיין בירגערין, געבוירן אין דייטשלאַנד און פאַרט אַרום אַף אַ שווייצאַרישן פּאַס. אָבער לאָמיר איבערגיין צו אַן אַנדער פראַגע:

— וואָס איז געווען דער צוועק פון אייער רייזע קיין דייטשלאַנד און ווער האָט באַצאָלט פאַר דער רייזע?

— איך בין געפאָרן קיין זשענעווע, — האָט זי געענטפערט. — אָט איז מיין גאַנצע רייזע: פריער בין איך געווען אין לאָנדאָן, דערנאָך אין פּאַריז, זשענעווע, בערלין, ווידער זשענעווע, פּאַריז, לאָנדאָן, און צוריק אַהיים. דאָס אַלץ אין עטלעכע וואָכן. אין דייטשלאַנד בין איך געווען אינגאַנצן אַכט טעג. ווייסט איר, אַז אַרטור גאַרפילד העיז איז דאָרט געווען ווען איך בין דאָרט געווען?

— יאָ, איך ווייס, — האָב איך איר געענטפערט. — אָבער ווער האָט באַצאָלט אייערע הוצאות? איר האָט קיין אייגן געלט ניט געהאַט.

— מיינע הוצאות זיינען באַצאָלט געוואָרן פון דער „ניו היסטאָרי סאָסייעטי" (נייע געשיכטע־געזעלשאַפט), — האָט זי דערקלערט.

— וויפיל געלט האָבן זיי אייך געגעבן?

— זיי האָבן מיך געשיקט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן זאָגן, — האָט זי זיך געפּרואווט אַרויסדרייען.

— האָט אייך די „ניו היסטאָרי סאָסייעטי" געגעבן געלט? — בין איך צוגעשטאַנען.

— איך וויל ניט ——, און דאָ האָט זי זיך אינמיטן פאַרכאַפּט. — זיי האָבן מיך געשיקט. מער קאָן איך ניט זאָגן.

— זאָגט מיר דעם אמת, מיס אילמאַ. אייערע הוצאות זיינען באַצאָלט געוואָרן פון דער נאַצי־רעגירונג, ניט אמת?

זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— דאָס איז אַ פאַרדאַמטער ליגן! ניין, אַבסאָלוט ניין! — האָט זי זיך צעקוויטשעט. — איך קען קיינעם ניט פון דער דייטשער רעגירונג. איך האָב בלויז איינמאָל געהאַט אַ קורצן אינטערוויו מיט האַנפשטענגל...

— יאָ, איך ווייס דערפון, — האָב איך זי באַרואיקט.

— וואָס הייסט, — האָט זי געזאָגט, — אויב איר זאָלט זיך ווענדן אין דייטשן קאָנסולאַט, האָבן זיי דאָרט אפילו ניט מיין נאָמען. זייט איר דאָרט געווען? — האָט זי שנעל אַ פרעג געטאָן.

— ניין, ס'איז ניט געווען נויטיק, — האָב איך איר געענטפערט.

— איצט זאָגט מיר, — האָב איך פאַרגעזעצט, — ווען איר זייט געווען אין דייטשלאַנד האָט איר זיך דאָרט געזען מיט האַנפשטענגל'ען, ווי איר זאָגט. איז עס ניט אמת, אַז איר האָט זיך אויך געזען מיט געבעלס'ן, דעם נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער?

— יאָ, איך האָב זיך געזען מיט געבעלס'ן אין זשענעווע...

— ווי זייט איר צו אים צוגעקומען?

— איך בין בלויז געקומען צו אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, ווי איך טו דאָס אין וואַשינגטאָן, — האָט זי געענטפערט.

— איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט זיך איינמאָל געזען מיט האַנפשטענגל'ען. האָט איר ניט געזען זיך מיט אים מער ווי איינמאָל?

— אָ, יאָ. איך האָב זיך געזען מיט אים צוויי מאָל...

— ווי אַזוי זייט איר צוגעקומען צו האַנפשטענגל'ען? — האָב איך איר געפרעגט.

— איך בין צוגעקומען צו פוצי'ן (אַזוי רופט מען האַנפשטענגל'ען אינטים) דורך אַ פריינט. ער האָט מיר געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אים.

— ווי הייסט יענער פריינט אייערער?

— דאָס איז ניט נויטיק, — האָט זי געענטפערט.

— פאַרוואָס ווילט איר מיר ניט געבן דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן פריינט? — האָב איך זי ניט אָפּגעלאָזט.

— ס'איז ניטאָ קיין פאַרוואָס — מענטש — ס'איז ניטאָ קיין ענטפער אף דעם, — האָט זי ווידער גענומען זיך פּלאָנטערן.

— איז דער וואָס האָט אייך געגעבן דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פאַרבונדן מיט דער דייטשער רעגירונג? איז דאָס די אורזאַך פאַרוואָס איר ווילט ניט דערמאָנען זיין נאָמען?

— ניין! אבסאָלוט ניין! — האָט זי אויסגעשריען. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אָנגעהויבן גיין הין און צוריק איבערן צימער. — ער האָט ניט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער דייטשער רעגירונג, — האָט זי איבערגע'חזר'ט.

— איז ער קיינמאָל גאָרניט געווען פאַרבונדן מיט דער דייטשער רעגירונג?

— ניין! — האָט זי געענטפערט אף זיכער. — זיין נאָמען מאַכט ניט אויס...

— ס'מאַכט יאָ אויס, — האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין. — ספּעציעל ווען ער איז אַ מענטש, וואָס איז אַמאָל געזעסן אין טורמע אַלס דייטשער שפּיאָן...

זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרצאַפּלטע:

— וואָס — וואָס מיינט איר?

— איך מיין פשוט, אַז דער מענטש, וואָס האָט אייך געגעבן דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו — איר ווייסט דאָך ווער ער איז — עדוואַרד אַ. ראָמלי, — איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט צוויי פון אַרטור גאַרפילד

העיז'ס שותפים אין צייט פון דער וועלט־מלחמה אין פאַרבינדונג מיט דעם „ניו יאָרק איוונינג מעיל" סקאַנדאַל. איר האָט דאָך מסתמא געהערט, אַז מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ דייטשער אַגענט? אַלנפאַלס, ער האָט אייך געגעבן דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו, ניט אמת?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט שטיל.

— און ער האָט אייך געגעבן נאָך אַ בריוו צו באַראָן פאָן שמידט־פּאולי, איינער פון געבעלס'עס הויפּט־מיטאַרבעטער?

זי האָט געשוויגן.

איך האָב פאַרגעזעצט:

— און די בריוו האָבן געזאָגט, אַז מען זאָל אייך אויפנעמען מיט פריינטשאַפט און אויפמערקזאַמקייט און אַראַנזשירן פאַר אייך אינטער־וויוען מיט היטלער'ן, גערינג'ן און געבעלס'ן, — אַז איר זייט אַ וויכטיקע אַמעריקאַנער זשורנאַליסטקע און אַז איר קאָנט זיין זייער נוצלעך ווען איר וועט זיך אומקערן צו באַקענען אַמעריקע מיט דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דייטשלאַנד. איצט, זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט איר ניט געוואָלט אויסזאָגן ראָמלי'ס נאָמען?

— איך האָב ניט געוואָלט אַריינמישן אים, ווייל ער איז פאַרבונדן מיט דער „קאָמיטי פאָר דהי נעישאָן (קאָמיטעט פאַרן פאָלק")."

— ווייסט איר, הייסט עס, אַז ראָמלי איז דער סעקרעטאַר פון דער „קאָמיטי פאָר דהי נעישאָן", — האָב איך געזאָגט, — פונדעסטוועגן איז זיין נאָמען ניטאָ אף די אָפיציעלע בריוו פון דער אָרגאַניזאַציע. איר דאַרפט אויך וויסן, אַז ראָמלי'ס אָרגאַניזאַציע פירט אָן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַנט־ווערטן (מאַכן ביליק, ווערטלאָז) דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר. דאָס איז דער־פאַר וואָס די דייטשע רעגירונג געווינט מער פון אַלעמען פון דער פאַר־ביליקונג פונם דאָלאַר, ווייל זי איז שולדיק די גרעסטע חובות צו אַמעריקע.

זי האָט זיך פּלוצלונג געווענדט צו מיר מיט כעס:

— ווער האָט דאָס אייך אַלץ געזאָגט? האָט עס אַרטור (גאַרפילד העיז) אייך דערציילט? אויב איר ווילט אַלע פאַקטן, מעגט איר אייך פאַר־שרייבן, אַז איך האָב אים (אַרטור גאַרפילד העיז'ן) אויך געטראָפן דורך ראָמלי'ן. פאַרשרייבט עס.

— ניין, — האָב איך איר געענטפערט, — אַרטור האָט עס מיר ניט דערציילט. פאַרקערט, ער האָט אייך פאַרטיידיקט. אָבער איך וויל טאַקע אַלע פאַקטן.

— וועל, — האָט זי געזאָגט, — ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרויסגעבן מיין זשורנאַל האָט ראָמלי געזאָגט: „איר דאַרפט זיך באַקענען מיט אַרטור גאַרפילד העיז."

— מר. העיז איז געווען אין בערלין צו דעם רייכסטאַג־פייער פּראָצעס, — האָב איך באַמערקט, — האָט איר אים געזען אין בערלין צו יענער צייט?

— איך בין זיין טאָכטער'ס אַ חבר'טע, — האָט זי געענטפערט. — מיר זיינען אַלע געווען צוזאַמען.

— האָט איר אַמאָל גערעדט מיט אים וועגן דעם רייכסטאַג-פייער?

— וואָס איז דען? — וואָס מאַכט עס דען אויס?

— לאָמיר זיך פאָרשטעלן, — האָב איך געזאָגט, — אַז ארטור גאַרפילד העיז אַלס איינער פון די פאַרטיידיקער אין דעם רייכסטאַג-פייער פּראָצעס ווייסט, פאַרשטייט זיך, די פאַרטיידיקונגס-פּלענער. נו — איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן — איך זאָג ניט, אַז ס'איז אַזוי — מיר שטעלן זיך בלויז פאָר — אויב אַ שיינע מיידל, זיין טאָכטער'ס אַ חבר'טע, וועלכע ער איז אין גאַרניט חושד, זאָל אים האָבן געשטעלט פראַגן, וואָלט זי געקאָנט אַ סך אויסגעפינען, ניט אמת?

— יאָ, אָבער...

— איך ווייס, — האָב איך זי איבערגעשלאָגן. — ער האָט אייך ניט דערציילט קיין זאַך, וואָס ער וואָלט ניט דערציילט יעדן אַנדערן. ער האָט עס מיר דערקלערט. לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו ראַמלי'ן. ווי האָט איר זיך מיט אים באַקאַנט?

— אָ! — זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט מיט כעס.

— נו, גוט. האָט מר. ראַמלי אַמאָל באַצאָלט אייערע דרוק-חובות ווען איר האָט באַנקראָטירט?

— ניין, קיינמאָל ניט!

— ווייטער גוט. אָבער איר זייט געבראָכן. איר האָט ניט קיין איינקונפט. דאָך זייט איר לעצטע וואָך, ווען איר זייט געפאָרן קיין וואַשינגטאָן, פאַרפאָרן דירעקט אין דעם „העיז אַדאַמס האַוז”?

— יאָ.

— דאָרט איז אַ טייערער פּלאַץ. פאַרוואָס זייט איר פאַרפאָרן אַהינצו?

— ווייל ס'איז אַ פיינער פּלאַץ.

— דאָס איז אַ פיינע אורזאַך, — האָב איך אַ לאַך געטאָן. — שפּעטער זייט איר איינגעשטאַנען בא אייערער אַ פריינדין, מיס מאַרדזשערי וואַטסאָן, אין לאַסאַל אַפּאַרטמענטס, 1928 קאָנעטיקוט עוועניו, ניט אמת?

— יאָ.

— איר האָט דאָרט אָפּגעהאַלטן מיטינגען. האָט איר זיך דאָרט געטראָפן מיט איינעם אַ קורט ג. סעל?

— ווער איז ער? — האָט זי געפרעגט טאַמעוואַטע. — איך האָב פון אים קיינמאָל ניט געהערט.

— קורט ג. סעל איז דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער דייטשער נייעס-ביוראָ. דער זעלבער סעל האָט עס רעקאָמענדירט קורט ג. וו. לודעקע, קאָרעספּאָנדענט פון היטלער'ס „פעלקישער בעאָבאַכטער” צו די פּרעסע-קאָנפערענצן מיט פּרעזידענט רוזוועלט. לודעקע האָט זיך שפּעטער מודה געווען, אַז ער איז אַ נאַצי-פּראָפּאַגאַנדיסט.

— איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון קורט ג. סעל, — איז מיס אילמאַ באַשטאַנען אויף אירס.

— אויב אַזוי, — האָב איך געזאָגט, — וועל איך אייך לייענען נאָטיצן

פון אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט אייער פריינדין, מיס מאַרדזשערי וואַטסאָן, דעם 24טן אָקטאָבער, 1934. טאָקע דעם זעלבן אָוונט, ווען איר האָט געהאַט אַ מיטינג בײַ איר אין אַפּאַרטמענט. נאָך צוויי מענטשן האָבן זיך צוגעהערט צו אונזער געשפּרעך אױף עקסטענשאָן־טעלעפאָנען.

מיס אילמאַ האָט אויסגעגלאָצט אױף מיר אַ פּאָר אויגן ווען איך האָב איר פאָרגעלייענט דעם פאָלגנדיקן געשפּרעך:

„מיס וואַטסאָן ?"

„יאָ."

„איז מיס אילמאַ דאָ ?"

„ניין, אָבער איך דערוואַרט זי אַכט אַזייגער. מיר ווילן דאָ האָבן אַ מיטינג."

„זי טוט גוטע אַרבעט, ניט אמת ?"

„אָ, וואונדערבאַר ! איך בין אַזוי צופרידן פון דעם וואָס זי טוט."

„האָט אַמבאַסאַדאָר לוטער'ס סעקרעטאַר שוין טעלעפאָנירט ?"

„ניין, אָבער קורט סעל האָט עטלעכע מאָל טעלעפאָנירט, און איר ווייסט דאָך, אַז ער איז נאָענט צו דער דויטשער אַמבאַסאַדע."

„יאָ, איך ווייס. דערוואַרט איר אים היינט ?"

„וועל, איך ווייס ניט. אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַריינקומען."

מיס אילמאַ איז אויפגעשפּרונגען:

— מאַרדזשערי האָט דאָס ניט געקאָנט זאָגן ! איך קען דעם מענטשן ניט!

— עס טוט מיר לייד, — האָב איך איר געזאָגט. — איך לייען בלויז נאָטיצן פון אַ געשפּרעך און איך האָב צוויי עדות, וואָס האָבן דעם געשפּרעך געהערט. און איצט וועל איך אייך לייענען נאָך נאָטיצן פון אַ צווייטן געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיס וואַטסאָן דעם 3טן נאָוועמבער, 1934. צוויי מענטשן האָבן געהערט אויך דעם געשפּרעך.

„וואַיאָלאַ'ס באַזוך איז געווען גרויסאַרטיק — האָט מיס וואַטסאָן געזאָגט. — זי און מרס. רוזוועלט האָבן געהאַט אַ זייער וואוילן געשפּרעך."

„וואָס איך הער !"

„יאָ, און זי וועט אויך באַזוכן מרס. רוזוועלט אין הײַד פּאַרק."

„האָט זיך קורט סעל געזען מיט איר ?"

„איך ווייס ניט וואָס זיי האָבן דיסקוסירט צווישן זיך, אָבער איך ווייס, אַז זי האָט זיך געזען מיט אים און זיי האָבן געהאַט אַזויפיל פּלענער. זי איז אַ וואונדערלעכע מיידל !"

„יאָ, זי איז אמת וואונדערלעך."

„איז דאָס מר. בעקער ?" — האָט מיס וואַטסאָן פּלוצלונג געפרעגט.

„ניין, ס'איז ניט ער, לוידער."

„אָ, — מיס וואַטסאָן איז פּלוצלונג געוואָרן קאַלט. — „עס פאַרדריסט מיך. איך האָב גערעדט אַזוי אינטים. אַ גוטע נאַכט."

מיס אילמאַ האָט זיך גענומען רייבן דעם שטערן:

— איך קאָן ניט פאַרשטיין ווי מאַרדזשערי האָט דאָס געקאָנט זאָגן.

— איר האָט זיך אָבער געזען מיט מרס. רוזוועלט, ניט אמת ?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט שטיל.
— און נאָך אַ סך הויכע באַאַמטע. סעקרעטערי וואַלאַס, למשל?
— יאָ, — האָט זי ווידער געענטפערט זייער שטיל.
— וואָס האָט איר מיט זיי דיסקוסירט?
מיס אילמאַ איז צוגעקומען נעענטער צו מיר:
— איך ווייס וואָס איר טראַכט. איר מיינט איך בין אַ נאַצי־אַגענט. איך בין עס ניט! איך בין בלויז פאַראינטערעסירט אין דער יוגנט־באַוועגונג. אויב איר קאָנט ניט פאַרשווייגן דעם פאַקט, אַז איך בין ניט קיין בירגערין, קאָנט איר, לכל הפחות, פאַרשווייגן, אַז איך האָב זיך געזען מיט מרס. רוזוועלט? מרס. רוזוועלט האָט זיך געזען מיט מיר מיטן באַדינג, אַז די זאַך זאָל ניט פאַרעפנטלעכט ווערן, און אויב די „ניו מעסעס" וועט עס פאַר־עפנטלעכן, וועט עס צעבּרעכן אַלץ וואָס איך האָב געטאָן — אַלע מיינע פּלענער — מיין גאַנצע קאַריערע.
זי האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַצירן הין און צוריק איבערן צימער.
— פּאַפּאַ! — האָט זי פּלוצלונג אויסגערופן.
פּאַפּאַ איז אַריינגעקומען פון אַ צווייטן צימער, אַ פּולער ברייט־פּליי־ציקער מענטש, העכער פון זעקס פוס, מיט אַ ברוסט־קאַסטן ווי אַ פאַס.
מיס אילמאַ האָט אים דערקלערט די לאַגע. מילא, דאָס וואָס ס'וועט פאַרעפנטלעכט ווערן, אַז זי איז ניט קיין בירגערין, און אַז זי האָט רעקאָ־מענדאַציע־בריוו פון ראָמלי'ן צו הויכע נאַצי־פירער אין דייטשלאַנד, איז פאַרפאַלן, אָבער — מרס. רוזוועלט!
— פאַרוואָס מוזט איר וועגן דעם שרייבן? — האָט דער פאָטער גע־בעטן. — מרס. רוזוועלט וועט זיין שטאַרק אומצופרידן.
— מיין אויפגאַבע איז צו שרייבן, וואָס איך געפין אויס, — האָב איך אים דערקלערט. — סיידן מיס אילמאַ וועט לאָזן וויסן מרס. רוזוועלט, און דעם פרעזידענט'ס פרוי זאָל אפשר בעטן די „ניו מעסעס" רעדאַקציע דאָס ניט פאַרעפנטלעכן...
— אָ! — האָט וואַיאָלאַ אויסגעשריען, — זי וועט באַ זיי ניט פּועל'ן.
— אויב אַזוי, איז פאַרפאַלן, — האָב איך געזאָגט, — איך ווייס ניט וואָס מען קאָן טאָן דערצו...
— וואָס איז דער צוועק פון דער גאַנצער אויספראַגע? — האָט איר פאָטער געפאָדערט. — ווער מען פאַרטרעט איר אויסער די „ניו מעסעס"?
— בלויז די „ניו מעסעס", — האָב איך אים פאַרזיכערט. — מיר דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, און וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט דאָ אין לאַנד אָנגעפירט פון נאַצי געהיים־אַגענטן.
— מיין טאָכטער איז ניט קיין נאַצי־אַגענט! — האָט ער גענומען שרייען. — ווען זי וואָלט געווען אַ נאַצי־אַגענט, וואָלט איך איר אַליין דאָ אָנגעבראָכן די ביינער, פאַר אייך אין די אויגן.
איך האָב אים דערקלערט וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך:

— אייער טאָכטער איז ניט מחויב מיר צו ענטפערן. איך האָב איר דאָס דערקלערט. דאָס איז ניט קיין גריכט. אָבער זי איז אַן עפּנטלעכע פיגור און אָרגאַניזירט אַ באַוועגונג, וואָס האָט אַלע סימנים פון אַ פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. זי האָט געמאַכט געוויסע אַנטיסעמיטישע דערקלערונגען...

— ווי איז דאָס מעגלעך ? — האָט זי אויסגעשריען. — אָט איז אַרטור אַרפּילד העיז מיין לאָיער, און ער איז אַ איד.

איך האָב פאָרגעזעצט :

— אייער טאָכטער פאַרקערט אין די העכסטע פּאָליטישע קרייזן פון לאַנד. זי האָט אָרגאַניזירט דעם יוגנט-קאָנגרעס נאָכדעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט פון אַ רייזע אין דייטשלאַנד. קיין דייטשלאַנד איז זי געפאָרן מיט רעקאָמענדאַציע-בריוו פון אַ פּערזאָן, וועלכער איז געווען פאַרדעכטיקט אַלס דייטשער שפּיאָן אין דער צייט פון דער מלחמה. די בריוו זיינען געווען צו הויכע נאַצי-באַאמטע. און זי וויל ניט דערציילן ווער ס'האָט איר באַצאָלט פאַר איר רייזע קיין דייטשלאַנד און פאַר אירע הוצאות אין אייראָפּע.

— פאַרוואָס זאָל זי דערציילן, ווער ס'האָט באַצאָלט אירע הוצאות ?

— ס'איז ניטאָ קיין אורזאַך, פאַרוואָס זי ז אָ ל דערציילן, — האָב איך געענטפערט.

— איז דאָס אַ סענאַט-אונטערזוכונג ?

— ניין, בלויז אַ „ניו מעסעס”-אונטערזוכונג.

— און וואָס, אויב איך האָב איר געגעבן דאָס געלט ?

— איך וויים, אַז איר האָט איר ניט געגעבן.

איך האָב זיך געווענדט צו מיס אילמאַ, וועלכע האָט איצט אויסגעקוקט אַ ביסל בלאַס :

— זעט איר אַליין ניט איין, אַז אויב איר זאָגט ניט אויס, וואו איר האָט געקראָגן דאָס געלט אויף רייזע-הוצאות קיין דייטשלאַנד, באַגרינדעט איר דערמיט דעם חשד קעגן זיך, באַזונדער ווען מען ווייסט, אַז איר האָט זיך דאָרט געזען מיט נאַצי-פירער, און גראָד אומקערנדיק זיך פון דאָרט האָט איר זיך גענומען אָרגאַניזירן דעם יוגנט-קאָנגרעס ?

— איך קאָן ניט אויסזאָגן, — איז זי געבליבן פעסט.

— פאַרוואָס ניט, אויב דער חשד קעגן אייך איז ניט אמת ?

— איך קאָן ניט, — האָט זי איבערגע'חזר'ט, זיך בייסנדיק די ליפּן.

— איר פאַרשטייט דאָך דעם חשד.

— איך קאָן זיך ניט העלפן.

— דערמיט באַשטעטיקט איר דאָך, אַז דאָס געלט קומט ניט פון קיין ערלעכן קוואַל.

— גוט, איך וועל אייך זאָגן, פון וואַנען איך האָב געקראָגן דאָס געלט ! — האָט זי פּלוצלונג אויסגערופן.

— איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך וועל איבערגעבן אייערע ווערטער ? — האָב איך איר דערקלערט.

— יאָ.

— און איר פאַרשטייט אויך, אַז איך וועל אונטערזוכן, צי דאָס וואָס איר וועט מיר דערציילן איז אמת?

— איר וועט פרעגן יענעם מענטשן?

— ניין, איך וועל אויסגעפינען אין דער באַנק, צי ער האָט צו יענער צייט אַרויסגענומען אַזאַ סומע, ווי איר זאָגט.

— די באַנק קאָן דאָס אייך ניט זאָגן! — האָט דער פּאַטער פּלוצלונג אויסגעשריען.

— איך ווייס, אָבער איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן. נו, איצט זאָגט.

— די „היסטאָרי סאָסאַיעטי" האָט מיר געגעבן, — האָט זי געזאָגט אין דער שטיל.

— איר האָט דאָך מיר אַליין פריער געזאָגט, אַז יענע סאָסאַיעטי האָט אייך ניט געגעבן דאָס געלט?

— איר קאָנט אונטערזוכן.

— זייער גוט, — האָב איך געזאָגט און איך האָב זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. אויפשטייענדיק האָב איך זי נאָכאַמאָל געוואָרנט:

— מיס אילמאַ, איר מאַכט אַן ערנסטן טעות, וואָס איר זאָגט מיר ניט ווער ס׳האָט אייך געגעבן אויף הוצאות. איך ווייס, אַז ניט די „היסטאָרי סאָסאַיעטי".

— ניין, ניט די „היסטאָרי סאָסאַיעטי", — האָט זי ווי נאָכגעזאָגט מיינע ווערטער אין דער שטיל.

— וועט איר מיר איצט זאָגן, ווער ס׳האָט אייך דאָס געלט געגעבן?

— ניין! — האָט זי אַ געשריי געטאָן. — איך קאָן ניט אויסזאָגן, איך קאָן ניט.

און דערמיט ענדיקט זיך, גלויב איך, די וואיאָלאַ אילמאַ יוגנט-באַוועגונג מיט אירע פּאַשיסטישע טענדענצן, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן, ווען וואיאָלאַ האָט זיך אומגעקערט פון דייטשלאַנד, וואו זי האָט זיך געזען מיט האַנפשטענגל׳ען, געבעלס׳ן און אַנדערע נאַצי-פירער.

שפּעטער האָט מיר אַרטור גאַרפילד העיז געלאָזט וויסן, לויטן פאַרלאַנג פון וואיאָלאַ אילמאַ, אַז זיין אָפיס האָט אונטערזוכט דעם סטאַטוס פון איר בירגערשאַפט, און ס׳איז אויסגעפונען געוואָרן, ווי העיז זאָגט, אַז וואיאָלאַ אילמאַ איז אויטאָמאַטיש געוואָרן אַ בירגערין, ווען איר מוטער איז צוריק געוואָרן אַ בירגערין נאָך איר חתונה מיט אַן אויסלענדער.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס מיס אילמאַ איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד מיט אַ שווייצאַרישן פּאַספּאָרט, האָט העיז געענטפערט:

— וועל, עס קאָן זיין, אַז ס׳איז געווען צוליב אַ פאַלשער עצה.

VIII

אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין די אוניווערזיטעטן

זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, מערקט זיך אין מערסטע אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן אַ שטייגענדע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם. מערסטע סטודענטן און פּראָפעסאָרן, אידישע און קריסט־לעכע, זיינען דערשטוינט און קאָנען ניט פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמט זיך אָט־די נייע דערשיינונג. עס ווערט צוגעגעבן, אַז אין אַ סך אוניווערזיטעטן איז די גאַנצע צייט געווען מער אָדער ווייניקער באַהאַלטענער אַנטיסעמיטיזם. די האַנדלונג פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען עס איז דאָרט באַגרענעצט געוואָרן די צאָל אידישע סטודענטן, איז געווען דער ערשטער אָפענער שריט פון ראַסן־דיסקרימינאַציע קעגן אידן. ס'איז געווען אַן איינצעלנער פאַל, וואָס האָט אַרויסגערופן די פאַרדאַמונג פון דעם גאַנצן לאַנד.

אַז אין די אוניווערזיטעטן דיסקרימינירט מען קעגן אידישע סטודענטן באַם אָננעמען זיי, איז צו גוט באַקאַנט, אַז מען זאָל דאָ דאַרפן ברענגען באַווייזן. אַ סך פון אונזערע פירנדיקע אוניווערזיטעטן האָבן באַגרענעצט די צאָל אידישע סטודענטן און האָבן וועגן דעם ניט געמאָלדן אין דער עפנט־לעכקייט, ווי דאָס האָט געטאָן דער האַרוואַרד אוניווערזיטעט. עס איז אויך אַ וואוויל־באַקאַנטער פאַקט, אַז גאָר ווייניק אידן דערהויבן זיך צו פולע פּראָפעסאָר־פּאָסטן. די באַווייזן וועגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס זיינען אַזוי גרויס אין צאָל און אַזוי שטוינענדיק, אַז עס וואָלט זיך געפאָדערט מער ווי איין קאַפּיטל פאַר אָט־דעם ענין אַליין. דאָ וויל איך דערקלערן וואָס עס האָט געפירט צום פּלוצימדיקן אויפשטייג פון אַנטיסעמיטיזם אין אונזערע פירנדיקע אוניווערזיטעטן און קאָלעדזשעס.

די מערהייט פּראָפעסאָרן און סטודענטן ווייסט ניט, אַז אין אונזערע אוניווערזיטעטן און קאָלעדזשעס איז פאַראַן אַ געהיימע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט פון דייטשע אויסטויש־סטודענטן, אַף אָנצופירן פּראָ־היטלער פּראָפּאַגאַנדע און אַנטוויקלען די שטימונג פון אידן־האַס אין נאָמען פון „ריינער אַרישער קולטור". אין דער דאָזיקער געהיימער אָרגאַני־זאַציע אַרבעטן נאַצי־אַגענטן, וואָס זיינען אַהער געקומען כלומרשט צו „שטודירן", און הונדערט־פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער פון די „פּאַטריאָטישע" אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע צוזאַמען מיט היטלער'ס היגע געהיים־אַגענטן.

די געהיימע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע אין די אוניווערזיטעטן הייסט „די פּאָל רעווירס" און ווערט אָנגעפירט פון קוירנעל עדווין מאַרשאַל העדלי,

פאַשיסטישע „וויסנשאַפט"



The Body of ANARCHY lurches forward by using first the leg of SOCIALISM and then the leg of COMMUNISM.

COMMUNISM is supported by the foot named INTERNATIONAL LABOR DEFENSE.

SOCIALISM is advanced by the foot called AMERICAN CIVIL LIBERTIES UNION.

The sustaining blood stream of this hideous destroyer is provided by the Garland Fund and other financial aids for radicals.

THE LEAGUE FOR INDUSTRIAL DEMOCRACY — the diseased Gall Bladder — is the organ developing the unhealthy doctrines that pollute our educational institutions.

ADEPTS, those having guilty knowledge of the purpose of ANARCHY, constitute one arm of the demon.

DUPES, the gullible and unsuspecting victims of "A NEW SOCIAL ORDER," make up the other arm of ANARCHY

THE PARLOR PINK appears as one face but the GUTTER RED is the true visage of the monster ANARCHY

Designed and Distributed by

THE PAUL REVERES

NATIONAL HEADQUARTERS

120 South La Salle Street CHICAGO

דער דאָזיקער ליפלעט איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס דורך דער אַנטיסעמיטישער סטודענטן-קערפּערשאַפט „פּאָל רעווירס", וואָס נאַצי-אַגענטן האָבן דאָ אָרגאַניזירט.

וואס האט זיין אפיס אין צימער 1911, 120 סאוט לא־סאל סטריט, שיקאגא. די „פאל רעווירס" האבן ברענטשעס כמעט אין יעדן אוניווערזיטעט און קאלעדזש פון לאנד, אריינרעכענענדיק יעיל, הארוואַרד, פרינסטאן, קארנעל, נארטוועסטערן אין שיקאגא און קאלאמביע. די דאזיקע ארגאניזאציע, וואס האט א ספעציעלע שפיאנאזש־אפטיילונג, האט געקראגן באזונדערע אויפמערקזאמקייט אין די קאלעדזשעס פון ניו יארק, וואו עס שטודירן א סך אידישע סטודענטן. די „פאל רעווירס" האבן לעצטנס אויסגעשפרייט זייער מעטיקייט אויך אין די מיטל־שולן (האי־סקולס), ספעציעל אין ניו יארק.

אט־די סטודענטישע פראפאגאנדע־ און שפיאנאזש־ארגאניזאציע ארבעט אין קאאפעראציע מיט נאצי־אגענטן, וואס זיינען געקומען אהער ווי אויסטויש־סטודענטן. דער הויפט־צוועק פון די „פאל רעווירס" איז כלומרשט די אנטוויקלונג פון „פאטריאטיזם".

דער ערשטער ארגאניזאטאר און סעקרעטאר פון דער דאזיקער ארגאניזאציע איז געווען מיסעס אלבערט וו. דילינג פון קענילוואירט, די פארפאסערין פון „די רעד נעטווארק" („די רויטע נעץ"), וואו פרעזידענט רוזוועלט'ס פרוי און מעיאר לא־גווארדיא פון ניו יארק זיינען אנגעגעבן געווארן ווי „רויטע". מיסעס דילינג איז אבער, קאנטיק, ניט איבערצייגט, אז אלע אידן זיינען קאמוניסטן אדער „פאטענציעלע קאמוניסטן", און ווען זי האט זיך דערוואוסט וועגן קוירנעל העדלי'ס אנטיסעמיטישע נייגונגען, האט זי אים געשריבן א פראטעסט־בריוו. קוירנעל העדלי האט איר געענטפערט (דעם 6טן מערץ, 1934):

> „וואס איז שייך דעם 'אידישן ווינקל', קאנען פאטריאטישע ארגאניזאציעס האנדלען וועגן דעם צום בעסטן ווען זיי זיינען ניט קיין געמישטע גרופן. דעריבער דארפט איר אכטונג געבן, אז דער 'טשעפטער' (אן אפטיילונג פון די 'פאל רעווירס') זאל בלייבן א ריין־קריסטלעכע ארגאניזאציע. דאס קאן געטאן ווערן אן עפנטלעכע דערקלערונגען דורך אייער מיטגלידערשאפט־קאמיטע."

מיסעס דילינג'ס האס צו די קאמוניסטן האט זי אבער ניט געקאנט באוועגן אריינצוברענגען די ראסן־העצע קעגן אידן, און זי האט רעזיגנירט. די „פאל רעווירס" האבן ווייטער אנגעהאלטן זייער רעקרוטירונג פון מיטגלידער אף א „פאטריאטישן" באדן, אבער זיי האבן געפרעגט אלע אפליקאנטן צי זיי זיינען אידן.

קוירנעל העדלי האט ניט געוואגט ארויסצוקומען צו־אפן מיט זיין אידן־האס, האט ער אפגעדרוקט א פאמפלעט פון 24 זייטן אונטערן נאמען „דער פלאן אין אקציע" — א ביטערע, בייסיקע אטאקע אף די אידן — און זיך אונטערגעשריבן „אוירנעסט סינסיר". אפילו פאר די אנפירנדיקע פארשפרייטער פון אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע איז דער נאמען פון דעם פארפאסער געווען א סוד. א סך טויזנטער עקזעמפלארן פון דעם דאזיקן פאמפלעט זיינען פארשפרייט געווארן איבער דער ברייט און לענג פון לאנד. איינער פון די הויפט־פארשפרייטער איז ראיאל סקאט גולדען, אנפירער

פון דער אנטיסעמיטישער שפיאנאזש־ארגאניזאציע „אָרדער אָוו 76״.
גאָלדען אַליין, כאָטש ער שטייט אין פארבינדונג מיט קוירנעל העדלי׳ן, ווייסט
ניט, אַז יענער איז דער פארפאסער פון דעם פאמפלעט.

די לעצטע עטלעכע חדשים האָט מען א סך געהערט וועגן די ביטערע
שטימונגען בנוגע דער אידישער און ראדיקאלער פראגע אין די ניו יאָרקער
אוניווערזיטעטן, ספּעציעל אין סיטי קאלעדזש, ניו יאָרק יוניווערסיטי און
קאָלאָמביע. ניט בלויז זייטיקע מענטשן, נאָר די סטודענטן און פּראָפעסאָרן
אַליין האָבן ניט פארשטאנען פון וואנען ס׳האָט זיך פּלוצים גענומען דער
אויסברוך פון אנטיסעמיטיזם און אנטי־ראדיקאליזם. קיינעם פון זיי איז
ניט איינגעפאלן, אַז דאָס איז די ארבעט פון פלינקע נאצי־אגענטן, וואָס
ארבעטן דורך דער פארמיטלונג פון אמעריקאנער סטודענטן.

אָנהויב 1934 האָבן היטלער־אגענטן דאָ אין לאנד, מיט גינטער אָרגעל,
הויפּט פון דער פּאָליטישער נאצי געהיים־דינסט אין אמעריקע, אָן דער
שפּיץ, באשלאָסן, אַז עס דאַרף דאָ געגרינדעט ווערן אַ שפיאנאזש־אָרגאני־
זאציע אין די אוניווערזיטעטן און קאלעדזשעס. אַ יונגע סטודענטקע, וואָס
צום באדויערן ווייס איך ניט איר נאָמען, האָט אָפּגעמאכט זיך צו טרעפן
מיט רודיארד אוזעל דזשוניאָר, אַ סטודענט פון פענסילוועניע אוני־
ווערזיטעט און דער זון פון מיסעס ר. ס. אוזעל פון 165 8812טע סטריט,
קווינס. די באגעגעניש איז פאָרגעקומען אין ראַיאַל סקאט גולדענ׳ס אָפיס.

די סטודענטקע, וואָס האָט איינגעאָרדנט די דאָזיקע באגעגעניש, איז
דער הויפּט פון דער שפיאָנאזש־אָפּטיילונג פון דעם „פּאָל רעווירס״־ברענטש
אין קאָרנעל אוניווערזיטעט. אוזעל איז געוועזן זייער אקטיוו אין אָרגאניזירן
אנטיסעמיטישע און שפיאנאזש־גרופּן אין פארשיידענע קאלעדזשעס. דעם
גרעסטן דערפאָלג האָט ער געהאט אין פענסילוועניע אוניווערזיטעט.

נאָך אַ באגעגעניש מיט גולדענ׳ען האָט אוזעל געבעטן מען זאָל אים
פארשטעלן פאַר אָרגעל׳ן, וועלכער איז כלומרשט דער אָנפירער פון די
„יונאיטעד דזשוירמאן סאָסאייעטיס״ („פאראייניקטע דייטשע געזעלשאפטן״),
נאָר אין דער אמת׳ן גיט ער זיך אָפּ הויפטזאכלעך מיט אָנפירן די נאצישע
געהיים־דינסט דאָ אין לאנד און מיט אראָפּשמוגלען אנטיסעמיטישע פּראָ־
פּאגאנדע פון דייטשע שיפן, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין ניו יאָרק. אוזעל האָט
געוואָלט זיך דורכריידן מיט אָרגעל׳ן וועגן פאראייניקן די נאצישע און
אמעריקאנער אנטיסעמיטישע טעטיקייטן אין די קאלעדזשעס.

אָט־דער אמביציעזער יונגער פאשיסט, מיט דער הילף פון זיין מוטער,
וויל קאנטיק מאכן אנטיסעמיטיזם און שפּיאָנאזש דורך די „פּאָל רעווירס״
פאַר זיין לעבנס־אויפגאבע. בא זיך אין דער היים, אין קווינס, האָט ער
איינע פון די גרעסטע קאלעקציעס נעמען פון פּראָמינענטע מענטשן, וואָס
מען קאָן זיי אריבערגעווינען דורך געהעריקער פּראָפּאגאנדע.

דעם 3טן אפּריל, 1934, האָט אוזעל זיך געטראָפן מיט גינטער אָרגעל
אין אָפיס פון די „פרענדס אָוו ניו דזשוירמאני״. אָרגעל האָט דערקלערט
זיין גאסט, אַז ער וועט אים גערן באנוצן ווי אַ בעל־יועץ אין קאלעדזש־

פּראָפּאַגאַנדע, אָבער דער אָנפירער פון די „פּאָל רעווירס" איז מער ווי צופרידנשטעלנדיק אין זיין אַרבעט פון גרינדן נאַצי־קעמערלעך אין די קאָלעדזשעס.

אוזעל האָט אים געפרעגט ווער יענער מאַן איז, אָבער אָרגעל האָט אים ניט געוואָלט אויסזאָגן דעם נאָמען. אוזעל און מערסטע סטודענטן־מיט־גלידער ווייסן נאָך ביז איצט ניט ווער דאָס איז. פאַר זייער אינפאָרמאַציע וועגן און פאַר דער אינפאָרמאַציע פון אַלעמען גיב איך דאָ אָן זיין נאָמען: פרעד וועצעל, 240 איסט 86טע סטריט, ניו יאָרק. דער דאָזיקער סטודענט האָט אין געהיים אָרגאַניזירט צוואַנציק נאַצי־קעמערלעך אין סיטי קאָלעדזש אַליין. די קעמערלעך זיינען אָרגאַניזירט לויט דעם דייטשן מעטאָד פון פיר פּערזאָן אין אַ קעמערל.

די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די דאָזיקע קעמערלעך איז אָנגעפירט געוואָרן מיט גרויסער פּאָרזיכטיקייט. מיטגלידער פון דער סטודענטישער שפּיאָנאַזש־און פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַניזאַציע, אונטער שטרענגע אָרדערס פון דייטשע נאַצי־אַגענטן ווי אָרגעל, ווענדן זיך ניט דירעקט צו מעגלעכע נייע מיט־גלידער. ס'איז פאַראַן אַ ספּעציעלע גרופּע סטודענטן, וואָס ניט זיך אָפּ מיט אויספאָרשן און אַרומשמעקן די מעגלעכע קאַנדידאַטן. געוויינטלעך האָט יעדער אוניווערזיטעט און קאָלעדזש איין ספּעציעלן „קאָנטאַקט־מאַן". אין ניו יאָרק איז דער קאָנטאַקט־מאַן אין קאָלאָמביע אוניווערזיטעט דער גראַדו־אירטער סטודענט סט. דזשאָרדזש ביסעל דער 3טער, אַ זון פון פּעלהעם סט. דזשאָרדזש ביסעל, מוניציפּאַלער ריכטער אין ניו יאָרק! ער וואוינט מיט זיין פאָטער אויף 270 פּאַרק עוועניו.

ביסעל איז די גאַנצע צייט געווען טעטיק אין פאַרשפּרייטן פאַשיזם אויף דער טעריטאָריע פון קאָלאָמביע אוניווערזיטעט. אָבער קיינער פון די סטו־דענטן ווייסט ניט, אַז ער איז פאַרבונדן ניט בלויז מיט די „פּאָל רעווירס", נאָר אויך מיט גולדענ'ען, מיט וועמען ער באַראַט זיך זייער אָפט וועגן די בעסטע מעטאָדן פון אַנטוויקלען די אַנטיסעמיטישע און שפּיאָנאַזש־אָרגאַני־זאַציע. ביסעל פאַרקערט שטענדיק אין קרייזן פון געהיימע נאַצי־אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרס. דעם 29טן מערץ, 1934, צום ביישפּיל, איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַ געהיימע פאַרזאַמלונג אין דעם ריכטער'ס רייכן אַפּאַרט־מענט אויף פּאַרק עוועניו, וואו גולדען האָט דערקלערט די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן סטודענטן „צו זיין גרייט אויסצופאָלגן דעם באַפעל פון די 'פּאָל רעווירס' צו אַטאַקירן קאָמוניסטן און אידן אויף יוניאָן־סקווער". דער ריכטער איז געווען אָנוועזנד, ווען די פאַרזאַמלונג איז דערעפנט געוואָרן, נאָר ער האָט פאַרלאָזט אין עטלעכע מינוט אַרום, ניט זאָגנדיק גאָרניט.

די דאָזיקע טעטיקייטן האָבן אַנטוויקלט אָפענעם ראַסן־האַס אין פאַר־שיידענע אוניווערזיטעטן. אין אייניקע — ווי האַרוואַרד און יעיל — איז די אָפענע אָרגאַניזירונג פון נאַצי־גרופּן דירעקט פאַרבונדן מיט די טעטיקייטן פון „פּאַטריאָטישע" אַמעריקאַנער סטודענטן, וואָס אַרבעטן מיט דייטשע אויסטויש־סטודענטן ווי דעטלאָף פאָן סאַהם, זון פון געוועזענעם מעיאָר פון

בערלין, וואָס איז געווען טעטיק אין אָרגאַניזירן אַנטיסעמיטיזם אין וואַשינג־טאָן יוניווערסיטי אין סט. לואיס, אַרבעטנדיק אונטער דער אָנפירונג פון דעם דייטשן גענעראַל־קאָנסול גליסינג אין לאָס אַנדזשעלעס.

ווען אַ פאַרטרעטער פון די „ניו מעסעס" האָט געפּרוווט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן נאַצי־סטודענט און אים אויספרעגן וועגן זיינע טעטיקייטן, איז ער אין איילעניש אָפּגעפאָרן קיין בערלין. ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען און וועט שוין מסתמא ניט צוריקקומען.

אַנדערע סטודענטן באַשעפטיקן זיך ניט בלויז מיט אָנפירן אַנטי־סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע דאָ אין לאַנד, נאָר אויך מיט אָרגאַניזירן „גוד וויל" טורס קיין דייטשלאַנד, וואָס קאָסטן „זייער טייער". די דאָזיקע טורס זיינען פאַר פּראָפעסאָרן און סטודענטן. אין דייטשלאַנד זיינען נאַצי־סטודענטן די „גאַידס" פאַר די דאָזיקע „טוריסטן". איין „גוד וויל" טור פון דעם דאָזיקן סאָרט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון דער אָרגאַני־זאַציע „אָפּען ראָוד" („אָפּענער שליאַך"), מיט אַן אָפיס אויף 56 וועסט 45טע סטריט, „כדי אומצוקערן די גרויסמוטיקע גאַסטפריינטשאַפט, וואָס זיי (די נאַצי־סטודענטן) געניסן אין די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן און קאָלעדזשעס". אויף זייער באַזוך אין דייטשלאַנד לעצטן זומער זיינען די פּראָפעסאָרן און סטודענטן אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע און אַ סך פון זיי זיינען צוריקגעקומען צו האַלטן ענטוזיאַסטישע לעקציעס וועגן דער פיינער לאַגע אין דייטשלאַנד און ספּעציעל וועגן דעם ליבהאַרציקן אופן ווי אידן ווערן דאָרט באַהאַנדלט.

די אַנטיסעמיטישע טעטיקייט פון די נאַציס אין אַמעריקע ווערט אויס־געשפּרייט ניט בלויז אויף די סטודענטן אין די קאָלעדזשעס, נאָר אויך אויף פּראָפעסאָרן און לערער, וואָס אייניקע פון זיי זיינען באַוואוסטזיניקע נאַצי־אַגענטן. פאַר דעם דאָזיקן צוועק ווערן אויסגענוצט פּראָמינענטע דייטשע פּראָפעסאָרן, וואָס קומען אַהער, ווי צום ביישפּיל, פּראָפעסאָר פרידריך שאָנעמאַן פון בערלינער אוניווערזיטעט, וואָס איז גרייט צו פאָרן אומעטום איבערן לאַנד און האַלטן אומזיסטע פּראָ־היטלער לעקציעס. אויב מען וועט דעקן זיינע הוצאות, וועט ער זיין דאַנקבאַר.

פּראָפעסאָרן ווי טאָמאַס אַלעקסאַנדער פון קאָלאָמביע, וועלכער שטייט אויבן־אָן אָפן צעטל פּראָפעסאָרישע נעמען אין דעם אַנטיסעמיטישן „אָרדער אָוו 76", לאָזן ניט דורך קיין געלעגנהייט אויפצוטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און פאַרטיידיקן דעם היטלעריזם. אָט־דער פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער האָט זיך געטראָפן מיט גולדענ'ס אַ געהיים־אַגענט, אָלגאַ גרונעוואַלד, אַ „קאָנ־סולטאַציע־פּסיכאָלאָג", וואָס האָט באַזוכט דעם דייטשן קאָנסולאַט דעם 1טן מאַי, 1934. און איז דערנאָך אַוועק צום פּראָפעסאָר זיך דורכצורעדן וועגן אָרגאַניזירן אַ ברענטש פון דעם אַנטיסעמיטישן „אָרדער אָוו 76" אין קאָלאָמביע אוניווערזיטעט. פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער האָט פאַרזיכערט גול־דענ'ס שפּיאָנקע, אַז ער וועט געבן זיין פולסטע קאָאָפּעראַציע. די באַגעגעניש צווישן דעם פּראָפעסאָר און דער שפּיאָנקע איז פאָרגעקומען אין דעם

פּראָפעסאָר'ס קאַבינעט דעם 10טן מאַי, 1934. פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער האָט אויך געהאָלפן דער געהיים־אַגענטקע צוזאַמענשטעלן אַ צעטל פון איבער 100 פּראָפעסאָרן און לערער אין ניו יאָרק און פילאַדעלפיע, וואָס פּאַסן זיך צו ווערן מיטגלידער פון דעם „אָרדער אָוו 76'" און אָנפירן אַנטיסעמיטישע און שפּיאָנאַזש־טעטיקייט.

אייניקע פון אונזערע אָנפירנדיקע לערער, ווי מרס. עליזאַבעט שרעידער, הויפּט פון דער דייטשער אָפּטיילונג פון דעם ניו יאָרקער סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו עדיוקיישאָן, זיינען מיטגלידער פון נאַצי־אָרגאַניזאַציעס. איך ווייס ניט אַף וויפיל מרס. שרעידער האָט צו טאָן מיט באַשטימען „ניט־באַצאָלטע פּריוווּיליקע" לערער פון דער דייטשער שפּראַך אין די ניו יאָרקער סקולס, איך קאָן זיך אָבער ניט פאָרשטעלן, אַז מאַרטין האַרטמאַן און פרעד שעיבע, וואָס אַרבעטן אונטער איר אויפזיכט ווי „ניט־באַצאָלטע פּריוווּיליקע" לערער, זיינען באַשטימט געוואָרן אָן איר וויסן. עס וואָלט געווען שווער פאַר זיי צו קריגן רעגלמעסיקן לערער־געהאַלט, אָבער אָט־די גרויסמוטיקע נשמות האָבן זיך אונטערנומען צו „לערנען" אומזיסט. און זיכער איז עס שווער צו גלויבן, אַז מרס. שרעידער, אַ מיטגליד פון נאַצי־אָרגאַניזאַציעס, ווייסט ניט, אַז אָט־די צוויי „ניט־באַצאָלטע וואָלונטירן" זיינען צווישן די אָנפירנדיקע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין לאַנד און אַז זיי נוצן אויס יעדע געלעגנהייט אָנצופירן זייערע פּראָ־היטלער און אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן אין דעם סאַמע האַרץ פון דער ניו יאָרקער סקול־סיסטעם, וואו זיי קאָנען באַאיינפלוסן ניט בלויז סטודענטן, נאָר אויך לערער, וועלכע קאָנען פון זייער זייט באַאיינפלוסן אָן אַ שיר סטודענטן.

אויב מרס. שרעידער וועט זיך מאַכן, אַז זי ווייסט פון גאָרניט און דער עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט פון ניו יאָרק סטעיט וויל האָבן מער אינפאָרמאַציע וועגן די דאָזיקע פּריוווּיליקע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וועל איך מיט פאַרגעניגן צושטעלן פולע איינצעלהייטן. דאָ, רעכן איך, וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז האַרטמאַן איז איינער פון די פאַרביסנסטע אַנטיסעמיטן אין לאַנד. אַ שטיק צייט איז ער געווען רעדאַקטאָר פון „דאַס נויע דויטשלאַנד" און פון דער אַנטיסעמיטישער נאַצי־צייטונג, „די דויטשע צייטונג", וואָס פאַרנעמט אַ פירנדיקן פּלאַץ אין פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

פרעד שעיבע איז ניט בלויז אַ מיטגליד פון די „פרענדס אָוו די ניו דזשוירמאַני", וואָס שטייט אין די פאָדערשטע רייען פון די פאַרשפּרייטער פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר ער טרעט אַרויס אָפט ווי איינער פון די הויפּט־רעדנער אַף נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־מיטינגען.

אַזוי אַרום דרינגען אַריין אָט־די „ניט־באַצאָלטע וואָלונטירן" אין אונזערע סקולס און קאַלעדזשעס און פאַרשפּרייטן דאָרטן אַנטיסעמיטישע און נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע סטודענטן, פּראָפעסאָרן און לערער אין אונזערע סקולס און קאַלעדזשעס, וואָס פירן אָן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און פאַרטיידיקן היטלער'ס פּאָליטיק. איך האָב

געפונען אַזוינע לערער כמעט אין יעדן אוניווערזיטעט און קאַלעדזש אין אַמעריקע. אייניקע פון זיי זיינען ניט קיין אַקטיווע נאַציס, נאָר אַף אַ ציטרען „געלערנטן" אופן מאָלן זיי בילדער פון נאַצי־דייטשלאַנד, וואָס שאַפן דעם איינדרוק, אַז אַלץ איז וואויל אין יענעם אומגליקלעכן לאַנד. צום ביישפּיל, פּראָפעסאָר האַרטעל, אַ דייטש וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם סטאָרס אַגריקאַלטשורעל קאַלעדזש אין סטאָרס, קאָנעטיקוט, פירט ניט בלויז אַן אַקטיווע פּראָ־היטלער פּראָפּאַגאַנדע אין קאַלעדזש, נאָר טרעט גערן אַרויס ווי אַ רעדנער אומעטום אין ניו־ענגלאַנד און אין זיינע רעדעס פאַרטיידיקט ער היטלער׳ס אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. קאַרל פ. גאַיזער, פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין אָבערלין קאַלעדזש, איז נאָך איינער פון יענע פּראָפעסאָרן, וואָס זעט אין היטלער׳ן אַן איינפאַלוס צום גוטן.

איך דערמאָן אָט־די צוויי ניט דערפאַר, וואָס איך וויל זיי אויסטיילן פון די איבעריקע, נאָר כדי צו ווייזן דעם לייענער ווי אונזערע העכסטע בילדונגס־אַנשטאַלטן ווערן פאַרפּלייצט מיט אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

פּראָפעסאָרן קריגן פריִע רייזעס קיין דייטשלאַנד, און קיין רעגירונג אָדער שיף־קאָמפּאַניע אין דער וועלט גיט ניט קיין פריִע רייזעס גלאַט אַזוי, ניט דערוואַרטנדיק צו קריגן עפּעס דערפאַר. ס׳שטעלט זיך דעריבער אַ פראַגע, צוליב וואָס די האַמבורג־אַמעריקאַן און די נאָרט־דזשוירמאַן־לאַיד קאָמ־פּאַניעס האָבן געגעבן פרייע רייזעס ערשטן קלאַס צו מרס. ס. פאַן בראַדיש, פרוי פון אַ לערער אין סיטי קאַלעדזש, וועלכע איז אָפּגעפאָרן מיט דער שיף „ניו יאָרק" דעם 18טן מאַי, 1933, און צו איר מאַן פּראָפעסאָר דזש. פאַן בראַדיש, וואָס איז אָפּגעפאָרן דעם 10טן אויגוסט, 1933?

איך שטעל די דאָזיקע פראַגע אין פאַרבינדונג מיט אַ בריוו, וואָס ר. ט. קעסעמאַיער, דער מענעדזשער פון דער נאָרט־דזשוירמאַן לאַיד און האַמבורג־אַמעריקאַן קאָמפּאַניעס אין פילאַדעלפיע, האָט געשריבן צו ראָבערט ביעל פון פילאַדעלפיע, אין יוני, 1933. ביעל איז אַ מיטגליד פון די „פרענדס אָוו די ניו דזשוירמאַני". אין דעם בריוו ווערט געזאָגט:

> „איינגעשלאָסן וועט איר געפינען אַ ליסטע פון פּראָפעסאָרן אין די פאַרשיידענע קאַלעדזשעס, וואָס וועלן אַן צווייפל אייך זיין באַהילפיק."

צווישען די פּראָפעסאָרן, וואָס ווערן אָנגעגעבן ווי מעגלעכע אַרויס־העלפער פאַר דער אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט פון די נאַציס, געפינען זיך די פאָלגענדע:

דר. ערנסט דזשאַקערס, פענסילוועניע אוניווערזיטעט.

פּראָפ. דערנענבורג, לאַ־סאַל קאַלעדזש, פילאַ.

דר. הערי וו. פּפונד, קאַרל שורץ פאַונדעישאָן, איצט פאַרבונדן מיט העיווערפאָרד קאַלעדזש, העיווערפאָרד, פּאַ.

דר. פרעסטאָן אַ. באַרבאַ, אַלענטאַון, פּאַ.

פּראָפ. דעניעל ב. שומוועי, פענסילוועניע אוניווערזיטעט.

פּראָפ. דזשאָרדזש ביקעל, האַי־סקול אין פּאָטסטאַון, פּאַ.

דר. קאַרל רוינינג, סוואַרטמאָר קאַלעדזש.
ס. ר. וואָלטער טאָמאַס, דיקינסאָן קאַלעדזש.
פּראָפ. פּ. ר. קענעל, ליהאַי אוניווערזיטעט.
דר. וו. האַוסמאַן, דייטשער דעפּאַרטמענט, סענטראַל האַי־סקול, בראָאַד און גרין סטריט, פילאַדעלפיע.

אָנגעבנדיק די נעמען פון אָט־די פּראָמינענטע פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן געקראָגן פרייע רייזעס קיין נאַצי־דייטשלאַנד, מעגן מיר דאָ אָנווייזן, אַז די האַמבורג־אַמעריקאַן און נאָרט־דזשוירמאַן לאָיד קאָמפּאַניעס זיינען מיט־גלידער פון דעם פאַרבאַנד פון שיף־קאָמפּאַניעס, די „טראַנס־אַטלאַנטיק קאָנפערענס", 80 בראָדוועי, ניו יאָרק. דער דאָזיקער פאַרבאַנד לייגט אַרויף אַ שווערע שטראָף אויף זיינע מיטגלידער וואָס גיבן פרייע רייזעס. צוריק מיט זעקס חדשים האָט עמיל לעדרערער, דער אָנפירער פון דער „קאָנפערענס", געכאַפּט די האַמבורג־אַמעריקאַן און נאָרט־דזשוירמאַן לאָיד קאָמפּאַניעס באַם געבן פרייע רייזעס צו פיר מענטשן. די צוויי דייטשע שיף־קאָמפּאַניעס זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט 60,000 דאָלאַר, אָבער דאָס איז געהאַלטן געוואָרן פאַר אַ סוד. ס'איז אַ פאַקט, אַז צווישן ערשטן יאַנואַר, 1933 און מאַי 9, 1934, האָבן אָט־די צוויי נאַצי שיף־קאָמפּאַניעס געגעבן העכער 300 פרייע רייזעס, אייניקע פון זיי צו נאַצי־פּראָפּאַגאַנדיסטן.

אויב די שיף־קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען מיטגלידער פון דער „טראַנס־אַטלאַנטיק קאָנפערענס", אָדער מר. לעדרערער, וואָס לייגט אַרויף די שטראָף, וועלן זיך ווענדן צו מיר אָפן אַדרעס פון די „ניו מעסעס", וועל איך מיט פאַרגעניגן זיי צושטעלן אַ גענויעם צעטל פון אַלע מענטשן וואָס האָבן גע־קראָגן פרייע רייזעס, די שיפן אויף וועלכע זיי זיינען אָפּגעפאָרן, מיט וועלכן קלאַס, ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן און אויף וועמענס רעקאָמענדאַציע זיי האָבן געקראָגן די פרייע רייזעס.

אין דעם דאָזיקן צעטל, וואָס איז צו לאַנג מע זאָל אים דאָ אינגאַנצן פאַרעפנטלעכן, געפינען זיך די נעמען פון איינפלוסרייכע מענטשן, ווי קאַרל ק. קיטשען, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ בראָדוועי־פּעליטאַגענט אין דער צייטונג „ניו יאָרק איוונינג וואָירלד". קיטשען האָט געקראָגן אַ פרייע רייזע, ערשטן קלאַס, אויף דער שיף „ברעמען", דעם דריטן מאַי, 1933. נאָך אַ באַזוך אין דייטשלאַנד איז ער צוריקגעקומען, גרייט צו שרייבן אַ סעריע פּראָ־היטלער אַרטיקלען. אייניקע פון זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן. קוירנעל ע. אַלעקסאַנדער פּאַועל, אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטער לעקטאָר איבער אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן, וואָס האַלט אין דערציילן, וואָס פאַר אַ פיין לאַנד נאַצי־דייטשלאַנד איז, האָט געקראָגן אַ פרייע רייזע, ערשטן קלאַס, אויף דער „אייראָפּאַ", דעם 22טן יולי, 1933. בוריטאָן האָלמס, אינטערנאַציאָנאַל־באַוואוסטער לעקטאָר, איז אָפּגעפאָרן אויף דער „אייראָפּאַ" דעם 8טן אַפּריל, 1933, קריגנדיק אַ פרייע רייזע.

נאַצי־דייטשלאַנד זעט ניט קיין שום עולה אין געבן פרייע רייזעס צו מענטשן, וואָס זיינען אין אַ לאַגע צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דער היטלער־

רעגירונג. די היטלער־רעגירונג זעט, קאָנטיק, קיין עולה ניט אין אויסגעגעבן געלט אויך אַף צו פֿאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע. עס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער נאַצי גענעראַל־קאָנסול אין ניו יאָרק האָט געגעבן געלט צום גלח פראַנציס גראַס פון פּערט אַמבאָי, ניו דזשוירזי, אַף צו דרוקן בייזוויליקע אַנטיסעמיטישע בלעטלעך. ער האָט אויך געגעבן געלט צו דזשאָרדזש סילוועסטער ווירעק, דעם נאַצי־אַגענט, וואָס לייקנט ניט, אַז ער אַרבעט פאַר דער היטלער־רעגירונג. די פאַרשיידענע דייטשע קאָנסולאַטן זיינען אונטער דער אָנפירונג פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. איך בין געווען נייגעריק צו וויסן ווי אַזוי האַנס לוטער, דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר, קוקט אַף אָט־דער פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע מיט נאַצי־געלדער, וואָס דאָס מיינט זיך מישן אין די אינערלעכע געשעפטן פון לאַנד.

ווען איך בין געקומען אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע צו קריגן אַן אינטערוויו מיט דעם אַמבאַסאַדאָר, האָט זיין סעקרעטאַר אָנגעהויבן זיך קווינקלען, ווען ער האָט דערהערט מיין נאָמען.

— אָ, ספּיוואַק! וועל, דער אַמבאַסאַדאָר איז איצט ניטאָ. אפשר וועט איר אַריינקומען אין אַ שעה אַרום?

אין אַ שעה אַרום בין איך דאָרט ווידער געווען.

— אפשר וואָלט איר בעסער זיך זען מיט דר. רודאָלף לייטנער, דעם אַמבאַסאַדאָר׳ס הויפּט־געהילף, — האָט ער פאָרגעשלאָגן.

דר. לייטנער האָט זיך געפונען אין דער טשענסערי געביידע לעבן דער אַמבאַסאַדע אַף מאַסאַטשוזעטס עווענין. מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו אַ בילד פון הינדענבורג׳ן איז געהאַנגען אַף דער וואַנט דראַפּירט אין שוואַרצן. אַף דער וואַנט אַנטקעגן איז געהאַנגען אַ געמאָלענער פּאָר־טרעט פון היטלער׳ן, וואָס האָט צופרידן אַרויסגעשמייכלט פון זיין ראַם.

גוסטאַוו שטראָווע, פּריוואַטער סעקרעטאַר פון דייטשן אַמבאַסאַדאָר, האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל.

— עס טוט מיר לייד, — האָט ער געזאָגט קוקנדיק אַף מיר מיט ניט־פאַרשטייענדיקע אויגן. — איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס אייגנטלעך ווילט איר.

— די „ניו מעסעס" דרוקט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. אַ סך פאַקטן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, ווייזן, אַז דייטשע אַגענטן האָבן דערמיט פיל צו טאָן.

דעם אַמבאַסאַדאָר׳ס סעקרעטאַר האָט אויפגעהויבן זיינע הענט אין אַ זשעסט פון שוידער.

— אָ, ניין! — האָט ער אויסגעשריען.

— אין יעדן פאַל האָב איך גערעכנט, אַז דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר דאַרף קריגן אַ מעגלעכקייט צו דערקלערן ———

— דער אַמבאַסאַדאָר קאָן ניט מאַכן קיין סטעיטמענטס וועגן אַזאַ זאַך. מיר האָבן ניט קיין דייטשע אַגענטן דאָ אין לאַנד. מיר מישן זיך ניט אין

די אינערלעכע געשעפטן פון אַמעריקע.

— יאָ, געוויס. אָבער זאָגט מיר: זיינען די דייטשע קאָנסולס אין אַמעריקע אונטער דער דייטשער אַמבאַסאַדע?

— געוויס.

— דר. קיעפּ, דער דייטשער גענעראַל-קאָנסול אין ניו יאָרק, האָט געגעבן דעם קאַטוילישן גלח גראָס פון פּערט אַמבאָי, ניו דזשוירזי, 500 דאָלאַר אַף צו דרוקן און פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

— דאָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ——

— גאַנץ ריכטיק.

דער סעקרעטאַר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

—אָ, אָבער דאָס איז געווען צוריק מיט אַ שטיק צייט. און וויס אין דער אמת'ן גאָרניט וועגן דעם.

— און איינער אַ האַנטער פון דער „אינדאָסטריעל דעפענס אַסאָסיעי־שאָן" אין באָסטאָן — שטרואָווע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — האָט באַשפּראָכן מיט דר. טיפּעלסקירש, דעם דייטשן קאָנסול אין באָסטאָן, די פּראָבלעם פון קריגן געלט פון דייטשלאַנד אַף צו אָרגאַניזירן אַן אַנטי־סעמיטישע קאַמפּאַניע דאָ אין לאַנד.

— דר. טיפּעלסקירש! דאָס קאָן ניט זיין.

— עס טוט מיר לייד, אָבער איך האָב מר. האַנטער'ס בריוו, וואָס דער־ציילט וועגן דעם.

דער סעקרעטאַר איז פאַרשוואונדן. אין אַ מינוט פינף אַרום איז ער צוריקגעקומען.

— מיר טוען ניט קיין זאַך אַף צו מישן זיך אין די אינערלעכע געשעפטן דאָ אין לאַנד, — האָט ער ווידערהאָלט ענערגיש.

— אָבער דער דייטשער גענעראַל-קאָנסול האָט געגעבן געלט אַף אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע ——

— אָך! — האָט ער אויסגעשריען מיט ערגערניש. — מיר האָבן ניט קיין געלט אַף אויסצוגעבן. מיר קאָנען ניט קריגן קיין געלט אפילו אַף וויכטיקע זאַכן. אַלץ וואָס מיר קאָנען קריגן, איז אונזער געהאַלט. מיר קאָנען ניט קריגן קיין גאָלד פון דייטשלאַנד. וואָס איז די עולה צו געבן מענטשן הילף אַף צו שרייבן גוטס וועגן דייטשלאַנד, וואָס ווערט אַטאַקירט פון די אידן? יעדעם לאַנד גיט אויס געלט מען זאָל שרייבן גוטס וועגן דעם. איך רעכן, אַז ווען מיר זאָלן אונטערזוכן די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין דייטשלאַנד, וואָלטן מיר געקאָנט געפינען די זעלבע זאַך — פּראָפּאַגאַנדע־אָנפירונג. די אידן — זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך. די פּראָפּאַגאַנדע-פּראַגע איז שוין דיסקוטירט געוואָרן פון דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין ——

ער האָט זיך געכאַפּט, אַזוי ווי ער וואָלט שוין געזאָגט צופיל, און איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַנשטעלנדיס זיין בליק אַף היטלער'ס בילד, וואָס האָט אַף אונז אַרונטערגעקוקט.

— איך האָב באַוויזן, אַז דייטשע אַגענטן באַשעפטיקן זיך ניט בלויז מיט אָנפירן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע דאָ, נאָר זיי אָרגאַניזירן ברענטשעס פון דעם שטאַלהעלם, און אַז די מיטגלידער פון שטאַלהעלם פירן דורך געהיימע מושטיר־איבונגען.

— אָ, — האָט ער געזאָגט. — ס'איז מער ניטאָ קיין שטאַלהעלם אין דייטשלאַנד. אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז עטלעכע מענטשן קומען זיך צונויף און מאַכן מושטיר־איבונגען. וואָס קאָן דאָס שאַטן?

— גראָד וועגן אָט־די פראַגן וואָלט איך געוואָלט זיך זען מיטן אַמ־באַסאַדאָר. עס איז קאָנטיק פאַראַן געגנוג באַוויזן, אַז דייטשע אַגענטן פירן דאָ אָן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט געקירעוועט אין דייטשלאַנד ——

— דער אַמבאַסאַדאָר קאָן ניט מאַכן קיין סטעיטמענט וועגן דעם, — האָט ער געזאָגט מיט אַנטשלאָסנהייט. אָבער איך וועל זיך זען מיט אים און ריידן מיט דר. לייטנער. אפשר קאָנט איר טעלעפאָנירן נאָכאַמאָל, אַ?

דעם זעלבן נאָכמיטאָג האָב איך טעלעפאָנירט.

— אָ, מר. ספּיוואַק, — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט מיט אַ סאַמעטע־נער שטים. — דעם אַמבאַסאַדאָר טוט אַזוי לייד. ער קאָן אייך היינט ניט זען.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז דער אַמבאַסאַדאָר וועט זיך פילן בעסער, אויב ער וועט מיך ניט זען?

— גאַנץ ריכטיק.

— אפשר קאָן איך זען דר. לייטנער'ן?

— אָ, ניין; איך האָב שוין געזאָגט צופיל. ביטע, מיר ווילן גאָרנישט ניט זאָגן. וואָס מיר זאָלן ניט זאָגן, וועלן די אידן אונז אַטאַקירן דערפאַר.

— אָבער ——

— מיר מישן זיך ניט אין אַמעריקע'ס אינערלעכע געשעפטן, — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריען. — מיר האָבן אַ אידישע פּראָבלעם אין דייטש־לאַנד און מיר האָבן זיך מיט איר אָן עצה געגעבן. דאָס איז אונזער געשעפט. אָבער מיר ווילן גאָרנישט ניט זאָגן, ווייל די אידן אַטאַקירן דייטשלאַנד!

— עס זעט אויס, אַז אייער הויפּט־לידל איז, אַז די אידן אַטאַקירן דייטשלאַנד?

— יאָ! — האָט ער אויסגערופן. — די אידן!

און דערמיט האָט זיך דער געשפּרעך געענדיקט.

„די אידן אַטאַקירן דייטשלאַנד." וועגן דעם איז ניטאָ קיין שום באַ־וויזן. אָבער אַז די נאַציס אַטאַקירן אידן ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אויך דאָ אין אַמעריקע — וועגן דעם זיינען דאָ געגנוג באַוויזן. די ווירקונג פון נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע דאָ אין לאַנד פילט זיך אומעטום — אין דער געשעפט־וועלט און אין דער קולטור־וועלט. עס מערקט זיך אַ שטייגענדע ביטערקייט צו אידן, וואָס שטאַמט דירעקט פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָ־פּאַגאַנדע. אַזאַ מין פּראָפּאַגאַנדע ווערט אויך פאַרשפּרייט פון די „פּאָל

רעווירם". ווי אביישפיל קאן איך אנגעבן דאס פאלגענדע בלעטל, וואס איך האב געפונען אין קאליפארניע אוניווערזיטעט.

„דאס אלוועלטלעכע אידנטום וויל מלחמה צו פארשטארקן זיין מאכט.

קריסטן פון דער וועלט:

באגרייפט: אז מיר זיינען שקלאפן פון די אינטערנאציאנאלע אידישע באנקירן, וועלכע פארפירן אלע רעגירונגען דורך זייער געלט־קאנטראל. די דאזיקע אידישע געלט־הערשער באנוצן אונזער געלט, וואס זיי האבן מיט דער הילף פון זייערע באצאלטע אגענטן אוועקגע'גנב'עט פון אונז אונטער פאלשע אויסריידן.

באגרייפט: אז דזש. פ. מארגאן און אנדערע זיינען בלויז דער קריסטלעכער פראנט פון די ראטשילדס און אנדערע אידישע אינטערנאציאנאלע באנקירן... אידן האבן פיינט די קריסטן און באשווינדלען זיי ווען נאר מעגלעך... זיי דעמאראליזירן אונזער יוגנט מיט אויסגעלאסענע מאוויס און מיסאינפארמירן אונז דורך סענסאציאנעלע צייטונגען, וואס זיי קאנטראלירן דורך זייער געלט־מאכט.

באגרייפט: אז קאמוניזם און באלשעוויזם האבן קיינמאל ניט געהאט דעם צוועק צו העלפן די ארעמע, נאר אונטער אידישער פירערשאפט פרוידיקן זיי קלאסן־האס צווישן קריסטן... דאס אינטערנאציאנאלע אידנטום און זיינע באצאלטע אגענטן זיינען די איינציקע, וואס געווינען ווען קריסטן קעמפן צווישן זיך. וויפיל מיליאנען לעבנס פון קריסטלעכע מיידלעך זיינען רואינירט געווארן דורך אידן, וואס באשיצן זייערע אייגענע פרויען, אבער וואס זעען אין יעדער קריסטלעכער מיידל זייער קרבן... די אידן זיינען ניט קיין העכערע מענטשן, נאר זיי זיינען פרעך, אומאנשטענדיק, גרויס־האלטעריש און געוויסנלאז. די אידן זיינען ניט פון דער ווייסער ראסע, זיי זיינען סעמיטן (האלב־נעגערס). קריסטן, היט זיך פאר די אידן!

נ. ב.: נעמט דעם דאזיקן בריוו זייער ערנסט, קאפירט אים צען מאל און שיקט אים ארויס צו אייערע פריינט, אז זיי זאלן אים צעשיקן ווייטער. דער בריוו מוז דערגרייכן צו יעדער קריסטלעכער היים אזוי שנעל ווי מעגלעך.

די דייטשן האבן ארויסגעטריבן די אידן פון פאראנטווארטלעכע פלעצער, צוליב די ניט־ארנטלעכע געשעפטס־מעטאדן פון די אידן, און זיי געשטעלט די פאדערונג אדער אנצופירן זייערע געשעפטן לויט די מעטאדן פון יענעם לאנד, אדער געפינען אן אנדער פלאץ פאר זייערע שווינדלערייען.

לאמיר זיין אזוינע גוטע בירגער פון אונזער לאנד ווי אדאלף היטלער איז פון זיין לאנד. לאמיר אלע זיין אמעריקאנער היטלערס."

אט־אזוי פירן אן די אנטיסעמיטישע פראפאגאנדיסטן, אונטער דער פירערשאפט פון נאצים, זייער ארבעט אין די קאלעדזשעס, אוניווערזיטעטן און פאבליק־סקולס, צווישן די לערער און סטודענטן.

IX

אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּאַרמער

די פּאַרמער פון לאַנד, ספּעציעל אין דער סאַוט און מיטל־וועסט, זיינען פונקט אַזוי צעטומלט פון דעם קראַכן פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם, ווי די געשעפטסלייט און די אַרבעטער אין די פאַבריקן און מאַינס. אױף מיין רייזע איבערן לאַנד פאַר די „ניו מעסעס" לעצטן פרילינג און זומער האָב איך אויסגעפונען, אַז אַ סך פּאַרמער האָבן, אין זייער פּאַרזוך צו באַנעמען די אורזאַכן פון דעם קריזיס, געוואָרפן די שולד אױף די „אינטערנאַציאָנאַלע אידישע באַנקירן".

אין נעבראַסקאַ האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ פּאַרמער, וואָס האָט אויסגעדריקט די שטעלונג פון אַ סך אַזוינע ווי ער. איך האָב אים געפרעגט, וואָס, לויט זיין מיינונג, איז די אורזאַך פון דער דעפּרעסיע, און ער האָט באַלד געענטפערט:

— איך וועל אייך זאָגן. דאָס זיינען די אידן שולדיק.

— איך פאַרשטיי אייך ניט אינגאַנצן, — האָב איך געענטפערט. — די אידישע באַפעלקערונג אין נעבראַסקאַ איז זייער קליין. ווי קאָנט איר באַשולדיקן די אידן אין דעם, וואָס מ'האָט באַ אייך אַוועקגענומען אייער לאַנד?

דער פּאַרמער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין. ער האָט אָנגעוואוירן זיין לאַנד דערפאַר, וואָס ער האָט ניט באַצאָלט זיינע שטייערן. דער לאָקאַלער באַנקיר איז זייגער אַ פריינט. דער באַנקיר האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וויל ניט פאַרקויפן זיין לאַנד. — מיין באַנקיר האָט מיר געזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט „פאָרקלאָוזן" (אַוועקנעמען דאָס אייגנטום פאַר ניט צאָלן חובות), וועט אַ גרעסערער באַנקיר פון שיקאַגאָ אים אַליין „פאָרקלאָוזן". דער גרעסערער באַנקיר פון שיקאַגאָ איז דאָס געצוואונגען צו טאָן, ווייל נאָך אַ גרעסערער באַנקיר פון דער איסט, פון ניו יאָרק, סטראַשעט אים צו „פאָרקלאָוזן". און די גרעסטע באַנקירן זיינען אידן!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשפּיגן אַ פול מויל מיט טאַבאַק־זאַפט און אױף מיר אַ קוק געטאָן מיט טריאומף.

— גיט אַ קוק, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — ווער איז דער סעקרעטאַר פון דער טרעזשורי (פינאַנץ־מיניסטער)? מאָרגענטאַו, אַ איד! ווער איז דער גאָווערנאָר פון אייער סטעיט? לעימאַן, אַ אידישער באַנקיר! ווער איז דער גרעסטער אינטערנאַציאָנאַלער באַנקיר אין לאַנד? וואַרבורג, אַ איד!

ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט, ווי דאָס וואָלט געווען דער זיכערסטער אַרגומענט, קעגן וועלכן ס'איז ניטאָ וואָס אויסצוזעצן.

— פאַראַן אָבער אַנדערע, — האָב איך אויסגעמורמלט, — מאָרגאַן, ראָקפעלער.

— זיי ווערן קאָנטראָלירט פון די אינטערנאַציאָנאַלע אידישע באַנקירן, — איז דער פאַרמער באַשטאַנען אַף זיינס. — די אידן האָבן געמאַכט אַן אַלוועלטלעכע פאַרשווערונג צו רואינירן די עקאָנאָמישע סיסטעם, צו פאַר־כאַפּן דאָס גאַנצע גאָלד פון דער וועלט און דורך זייערע באַנקען צו קריגן דעם העכסטן קאָנטראָל איבער דער גאַנצער וועלט.

דער צעטומלטער פאַרמער האָט מיר געזאָגט דאָס, וואָס אים האָבן געזאָגט מענטשן, וועלכע האָבן געגלייבט די „פּראָטאָקאָלן פון ציון". דער פאַרמער האָט ניט געוואוסט, אַז די „פּראָטאָקאָלן" זיינען באַוויזן געוואָרן צו זיין פעלשונגען. ער איז ניט קיין עקאָנאָמיסט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען די ווירקונג פון די עקאָנאָמישע כחות, וואָס האָבן רואינירט זיין וואוילזיין און בא אים אָוועקגענומען זיין לאַנד. דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער, האָב איך אויסגעפונען, טראַכט ניט ווי אַן עקאָנאָמיסט, און ווען אימיצער דערציילט אים וועגן אַ באַשטימטער זאַך, וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם קריזיס, ווי, צום ביישפּיל, אַן אַלוועלטלעכע פאַרשווערונג פון אידישע באַנקירן, כאַפּט ער זיך אָן אָן דעם.

פירער פון די פאַרמער — אויב זיי ווילן ניט פריידיקן די שטירצונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם — מוזן געפינען אורזאַכן, וואָס זאָלן דערקלערן די שווערע לאַגע פון די פאַרמער; און אַ סך פון די פאַרמער־פירער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אידן" ווי אַ גוטן תירוץ. די דאָזיקע פירער באַזיצן מאַכט און איבן אויס אַן איינפלוס אַף טויזנטער פאַרמער. צום ביישפּיל — מאַילאָ רינאָ, פון דער „פאַרמערס האָלידעי אַסאָסיעישאָן". מר. רינאָ'ס אָנהענגער אין קאָנגרעס, די פאַרמער אין זיין אָרגאַניזאַציע, און ליבעראַלן, וואָס שטיצן דעם דאָזיקן פאַרמער־פירער, ווייסן ניט, אַז ער איז איינער פון די גרעסטע פאַרשפּרייטער פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין לאַנד און אַז זיינע ארויסטריטן קעגן אידן האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף דעם וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע.

רינאָ איז אַרומגעפאָרן איבער די פאַרם־געגנטן, ספּעציעל אין אַיאָוואַ, און דערציילט גרופּן פאַרמער, אַז די אידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע צרות. די אַנטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם אין אַיאָוואַ, נעבראַסקאַ און אַנדערע געגנטן פון דער מיטל־וועסט איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַ דאַנק דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז די אידן, וואָס וואוינען אין יענע געגנטן, האָבן זיך געווענדט צו הענרי וואָלאַס (איצט — דער אַגריקולטור־מיניסטער), אַז ער זאָל זיך דורכריידן מיט מאַילאָ רינאָ און אים געבן צו פאַרשטיין, אַז די אידן זיינען דאָ שולדיק ניט מער ווי די כינעזער.

שפּעט אין יוני, 1933, האָבן וואַלאַס און ראַבאַי יודזשין מאַנהיימער פון דע־מאָין זיך געטראָפן מיט דעם פירער פון דער „פאַרמערס האָלידעי אַסאָסיעישאַן". מאַילאָ רינאָ האָט זיי דערקלערט ענערגיש, אַז „די אידן האָבן דערפונדן 'וואָוכעריי' (הויט־שינדערישע פּראָצענטן)", און זייערע דעריבער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פאַרמער׳ס צרות. דער איד, האָט רינאָ גע׳טענה׳ט, איז דער פאַרפאַסער פון אַלע צרות, פון וועלכע די פאַרמער ליידן איצט.

דער איצטיקער אַגריקולטור־מיניסטער האָט ניט געוואוסט, און דער ראַבאַי פון דע־מאָין אַזוי גוט ווי די פאַרמער, וואָס פאָלגן נאָך רינאָ׳ס פירערשאַפט, האָבן אויך ניט געוואוסט, אַז דער דאָזיקער פאַרמער־פירער האָט געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט דער אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „אַמעריקען פאַשיסטס" („אַמעריקאַנער פאַשיסטן") און וואָס זייערע פירער פּלאַנעווען אומצוואַרפן די אַמעריקאַנער רעגירונג דורך גוואַלד־מאַכט אַזוי שנעל ווי זיי וועלן זיין ווי געהעריק אָרגאַניזירט!

די „אַמעריקאַנער פאַשיסטן" האָבן אַן אַנדער נאָמען, אונטער וועלכן זיי זיינען געוויינטלעך באַקאַנט: „די קרוסעידערס פאַר עקאָנאָמיק ליבערטי" („קעמפער פאַר עקאָנאָמישער פרייהייט"), אָדער די „וואַיט שוירטס" („ווייסע העמדלעך"). דער הויפּט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז דער עקס־צענטרישער דזשאָרדזש וו. קריסטיאַנס, מיט „העדקוואָדערס" אין טשאַטאַ־נוגאַ, טענעסי. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַן אייגענע ברייטע שפּיאָנאַזש־סיסטעם, אָנגעפירט פון ס. פּ. פּוליאַם פון מאַקסאַטין, איאָווא, איז געווען זייער טעטיק אין פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַרבעטנדיק די גאַנצע צייט צוזאַמען מיט נאַצי־אַגענטן אין אַמעריקע.

ווען הענרי וואַלאַס איז געוואָרן אַגריקולטור־מיניסטער, האָט ער גע־קראָגן צופיל מאַכט און איינפלוס, אַז מאַילאָ רינאָ זאָל אָפּן אַרויסטרעטן קעגן אים; און ווען וואַלאַס האָט געצויגן רינאָ׳ס אויפמערקזאַמקייט צו די רעזולטאַטן פון זיין אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט רינאָ באַשלאָסן אָפּצוברעכן מיט די „וואַיט שוירטס" און זייער פּראָפּאַגאַנדע פון ראַסן־האַס. לעאָן וואַנדערלין, לאָקאַלער סעקרעטאַר פון דער נאָרט־איסט אָפּ־טיילונג פון דער „פאַרמערס האָלידעי אַסאָסיעישאַן", מיט העדקוואָדערס אויף 485 מעדיסאָן עוועניו, ניו יאָרק, האָט פאַרטראָטן רינאָ׳ן, כלומרשט אין נאָמען פון די „פּאַראייניקטע ליבעראַלע גרופּן פון גרויס ניו יאָרק", אין די פאַרהאַנדלונגען צווישן די פאַרמער־פירער און דעם הויפּט פון דער שפּיאָנישער „וואַיט שוירטס" אָרגאַניזאַציע.

אָנהויב פעברואַר, 1934, האָט פּוליאַם געשריבן צו וואַנדערלין׳ען אַ בריוו, וואָס אַ טייל ווערט דאָ איבערגעגעבן:

„ווייסט איר ווירקלעך וואָס פאַשיזם איז, אָדער איר נעמט אָן דאָס, וואָס אַלע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע אין די הענט פון די שונאים פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק ווילן אַז איר זאָלט גלייבן? אַ סך אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען ווערן באַצייכנט ווי פאַשיסטישע, כאָטש זיי זיינען ניט מער

פּאַשיסטיש ווי איר האַלט וועגן זיך. פּאַשיזם איז מאָדערנער נאַציאָנאַליזם. פּאַשיזם איז ניט קיין אויסלענדישע אימפּאָרטאַציע. ס׳איז אַ וועלט-אידייע. ס׳איז אַפילו ניט קיין נייע אמונה. ס׳איז אַ נייער מעטאָד. פּאַשיזם איז די מאָדערנע אָנווענדונג פון אַן אַלטער אמונה. ס׳איז די לערע פון אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלעמען. ס׳איז אין עצם אַ „גייסטיקער ווידער־געבורט", אַן „אויפקלערונג". יעדע אַרישע וועלט-מלוכה היינט צו טאָג אָר־גאַניזירט איר אייגענעם טיפּ פּאַשיזם לויט אירע באַדערפענישן און לויט דער פּסיכאָלאָגיע פון איר פאָלק. ס׳איז דער ענטפער פון די ווייסע ראַסן, וואָס קעמפן אָפּ אָנצוהאַלטן זייער איבערהערשאַפט אין דער וועלט און זייער קריסטלעכע קולטור און ציוויליזאַציע, צום אינטערנאַציאָנאַלן פינאַנציאַליזם און דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַרקסיסטישן קאָמוניזם פון דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן אידנטום, וואָס זוכט צו פאַרניכטן די ווייסע איבערהערשאַפט. די גאַנצע וועלט איז אַ שלאַכטפעלד און דאָס אינטערנאַציאָנאַלע אידנטום האָט ניט וועמען צו באַשולדיקן, חוץ זיך אַליין, אין דעם וואָס קומט איצט פאָר. ווייל אין דעם משך פון פיל יאָרן האָבן זיי פלייסיק געזייט דעם שטורעם פון וועלכן זיי שניידן איצט די גערטעניש. כאָטש זיי (די אידן) קאָנ־טראָלירן איצט אַמעריקע אָפּ יעדן געביט פון לעבן, מוזן זיי איבערגעבן דעם קאָנטראָל צו אונז און צוריקטרעטן פון די הויפּט-פּאָזיציעס, וואָס זיי פאַר־נעמען איצט — אָדער ליידן די קאָנזעקווענצן פון זייערע אייגענע האַנד־לונגען."

האָבנדיק אין זינען, אַז דער אַגריקולטור־מיניסטער האָט אים געוואָרנט וועגן צעבלאָזן די פלאַמען פון רעליגיעזן און ראַסן־האַס דאָ אין לאַנד, האָט מאַילאָ רינאָ אינסטרואירט וואַנדערלינ׳ען זיך אָוועקצורייסן פון דער דאָזיקער פּאַשיסטישער גרופּע. דעם 15טן פעברואַר, 1934, האָט וואַנדערלין געשריבן צו פּוליאַמ׳ען, דעם הויפּט פון דער שפּיאָנאַזש־ און פּראָפּאַגאַנדע־דינסט, דאָס פאָלגענדע:

„טייערער מר. פּוליאַם:

עס טוט מיר זייער לייד, וואָס די שטעלונג, וועלכע איר און מר. קריסטיאַנס האָט גענומען אין די לעצטע דריי חדשים מוז פירן דערצו, אַז יעדע קאָאָפּעראַציע צווישן אונז זאָל איבערגעריסן ווערן. ווי איך האָב אייך געזאָגט לעצטן זומער, שטים איך איין מיט אייך וועגן די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן און וועגן דער נויטיקייט אָנצוהאַלטן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון קריסטנטום; דאָך בין איך דורכאויס קעגן אַלצדינג, וואָס שמעקט מיט היטלער׳ס מעטאָדן און נאַצי־פילאָזאָפיע. דער פאַקט, וואָס איר האָט פאַר־שפּרייט דייטשע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז גוטגעהייסן געוואָרן פון אויס־געשפּראָכענע רעאַקציאָנערן, ווי האַמילטאָן פיש און זיין חברה, איז די לעצטע שטרוי. (וואַנדערלין פאַררופט זיך דאָ אָפּ דעם אַנטיסעמיטישן בוך „קאָמוּ־ניזם אין דייטשלאַנד", וואָס דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק האָט אַהער אימפּאָרטירט פון דייטשלאַנד און וואָס ראַלף מ. איזלי פון דער „נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן" האָט פאַרשפּרייט. — דזש. ל. ס.)

איך בין באַאויפטראַגט פון מאַילאָ רינאָ אייך צו אינפאָרמירן, אַז עס קאָן ניט זיין קיין שום בונד צווישן די „קרוסעידערס פאַר עקאָנאָמיק ליבערטי" און דער „פאַרמערס האָלידעי אַסאָסיאיעישאָן". מר. רינאָ האָט די זעלבע מיינונג וואָס איך, אַז דער עצם פון קריסטנטום ליגט ניט אין

העצן צו רעליגיעזן און ראסן־פאראורטייל. ווען די „קרוסעידערס" האבן געמאכט דעם סטעיטמענט: „די גאלדן רול („באגיי זיך מיט אנדערע ווי דו וואלסט וועלן אז יענע זאלן זיך באגיין מיט דיר") אנשטאט דער הערשאפט פון גאלד", זיינען זיי געווען אפ ריכטיקן וועג. ווען זיי האבן געענדערט זייער נאמען אף „אמעריקאנער פאשיסטן", האבן זיי פון זיך אפגעפרעמדט דעם שטארקסטן עלעמענט, וואס האט געקאנט קומען צו זייער שטיצע, די „פארמערס יוניאן" און די „פארמערס האלידעי אסאסיעישאן".

ווען אונזער האר האט ארויסגעטריבן די חלפנים פון דעם טעמפל, האט ער ניט אנגעהויבן קיין קאמפאניע פון רעליגיעזער פארפאלגונג, און די מלחמה קעגן וואל סטריט און שיקאגא „פיט" שליסט ניט איין קיין קאמ־פאניע פון רעליגיעזער אומטאלעראנץ און די קלאפערגעציייג פון דיקטאטור און היטלעריזם.

צו יעדער צייט, ווען די „קרוסעידערס פאר עקאנאמיק ליבערטי" וועלן זיין וויליק צו ענדערן זייער טאקטיק, אויפגעבן זייער נארישע אידייע וועגן פאשיזם און אף דער אמת'ן פרייידיקן די „גאלדן רול", וועלן זיי געפינען די „פארמערס האלידעי אסאסיעישאן" מער ווי גרייט צו קאאפערירן מיט זיי.

ביז דעמאלט מוזן מיר זיך באטראכטן אף גאנץ פארשיידענע וועגן.

לעאן וואנדערלין,

לאקאלער סעקרעטאר, נארט־איסט אפטיילונג
פארמערס האלידעי אסאסיעישאן."

ווייסנדיק וועגן דער קאנפערענץ צווישן סעקרעטאר וואלאס און מאילא רינא, וועגן דעם לעצטנ'ס אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע אין דער מיטל־וועסט, קאן מען גרינג פארשטיין מר. וואנדערלינ'ס אנטריסטונג. אפשר וועט מר. וואנדערלין, אזוי גוט ווי מאילא רינא, בעסער פארשטיין די פלוצימדיקע פארוואנדלונג פון די „אמעריקאנער פאשיסטן" אין אן ארגאני־זאציע פאר אינטענסיווער פרייידיקונג פון אנטיסעמיטיזם, ווען עס וועט ארויסגעבראכט ווערן, אז פוליאם איז צו יענער צייט געשטאנען אין ענגער פארבינדונג מיט נאצי־אגענטן אין אמעריקע און האט אונטערגעשריבן זיינע בריוו צו יענע אגענטן מיט דעם סוואסטיקא־צייכן פון געטריישאפט צו היטלער'ן.

איך וועל דא ציטערן א מוסטער־בריוו. ער איז געשריבן געווארן דעם 24טן אפריל, 1934, אדרעסירט צו רעינהאלד וואלטער פון די „פרענדס אוו ניו דזשערמאני", די פירנדיקע ארגאניזאציע פאר פארשפרייטן אנטי־סעמיטישע פראפאגאנדע אין אמעריקע. דער בריוו איז אנגעקומען צו וואלטער'ן אהיים, 805 פעירמאונט פלעיס, ניו יארק.

„טייערער מר. וואלטער:

אומגעפער מיט א וואך צוריק האב איך אייך געשיקט אפן אדרעס פון אייער צייטונג א קאפיע פון א סטעיטמענט צו דער פרעסע פון דעם פראפ־פאגאנדע־דעפארטמענט פון די „קרוסעידערס פאר עקאנאמיק ליבערטי". אויב איר האט דאס געדרוקט, וועל איך אייך זיין זייער דאנקבאר פאר צושיקן מיר א קאפיע פאר מיין ארכיוו און רעקארדס. איך וועל מיט פארגעניגן באצאלן פאר דער קאפיע.

איך האָב נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס די אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל „טודעי" וועגן די נאַצי־טעטיקייטן. איך אַף אייער פּלאַץ וואָלט זיך ווייניק געגומען צום האַרצן אַזוינע אַרטיקלען. יעדע קריטיק איז רעקלאַמע, ווייל איר ווייסט און איך ווייס, אַז זיי זאָגן ניט דעם אמת. איך באַהאַנדל אַלע אַזוינע אַטאַקעס אַף דער „קרוסעידער"־באַוועגונג מיט פאַר־אַכטונג און בין גאָרניט באַווירקט פון זייערע פּלוידערייען.

איר קאָנט אַ סך אויפטאָן פאַר אַמעריקאַנער פרייהייטן און אינסטי־טוציעס, און איך האָף, אַז איך וועל האָבן דאָס פאַרגעניגן צו הערן פון אייך.

אייערער אין חבר'שאַפט פאַר אַרישער פרייהייט,

ס. פּ. פּוליאַם".

נ. ב. — בייגעלייגט וועט איר געפינען קאָפּיעס פון דריי בריוו, וואָס איך האָב געשריבן און וואָס וועלן אייך אפשר אינטערעסירן. די אידן אין אַמעריקע האָבן אפשר איבערגעשראָקן אַ סך פון אייך, אַמעריקאַנער בירגער פון דייטשער אָפּשטאַמונג, אָבער דאָ האָט איר איין אַמעריקאַנער בירגער מיט גוטן דייטשן בלוט אין זיינע אָדערן, וואָס שעמט זיך ניט דערמיט. איך זאָג וואָס מיר געפעלט און פריידיק וואָס איך וויל, ווי די קאָנסטיטוציע דערלויבט דאָס מיר. טאָ שיקט אייערע ניו יאָרקער אידן אַהער אין איאָוואַ און זאָלן זיי זען ווי ווייט זיי קאָנען גיין אין אונטערדריקן פרייע רעדע.

ס. פּ. פּ."

אָט־דער אַמעריקאַנער פאַשיסט, אָדער „ווייס העמדל", אָדער „קעמפער פאַר עקאָנאָמישער פרייהייט" שרייבט ניט שטענדיק אונטער זיינע בריוו מיט דער שלום־באַגריסונג „אין חבר'שאַפט פאַר אַרישער פרייהייט". דאָס וואָרט „אַרישער" ווערט באַנוצט בלויז אין בריוו צו נאַצי־אַגענטן. אָבער ווי זיי זאָלן זיך ניט אונטערשרייבן, זיינען די „וואַיט שוירטס" צווישן די טעטיקסטע פאַרשפּרייטער פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע דאָ אין לאַנד.

איינע פון זייערע הויפּט פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייטן באַשטייט אין פאַר־שפּרייטן די דיסקרעדיטירטע „פּראָטאָקאָלן פון ציון". די „פּראָטאָקאָלן" ווערן אַרויסגעשיקט אין אַ גרויסער צאָל דורך פּאָסט, און יעדער עקזעמפּלאַר אַנטהאַלט אַ בריוו פון דזשאָרדזש וו. קריסטיאַנס, דעם עקסצענטרישן אָנ־פירער פון דער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכן עס ווערט דערקלערט ווי נויטיק עס איז צו לייענען דעם בוך און פאַרשטיין זיין פילאָזאָפיע.

זינט קריסטיאַנס און פּוליאַם האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען מיט די נאַצי־אַגענטן אין אַמעריקע, איז דער טשיף פון די „ווייסע העמדלעך" געקראָכן פון דער הויט אַף צו באַווייזן זיין לאָיאַליטעט צו די נאַצי־אַגענטן. איינער פון קריסטיאַנס' נאָענטע מיטאַרבעטער איז אָסקאַר ס. פּפאַוס פון 1446 וועסט עדזשמאָנט עוועניו, שיקאַגאָ. פּפאַוס איז איינער פון די הויפּט נאַצי־פירער אין שיקאַגאָ אַפּן געביט פון אַנטיסעמיטישער טעטיקייט. חוץ מאַכן ווילדע אַטאַקעס אַף אידן בא יעדער געלעגנהייט, איז פּפאַוס'עס הויפּט־טעטיקייט אין דער מיטל־וועסט באַשטאַנען אין קאָנסאָלידירן די פאַר־שיידענע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין איין מעכטיקער קערפּערשאַפט אַף אָנצופירן די אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן פון איין צענטער. זיין „אָפיציעלער"

אמט איז — פרעזידענט פון „דזשערמאן עלאיענס" („דייטשער פארבאנד") אין שיקאגא.

פפאוס'עס אנטיסעמיטישע טעטיקייטן האבן ארויסגערופן א סך אנטאַ־גאניזם ניט בלויז צווישן אידן, נאר אויך צווישן א סך קריסטן, און דער נאצי־פירער האט זיך באקלאגט פאר דעם הויפט פון די „אמעריקאנער פאשיסטן", אז ער ווערט „פארפאלגט" פון צוויי אידן, דזשוליוס קליין און ראבערט באום. ניט וויסנדיק ווי אזוי זיך צו שטעלן אין פארבינדונג מיט די דאזיקע צוויי פערזאנען, ניט געקוקט אף זיין שפיאנאזש־סיסטעם, האט קריסטיאנס געשריבן צו דער „אידישער טעלעגראפן־אגענטור", אפן אדרעס פון דעם „דזשואיש אדוואקעיט" אין באסטאן, סטראשענדיק זיי מיט גענגסטערס פון שיקאגא. די ווארנונג איז געשריבן געווארן דעם 7טן מערץ, 1934. אט איז דער בריוו:

„דזשענטלמען:

מ'האט מיך אינפארמירט, אז מר. אסקאר ס. פפאוס, 1446 וועסט עדזש־מאנט עוועניו, שיקאגא, אילינאי, א דייטשער בירגער, ווערט פארפאלגט דורך אונטערערדישע מעטאדן פון א פאר מוסרים, דזשוליוס קליין און ראבערט באום, דערפאר וואס ער באציט זיך סימפאטיש צו די „קרוסעידער וואיט שוירטס" און איז איינשטימיק מיט אונזער פראגראם פון דער „עקאנאמיק ליבערטי ליג".

מיר זיינען איצט גוט צוגעגרייט און פולשטענדיק וויליק, פאר פוב־ליסיטי צוועקן, צו פארטיידיקן מר. פפאוס'עס רעכט אין אן אפענעם קאמף אין געריכט, אבער מיר האבן ניט בדעה צו דולדן די געמיינע באהאלטענע אנפאלן. אויב איר דענקט, אז מיר מיינען ניט וואס מיר זאגן, פרעגט זיך נאר אן און געפינט אויס ווער איז ווער אין דער שיקאגער אונטערוועלט.

אייערער אין חבר'שאפט פון פרייהייט,

דזשארדזש וו. קריסטיאנס,

הויפט־קאמאנדיר פון די „קרוסעידער וואיט שוירטס".

צו דער זעלביקער צייט האט דער פאטריאטישער מר. קריסטיאנס גע־שריבן צו מר. א. באסבי פון טאמפא, פלארידא, אז יענער זאל „אויסנוצן אייערע אונטערערדישע פארבינדונגען כדי מר. פפאוס זאל קריגן די שוץ, אין וועלכער ער נויטיקט זיך, אזוי אז מיר זאלן קאנען אנהאלטן דעם דאזיקן קאמף אין דער עפנטלעכקייט און קריגן אזוי פיל פובליסיטי ווי מעגלעך".

אזא מין שטאף קלינגט א ביסל משוגע, און מיר וואלטן דאס אפשר געקאנט איגנארירן, ווען מיר וואלטן ניט געוואוסט, אז היטלער'ס טעטיקייטן אין דייטשלאנד, איידער ער איז געקומען צו דער מאכט, זיינען געווען פונקט אזוי פאנטאסטיש און משוגע ווי די בריוו פון די „קרוסעידערס".

אבער משוגע צי קלאר — די אינטענסיווע פראפאגאנדע, וואס די דאזיקע פאשיסטישע פירער פארשפרייטן אין ענגער קאאפעראציע מיט נאצי־אגענטן דא אין לאנד, איבט אויס א טיפע ווירקונג אף דער באציאונג פון קריסטן צו אידן. די אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע פון פוליאם'ס פרא־

פּאַשיסטישער יחוס אין דער אונטערוועלט

CRUSADER WHITE SHIRTS
NATIONAL HEADQUARTERS
CHATTANOOGA, TENNESSEE

March 7, 1934

The Jewish Telegraphic Agency,
c/o The Jewish Advocate,
Boston, Massachusetts.

Gentlemen:

I have been informed that Mr. Oscar C. Pfaus, 1446 W. Edgemont Avenue, Chicago, Illinois, a German citizen, is being persecuted by underground methods by a pair [illegible] of Julius Klein and Robert Baum, because of his sympathetic attitude toward the Crusader White Shirts, and his approval of our Economic [illegible] program.

Now we are well prepared and perfectly willing, and in fact anxious, for publicity purposes, to defend Mr. Pfaus' rights in an open fight in the courts, but we do not propose to stand for this sneaking, undercover nonsense. If you don't think we mean what we say, just make a few inquiries and find out who is who in the Chicago Underworld.

Yours in the fellowship of freedom,

Geo. W. Christians

Geo. W. Christians,
Commander-in-Chief, Crusader White Shirts

GWC:EK

פאטאגראפיע פון דעם בריוו, וואס דער טשיף פון די „ווייסע העמדלעך" האט געשיקט צו א אידישער צייטונג. ער בארימט זיך מיט זיינע פארבינדונגען אין דער אונטערוועלט פון שיקאגא.

פּאַגאַנדע־דעפּאַרטמענט און פון מאַילאָ רינאָ, איידער ער האָט געקראָגן אַ באַפעל אויפצוהערן, איז געפאַלן אַף אַ רייכן באָדן. אין דער געשעפט־וועלט האָט דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די אידן שוין דערגרייכט צו אַ שטופּע, וואו מען פאַרשפּרייט באַפעלן ניט צו געבן קיין אינשורענס פּאָליסים צו אידן. לאָמיך אילוסטרירן די ווירקונג פון מאַילאָ רינאָ'ס פּראָפּאַגאַנדע און פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון די „וואַיט שוירטס" אין איאָווא.

די „מיוטשואַל לאַיעבילירטי אינשורענס קאָמפּאַני" פון איאָווא, וואָס איר הויפּט־אָפיס איז אין דער אינשורענס בילדינג, 512 סעקאָנד עוועניו איסט, סידאַר ראַפּידס, איאָווא, האָט געשריבן צו דזש. מאַקס גאָאַר, מענעדזשער פון דער דזש. מאַקס גאָאַר אינשורענס אייִדזשענסי, 505 פּלימוט בילדינג, מינעאַפּאָליס, מינעסאָטאַ, דעם 11טן דעצעמבער, 1933:

וועגן פּ.ס.א. נומער 406108

„טייערער סער:

אונזער אונטערזוכונג פון דער דאָזיקער ריזיקע (אינשורענס פּאָליסי) ווייזט, אַז דער טראָק, וואָס ווערט געדעקט דורך דער דאָזיקער פּאָליסי, ווערט געטריבן פון אַ יונגנמאַן, צוואַנציק יאָר אַלט, וואָס האָט אַ רעפּוטאַציע פון טרייבן שנעל און ניט־פאָרזיכטיק. כאָטש אונזער פּאָליסי איז אין קראַפט זינט דעם 5טן מאַי און מ'האָט אונז ניט צוגעשטעלט קיינע „קלעימס", פילן מיר אָבער, אַז ווען מיר זאָלן אָנהאַלטן די פּאָליסי, וועט דאָס פריער אָדער שפּעטער אונז אַריינציען אין אַ „קלעים" דורך דעם שאָפער'ס אופן פון טרייבן.

אונטער די אומשטענדן זיינען מיר געצוואונגען צו אַנולירן (קענסלען) די דאָזיקע פּאָליסי, און מיר האָפן, אַז איר וועט ניט האָבן קיין שוועריקייטן אין שנעל צוריקקריגן די פּאָליסי. אויב איר קאָנט, צוליב וועלכע ס'איז אורזאַכן, ניט צוריקקריגן די פּאָליסי אין די קומענדיקע זיבן טעג, וועט אַ מעלדונג וועגן דער אַנולירונג אַרויסגעשיקט ווערן צום אינשורטן פון אונזער אָפיס.

מיר מעגן אגב דערמאָנען, אַז די דאָזיקע פּאָליסי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו אַ אידישן אינשורטן (קליענט), וואָס איז, לויט אונזער דערפאַרונג, אַן אומגעווינטשטע ריזיקע, און דעריבער וועלן מיר אָפּשאַצן אייער הילף אין צוריקווייזן ווייטערדיקע ריזיקעס צו מענטשן פון דעם דאָזיקן טיפּ, נעמענדיק אין באַטראַכט די אומגינסטיקע רעקאָרדס.

אָפּשאַצנדיק אייער שנעלע קאָאָפּעראַציע און דאַנקענדיק אייך פאַר מעלדן, אַז איר האָט געקראָגן דעם בריוו, בלייבן מיר,

אויפריכטיק אייערע,

איאָווא מיוטשואַל לאַיעבילירטי אינשורענס קאָ.

(אונטערגעשריבן) ג. דזש. סטאַרמאַן."

עס וואָלט ניט זיין שווער צו ברענגען נאָך שטויגענדע באַווייזן וועגן דער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס פאַרשפּרייט זיך איבערן לאַנד אונטער דער אָנפירערשאַפט פון נאַצי־אַגענטן. איך האָב שוין דאָ געוויזן דעם אומ־גלויבלעכן געוועב פון אַנטיסעמיטישער טעטיקייט און העצע, וואָס די היטלער־אַגענטן האָבן אויסגעשפּרייט איבערן לאַנד. מיר האָבן געזען ווי עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגע פאַר די צוועקן פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און מיר האָבן אָנגעוויזן אַף אירע פאַר־בינדונגען מיט באַקאַנטע אַמעריקאַנער „פּאַטריאָטישע” אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אויסגעשפּרייט די שפּינוועב פון ראַסן־האַס איבער אַלע געביטן פון לעבן אין אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך צו מאַכן אידן און קאָמוניסטן די כפּרה־הינדלעך פאַר דער קראַכנדיקער עקאָנאָמישער סיסטעם, פונקט ווי היטלער האָט דאָס געטאָן אין דייטשלאַנד.

איך האָב אין ערשטן קאַפּיטל אָנגעגעבן אַ ריי פונקטן, וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו באַווייזן און באַשטעטיקן. איך גלויב, אַז איך האָב די אַלע פונקטן באַוויזן, און אַ סך אַנדערע אויך. די באַווייזן זיינען איצט אין דער עפנטלעכקייט, אָפן פאַר אַלעמען.

וואָס עס קאָן געטאָן ווערן אַף אָפּצושטעלן די ווייטערדיקע פאַר־שפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם, איז אַ פראַגע וואָס איך ריר דאָ ניט אָן, ווייל זי פאָדערט אַ באַזונדערע ברייטע באַהאַנדלונג. איך גלויב ניט, אַז היטלער'ס מפּלה אין דייטשלאַנד וועט אויטאָמאַטיש דאָ לייזן די פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. די זוימען פון אַנטיסעמיטיזם זיינען דאָ געפאַלן אַף אַ פרוכטיקן באָדן. איך דענק, אַז מיר דאָ אין לאַנד דאַרפן זיין גרייט פאַר אַ לאַנגן פּעריאָד פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. און ס'איז בלויז אַ פראַגע פון צייט, ווען רייד און געדרוקטע ווערטער וועלן פירן צו אָפענע אַטאַקעס אַף אידן און צו אומפאַרמיידלעכע פּאָגראָמען.

די אידן, אויב זיי רעכענען זיך וויפל ס'ניט איז מיט די באַווייזן, וואָס זיינען דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן, וואָלטן געמעגט באַצייטנס זיך אָנהויבן גרייטן צו פאַרטיידיקן זיך, זייערע היימען און זייער קולטורעלע ירושה. איך גלויב ניט, אַז זיי האָבן צופיל צייט פאַר צוגרייטונגען, איידער דער שטורעם פון דעם נאַצי־געפירטן אַנטיסעמיטיזם וועט זיך אַף זיי אַראָפּלאָזן.

נאָכוואָרט

עס איז איבעריק אָנצוּוואַייזן אַף דער וויכטיקייט פֿון די אויפֿדעקונגען וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, וואָס דזשאַן ל. ספּיוואַק האָט דאָ געמאַכט. זיין סעריע אַרטיקלען אין „ניו מעסעס", וואָס ווערט דאָ געגעבן כמעט אָן ענדערונגען, האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אין פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן. אין דעם אַנטיסעמיטישן לאַגער האָט ספּיוואַק געשאַפֿן אַן אמת'ע פּאַניק מיט זיינע אומדערבאַרעמדיקע און אומבאַשטרייטבאַרע באַווייזן וועגן אַנטיסעמיטישער טעטיקייט אין די גאָר „הויכע פֿענצטער". די מפּלה פֿון קאָנגרעסמאַן מעקפֿאַדען אין די לעצטע וואַלן איז אין אַ גרויסער מאָס — דער רעזולטאַט פֿון ספּיוואַק'ס אויפֿדעקונגען. דער אַנטיסעמיטישער „רעקעט" פֿון דזשאָנג'ס באַנדע אין שיקאַגאָ האָט געליטן אַ שווערן קלאַפּ. אין דער נעשאָנאַל סיוויק פֿעדערעישאָן, וואו ראַלף איזלי און מעטיו וואָל זיינען די הויפּט־מאַכער, האָבן ספּיוואַק'ס אויפֿדעקונגען געהאַט אַן ענלעכע ווירקונג. איינצעלנע פֿאַשיסטן און אַנטיסעמיטן, וואָס זיינען דעמאַסקירט געוואָרן דורך ספּיוואַק'ן (וואַיאָלאַ אילמאַ, מאַילאָ רינאָ, איזלי, דזשאָנג און אַנדערע), קאָנען שוין איצט ניט אָנפֿירן זייער אַנטיסעמיטישע טעטיקייטן מיט די זעלביקע מעטאָדן, אונטער די זעלביקע אָנשטעלן. וואַיאָלאַ אילמאַ'ס „יוגנט־באַוועגונג" איז דיסקרעדיטירט. אַ ריי פּאַרשוינען, וואָס האָבן געזוכט מאַכן אַ קאַריערע פֿון אָרגאַניזירן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און צוגרייטן דעם באָדן פֿאַר פּאָגראָמען אַף אידן, זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין זייער אמת'ער ליכט. ספּיוואַק'ס גלענצנדע און מוטיקע אַרויסטרעטונגען אין „ניו מעסעס" האָבן אַליין אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, און די רעוואָלוציאָנערע פּרעסע, וואָס האָט איבערגעדרוקט ספּיוואַק'ס אויפֿדעקונגען, האָט דערמיט גופֿא געהאָלפֿן דערלאַנגען אַ שווערן קלאַפּ די רעאַקציאָנערע באַנדעס, וואָס האָבן זיך לעצטנס גענומען ספּעציאַליזירן אַף אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און פּאָגראָם־העצעס.

עס איז אָבער קלאָר, אַז דערמיט אַליין קאָנען מיר זיך ניט באַפֿרידיקן אין אונזער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן דער שטייגנדער געפֿאַר פֿון פּאָגראָמען אין אַמעריקע. קעגן דעם אָרגאַניזירטן פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם מוז אַרויסגעשטעלט ווערן אַן אָרגאַניזירטע מאַכט צו באַקעמפֿן דעם פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. ספּיוואַק גיט אונז ווערטפֿולע אָנווייזונגען וועגן די הויפּט־נעסטן פֿון די פּאָגראָם־מאַכער. ער גיט אונז אַ מאַסע פֿאַקטן און מאַטעריאַלן, פֿון וועלכע עס לאָזן זיך ציען וויכטיקע שלוסן. וואָס זיינען די גרונד־שטריכן פֿון ספּיוואַק'ס אויפֿדעקונגען וועגן אַנטיסעמיטיזם? לאָמיר דאָ אָנווייזן בלויז אַף אַ פּאָר:

1) אומעטום איז די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט זיין

אַמעריקע געקניפּט און געבונדן מיט נאַצי־אָרגאַניזאַציעס אָדער מיט איינ־צעלנע היטלער־אַגענטן, וואָס באַזאָרגן די היגע אַנטיסעמיטישע אָרגאַני־זאַציעס מיט אַריינגעשמוגלטער ליטעראַטור, מיט געלט, מיט פּלענער, מיט פּערזענלעכער פירערשאַפט.

2) אומעטום זיינען די אַזוי־גערופענע „פּאַטריאָטישע" אָרגאַניזאַציעס — די נעסטן פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. דער אָפיציעלער ציל און „אידעאַל" פון יענע אָרגאַניזאַציעס איז — אויסצוראָטן דעם קאָמוניזם. אונטערדריקן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן און באַפעסטיקן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַליזם. די רעאַקציאָנערסטע גרופּירונגען אין לאַנד זיינען גלייכ־צייטיק — די טעטיקסטע אַנטיסעמיטישע באַנדעס.

3) די אידישע גרויס־בורזשואַזיע שטיצט אַקטיוו די ערגסטע רע־אַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס צוליב זייער קאַמף קעגן קאָמוניזם. אָבער די געלט־שטיצע פון די רייכע אידן ווער טגענוצט אויף צו פאַרשפּרייטן אַנטי־סעמיטיזם. צי זיי ווילן דאָס צי ניט, זיינען די רעאַקציאָנערע שטיכטן פון דער אידישער בורזשואַזיע — מיטהעלפער אין דער פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם און אין צוגרייטן דעם באָדן פאַר פּאָגראָמען.

4) אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַלט אויף אַ פרוכטיקן באָדן צווישן די רואינירטע קליינבירגער און פאַרמער. זיי הריגן אין דער אַנטיסעמיטישער „תורה" — אַ פאַרטיקע דערקלערונג וועגן זייער שווערע לאַגע. שולדיק אין דעם קריזיס זיינען, הייסט עס, די „אינטערנאַציאָנאַלע אידן", די „אינטער־נאַציאָנאַלע אידישע באַנקירן", וועלכע האָבן געמאַכט אַ „פאַרשווערונג" צו פאַרכאַפּן די מאַכט איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי אַרום ווערט די אַנטי־סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע גענוצט ווי אַ מיטל אָפּצוציען דעם צאָרן פון די מאַסן פון דעם קאַפּיטאַליזם, פון דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. אידעאָלאָגיש איז דאָס אַ מין „אינשורענס" קעגן דער ראַדיקאַליזאַציע פון די מאַסן, קעגן רעוואָלוציאָנערע שטימונגען.

דער הויפּט־טעזיס פון די אַנטיסעמיטן איז, אַז „אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן און אַלע קאָמוניסטן זיינען אידן". די רעאַקציאָנערן און אַנטי־סעמיטן, וואָס גיבן זיך אָן פאַר „גוטע פריינט" פון אידישן פאָלק, מאַכן עס אַ ביסל אַנדערש — ווי עקס־אַמבאַסאַדאָר דזשעראַרד, צום ביישפּיל: זיי דערקלערן, אַז די „לאָיאַלע" אידן דאַרפן זיך אָפּטרייסלען פון די אידישע קאָמוניסטן און העלפן אין דער אידישער סביבה אויסצוראָטן די „קאָמו־ניסטישע געפאַר". אַניט — וועט זיין פּאָגראָמען. דער דאָזיקער שטאַנד־פּונקט, אַז די אידישע בורזשואַזיע און קליינבירגערטום דאַרפן ווערן אַ שטיץ־פּונקט פאַר דער רעאַקציע, דאַרפן אָנהויבן אַ געיעג אויף אידישע קאָמוניסטן כדי דערמיט זיך צו באַשיצן פון דעם „צאָרן פון פאָלק", — אָט־דער שטאַנד־פּונקט ווערט אויך געשטיצט אין געוויסע אידישע קרייזן. דער „פאָרווערטס" סאָלידאַריזירט זיך מיט דזשעראַרד'ן און איז מסכים מיט זיין רפואה קעגן אַנטיסעמיטיזם.

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ געפערלעכער שטרעמונג אויף דער אידישער גאַס גופא צו שטאַרקן די רעאַקציע כלומרשט ווי אַ מיטל פון קאַמף קעגן רעאַקציע. ספּיוואַק׳ס אויפדעקונגען דאַרפן דאָ האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף צו דיסקרעדיטירן דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט. אַז מען לייענט איבער דעם דאָזיקן בוך, ווערט פולשטענדיק קלאָר, אַז אין יעדן פאַל פון אַקטיווער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר צו טאָן מיט רעאַקציאָנערע גרופּן מיט פּראָפעסיאָנעלע „פּאַטריאָטן", וועלכע ספּעציאַליזירן זיך אויף ברעכן סטרייקס, אָנפירן שפּיאָנאַזש צווישן אַרבעטער, פּאָגראָמירן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, א. אז. וו. אַנטיסעמיטיזם איז ביי זיי — אַן אָרגאַנישער טייל פון זייער רעאַקציאָנערער פּראָגראַם צו באַשיצן די בורזשואַזע ממשלה מיט אומגעזעצלעכן, עקסטרא־לעגאַלן טעראָר, ווי אַ צוגאָב צום לעגאַלן טעראָר־אַפּאַראַט. אין דער מאָס ווי עס ווערט אָפּגעשוואַכט די רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט פון די אַרבעטער, אין דער מאָס ווי עס ווערט פאַרנאַכלעסיקט די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פאַר קאַמף קעגן פאַשיזם און רעאַקציע, — אין דער מאָס ווי מען זוכט צו צעשפּליטערן די כחות פון אַרבעטער־קלאַס, — אין דער זעלביקער מאָס ווערן געשטאַרקט די כחות פון רעאַקציע און ממילא — פון אַנטיסעמיטיזם. די „פּראָגראַם", משטיינס געזאָגט, פון „איינצוימען" אָדער אונטערדריקן די אידישע קאָמוניסטן און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די אידישע מאַסן ווי אַ מיטל קעגן אַנטיסעמיטיזם, קאָן האָבן בלויז די פאַרקערטע ווירקונג: אָפּשוואַכן די הויפּט־קראַפט, וואָס קעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם און רעאַקציע אין אַלגעמיין.

אויב די אידישע בורזשואַזיע און קלייבנבירגערטום האָט אויך וואָס מורא צו האָבן פאַר דער שטייגנדער אַנטיסעמיטישער כוואַליע (און ס׳איז קיין ספק ניט, אַז פאַר די בירגערלעכע שיכטן איז עס אויך אַן ערנסטע געפאַר), דאַרף איר דער אינסטינקט פון זעלבסט־שוץ דיקטירן צו שטיצן און ניט צו דערשטיקן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. די פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע געפאַר אין אַמעריקע וועט ניט אויסגעראָטן ווערן דורך אַ בונד פון דעם אידישן קלייבנבירגערטום מיט די פאַשיסטישע עלעמענטן, נאָר דורך אַ בונד מיט די רעוואָלוציאָנערע אַנטי־פאַשיסטישע עלעמענטן. דאָס איז עלעמענטאַרע לאָגיק, אָבער צום באַדויערן האָבן ווייט ניט אַלע אידישע קלייבנבירגער און אַרבעטער באַנומען אָט־דעם עלעמענטאַרישן אמת.

ספּיוואַק׳ס אויפדעקונגען ווייזן, אַז מיר קאָנען זיך מער ניט פאַרגינען צו בלייבן פּאַסיוו אָדער זיך צו באַנוגענען מיט חקירות וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. די געפאַר איז אַ סך ערנסטער, ווי מ׳האָט זיך ביז אַהער פאָרגעשטעלט, און די נויטיקייט פון באַשטימטער אַקציע איז אַ סך דרינגענ־דער. פאַר די אידישע מאַסן אין אַמעריקע שטייט איצט אַ קריטישער אויס־וואַל: אָדער אַריינטרעטן אין אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט דעם רעוואָלוציאָ־נערן טייל פון אַרבעטער־קלאַס פאַר קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם,

אָדער — שטיצן און שטאַרקן גראַד יענע רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס שאַפן און פאַרשפּרייטן די אַנטיסעמיטישע געפאַר.

די טענה, אַז דורך אַ בונד מיט דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צוליב'ן קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם וועלן די אידישע מאַסן זיך „דיסקרעדיטירן” אין די אויגן פון „פאָלק”, איז צו לעבערלעך, אַז מען זאָל זי דאַרפן אָפּשטרייטן. זעען מיר דאָך, אַז אפילו איצט, ווען די קאָמוניסטן זיינען אַ קליינע מינדערהייט אין דער אידישער באַפעלקערונג פון אַמעריקע, פריידיקן די אַנטיסעמיטן זייער תורה, אַז „אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן און אַלע קאָמוניסטן זיינען אידן”. אַף וויפיל דאָס וואָרט „קאָמוניסט” גילט נאָר ווי אַ מיטל פון פאָגראָם־העצע און פאַשיסטישן טעראָר, מוז איינער ניט זיין דוקא אַ קאָמוניסט, אַז מען זאָל קעגן אים באַנוצן די דאָזיקע העצע. לויט דער דעמאַגאָגיע פון די אַנטיסעמיטן קומט דאָך אויס, אַז ריכטער פראָסקאַוער, מאָריס וואַלדמאַן און די דזשענטלמענער פון דער פלאָרשיים שו קאָמפּאַני זיינען אויך קאָמוניסטן פשוט דערפאַר וואָס זיי זיינען אידן, כאָטש אָט־די אידישע קאַפּיטאַליסטן און כלל־טוער האָבן בייגעשטייערט שווערע טויזנטער צו באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

ניין, עס איז ניטאָ קיין צוויי וועגן צו באַקעמפן די שטייגענדע געפאַר פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. דער וועג פון שטיצן די רעאַקציע ווי אַ מיטל צו באַוואָרענען זיך קעגן דעם מין רעאַקציע, וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז דער וועג פון זעלבסטמאָרד. די אידישע מאַסן קאָנען און טאָרן דעם דאָזיקן וועג ניט באַטרעטן. נאָר אין אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די רעוואָלוציאָנערע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס קאָנען די אידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אָנפירן אַ דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און זיך באַוואָרענען פון פאָגראָמען, וואָס ווערן שוין איצט געפלאַנט און צוגעגרייט.

ארויסגעבער.